STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04016

IDISH LEBN IN AMERIKE

Leon Lander

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

PROPERTY OF
BNAI AMOONA LIBRARY
- 38

אידיש לעבן אין אמעריקע

איבערבליק און איינדרוקן
פון אַמעריקאַנער אידישן לעבן אין אַמעריקע

פון
לעאָן לאַנדער

1964 ה׳תשכ״ד

געדרוקט בײַ די ברידער שולזינגער

געווידמעט צו מיין ליבער פרוי

ג י ט ל

צו אונזער גאָלדענער חתונה.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט 7
אַריינפיר 9

אידישער רעליגיעזער לעבן אין אַמעריקע

חנוכה און קריסטמעס........ 25
די טענות קעגן רעפאָרם........ 28
די היינטיקע רעפאָרם־אידן........ 34
די פּראָבלעמען פון קאָנסערוואַטיוון ראַביי........ 39
אָרטאָדאָקסישע שולן אין אַמעריקע........ 42
וואוהין גייט דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום?........ 49
די מאָדערנע ציוויליזאַציע און דער איד........ 55
פון חורבן צו בנין........ 60
די היינטיקע משכילים........ 65
די נייע וועלט נאָך דער מלחמה........ 70

ציוניזם און מדינת ישראל

די סתם־ציוניסטן 79
צוויי אידישע קאָנגרעסן........ 84
די קעמפער פאַר אידיש אין ארץ־ישראל........ 88
אריה־לייב געלמאַן 93
פּראָפעסאָר גוסטאַוו קלויזנער........ 96
די אויפגאַבע פון „מזרחי״־פירער........ 98
25 יאָר עקזיסטענץ פון סט. לואיסער מאַקאַבייער........ 105
מדינת ישראל און אַמעריקאַנער אידן........ 109

שיבת ציון 113
מדינת ישראל און רעליגיע........................ 123

אידישע דערציאונג אין אַמעריקע

ציוניסטישע באַגייסטערונג און חינוך........................ 129
די שולדיקע אין נידעריקן מצב פון חינוך........................ 134
די אידישע יוגנט........................ 140
די אויפגאַבן און פּראָגראַמען פון חינוך........................ 144
אונזער אַרמיי 153
צוריק צו אַ נאָרמאַלן לעבן........................ 158
די שרעקלעכע אָרעמקייט אין אונזערע רייען........................ 161
אונזער ענטפער צו די שונאי ישראל........................ 166
די פּראָבלעמען פון אידישער דערציאונג און זייער תיקון........................ 170
די נייע ראָלע פון אַמעריקאַנער אידן........................ 175

פאָרוואָרט

דאָס דאָזיקע ווערק „אידיש לעבן אין אַמעריקע״ איז ניט אַ גע־שיכטע פון אידן אין אַמעריקע. ס׳איז בלויז אַ קורצער איבערבליק און פערזענלעכע איינדרוקן פון דעם אידישן גייסטיקן לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד אין די לעצטע עטלעכע דורות.

ס׳איז פאַקטיש אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען, געשריבן און דער־שינען אין דער אידישער פרעסע אין משך פון 25 יאָר, 1930—1955.

זיי זיינען געשריבן אויף טעמעס פון טיפן אינטערעס פאַר יענער שטורעמדיקער פעריאָדע ווען פאַלגנדיקע געשעענישן האָבן פאַסירט:

1. די צווייטע בלוטיקע וועלט־מלחמה;
2. די פאַרניכטונג פון מיליאָנען אידן און חורבן פון באַרימטע קהילות אין איראָפּע;
3. די גרעסטע היסטאָרישע געשעעניש: די גרינדונג פון מדינת ישראל.

די אַרטיקלען פאַר דעם דאָזיקן ווערק זיינען אויסגעקליבן, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען געשריבן געוואָרן אויף טאָג־טעמעס, אונטער דעם איינדרוק פון דעם מאָמענט, פאַרמאָגן זיי אָבער אין זיך עטוואָס וואָס זאָל אינטערעסירן אויך דעם היינטיקן דור אידן אין אַמעריקע.

די אַרטיקלען זיינען איינגעטיילט אין דריי חלקים:

1. רעליגיעז אידיש לעבן אין אַמעריקע;
2. ציוניזם און מדינת ישראל;
3. אידישע דערציאונג אין אַמעריקע.

דער „אַריינפיר" איז אַ קורצער היסטאָרישער איבערבליק פון דעם אידישן גייסטיקן לעבן אין אַמעריקע פון אָנפאַנג ביז היינטיקער צייט.

אַלס טראַדיציאָנעלער און נאַציאָנאַלער איד האָב איך די דאָזיקע אַרטיקלען געשריבן אין גייסט פון לאָיאַליטעט צו אידישע טראַדיציעס און ליבע צו ארץ־ישראל.

די געדאַנקען און אידייען וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין דעם דאָזיקן ווערק זיינען מיינע פערזענלעכע איבערצייגונגען און זיינען אָפט ניט אין איינקלאַנג מיט די מיינונגען פון די פירער פון אידישע אָרגאַניזאַציעס. זיי קומען אָבער פון טיפן האַרץ מיט ערלעכע כוונות און מיט פייערדיקער ליבע צום אידישן פאָלק און זיינע טראַדיציעס.

לעאָן לאַנדער

א׳ כסלו, ה׳תשכ״ד.

אַריינפיר

ווען אָט־די שורות ווערן געשריבן, 18 יאָר נאָך דעם סוף פון דער שרעקלעכער, צווייטער וועלט־מלחמה און 15 יאָר נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל, זיינען אין דער וועלט פאַרבליבן בלויז 2 וויכטיקע אידישע צענטערס.

דער גרעסטער איז דער פינף־און־אַ־האַלב־מיליאָניקער אידישער קיבוץ אין אַמעריקע, און דער אַנדערער, דער קלענערער אין צאָל — אָבער זייער חשוב פאַר דעם אידישן פאָלק — מדינת ישראל, געגרינדעט אין יאָר 1948 און ציילט איצט איבער צוויי מיליאָן אידישע איינוואוינער, כן ירבו; אַ קיבוץ גליות פון אַלע לענדער אין דער וועלט.

די אַלע גרויסע און וויכטיקע אידישע קהילות פון פוילן, גאַליציע, ליטע, רומעניע, עסטרייך, דייטשלאַנד און אַ צאָל אַנדערע קלענערע קיבוצים אין אייראָפּע, וואו דער אידישער קולטורעלער, רעליגיעזער און תורה׳דיקער לעבן האָט געבליט, זיינען חרוב געוואָרן און אָפּגעווישט געוואָרן פון דער וועלט דורך דעם רשע המן־היטלער און זיינע דייטשע נאַציס מיט זייערע אַרויסהעלפער, ימח שמם וזכרם.

די קרוב צו 3 מיליאָן אידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד, זיינען פון די באָלשעוויסטישע פירער פאַר׳משפט צום אונטערגאַנג, רעליגיעז און קולטורעל, אַלס אידן.

זיי האָבן אויך נישט קיין מעגלעכקייט צו האָבן פאַרבינדונגען מיט אידן פון אַנדערע לענדער און זיי איז שטרענג פאַרבאָטן צו קומען אין באַרירונג מיט די פאָרשטייער פון מדינת־ישראל.

די רוסישע אידן זיינען ווי אַן אָפּגעבראָכענער צווייג פונעם אידישן בוים, וועלכער ווערט פאַרדאַרט און אָפּגעטויט. עס איז זיי באַשערט צו פאַרשווינדן אַלס אידן, פונקט ווי די עשרת השבטים פון מלכות ישראל מיט אַרום 2500 יאָר צוריק — סיידן ס׳זאָל פאַסירן אַ נס וואָס וועט ראַטעווען די רוסישע נדחי ישראל פון זייער געפאַנגענשאַפט איידער עס ווערט צו שפּעט.

אַזאַ נס קען פּאַסירן ווען די רוסישע קאָמוניסטן וועלן דערלויבן זייערע אידן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיי, די באַפרייטע אידן, וועלן אויפגענומען ווערן פון זייערע ברידער אין מדינת־ישראל מיט אָפענע אָרעמס.

עס ווערט געשאַצט, אַז נאָך 2 מיליאָן אידן בערך זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע וועלט־טיילן.

איבער אַ האַלב מיליאָן אידן געפינען זיך איצט אין פראַנקרייך. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען אַנטלאָפענע פון אַלזשיריע, אַפריקע, וואָס איז פריער געווען אונטער דער הערשאַפט פון פראַנקרייך און איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק נאָך אַ בלוטיקן קאַמף מיטן פראַנצויזישן מיליטער. די אידן זיינען געוואָרן באַשולדיקט אין האָבן סימפּאַטיזירט מיט פראַנקרייך. און נאָך דעם אָפּמאַך פון זעלבסטשטענדיקייט פאַר אַלזשיריע, האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואו זיי האָבן געלעבט במשך פון פילע דורות. די מערסטע פון זיי האָבן עמיגרירט קיין פראַנקרייך.

ס'עקזיסטירן אויך אַ צאָל אידישע קהילות אין דרום־ און צענט־ראַל־אַמעריקע. דער גרעסטער פון זיי איז דער קיבוץ אין אַרגענטינע. אויך אין ענגלאַנד געפינט זיך אַ קליינע אָבער ווירקזאַמע קהילה. קליינע אידישע קיבוצים זיינען אויך פאַראַן אין די מדינות פון אַזיע און אַפריקע.

דער סך־הכל פון אידן אין דער וועלט ווערט געשאַצט אין איבער 12 מיליאָן. דאָס איז אַ באַדייטנדיק־קלענערע צאָל פון דער צאָל אידן אין די דרייסיקער יאָרן, ווען דער סך־הכל האָט דערגרייכט צו אַרום 18 מיליאָן נפשות. אָבער דאָס איז געווען פאַר דער בלוטיקער וועלט־מלחמה און פאַר דעם פאַרניכטונגס־פּראָגראַם פון די דייטשע מערדער, ווען זיי האָבן אויסגעמאָרדעט און פאַרטיליקט אַ דריטל פון דעם אידישן פאָלק.

די קליינע אידישע קהילות, אויסער די פאַראייניקטע שטאַטן און מדינת־ישראל, זיינען צו־קליין און צו־שוואַך בכדי צו שאַפן עפּעס וויכטיקס אין רעליגיעזן און קולטורעלן לעבן פון אידישן פאָלק.

זיי, די אידן פון די קלענערע קיבוצים, האָבן שווערע פּראָבלעמען און זאָרגן ווי צו באַקעמפן אַסימילאַציע און אויסמישונג מיט דער

אַלגעמיינער באַפעלקערונג און זיי זיינען נישט בכח צו שאַפן עפּעס פון גרויסער ווערט פאַר דער אידישער אומה.

מדינת־ישראל וואָלט, נאַטירלעך, געדאַרפט זיין דער קיבוץ וואו עס זאָלן געשאַפן ווערן די גרויסע און וויכטיקע גייסטיקע אוצרות.

ס׳איז נאַטירלעך, אַז אידן וואָס האָבן הונדערטער יאָרן געטרויערט אויף דעם חורבן פון ארץ־ישראל און האָבן אין די טעגלעכע תפילות געבעטן אויף דער גאולה; זיי, די רעליגיעזע אידן, זאָלן דערוואַרטן און האָפן, אַז איצט, ווען מדינת־ישראל איז נאָכאַמאָל עטאַבלירט געוואָרן, זאָלן אַלע שיינע אידישע טראַדיציעס אויפלעבן און אויפבליען אין אידישן לאַנד. און ווען אידן קערן זיך אום צו דעם הייליקן לאַנד פון זייערע אָבות — וואָלט ציון געדאַרפט זיין דער צענטער פון תורה און חכמה, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער נבואה: „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים“.

אַ גרויסע אָנשטרענגונג ווערט געמאַכט פון די רעליגיעזע גרופּן אין ישראל, מיט דער פינאַנציעלער און מאָראַלישער הילף פון טראַדיציאָנעלע אידן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אידעאַל.

דער קאַמף איז אָבער אַ שווערער, ווייל דער גרעסטער טייל פון די איינגעוואַנדערטע אידן אין ישראל קומען פון יענע גלות־לענדער, וואו אַדאַנק די אוממענטשלעכע ליידן, האָבן זיי פאַרלוירן זייער גלויבן אין ג־ט און אין אידישע טראַדיציעס.

אויך אַ צאָל פון די פירער פון לאַנד — געוועזענע חלוצים און סתם־תושבים, וועלכע האָבן פילע יאָרן געליטן און זיך מוסר נפש געווען פאַרן בנין הארץ — זיינען ניט־רעליגיעז און האָבן ניט קיין אינטערעס אין רעליגיעזע פּרינציפּן. אַ צאָל פון זיי קעמפן אַפילו פּרינציפּיעל קעגן דער אויפלעבונג פון אידישן דת און אידישע טראַדיציעס אין לאַנד.

אַט־יענע עלעמענטן לייגן שטערונגען אויף דעם וועג וואָס פירט צו אַן ארץ־ישראל, פאַר וועלכער מיליאָנען אידן האָבן געלעכצט במשך אַ סך דורות — אַן ארץ־ישראל, לעם ישראל, על־פּי תורת ישראל.

אָבער אָט־דער ערנסטער ענין איז אַ פּרק פאַר זיך און ווערט ברייטער באַהאַנדלט אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל פון אונזער ווערק.

דער פאַקט איז, אַז מדינת־ישראל, טראָץ אַלע שוועריקייטן, איז דער גייסטיקער אידישער צענטער פון תורה, חכמה און וויסנשאַפט, וועלכער ברענגט כבוד און גרויס דרך־ארץ פון אַלע אַלטע און נייע פעלקער אין דער וועלט. אַלע וועגן פירן צו דעם, אַז דער „מציון תצא תורה" זאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

מיר קומען איצט צו אונזער וויכטיקן ענין: דער גייסטיקער אידישער לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

על־פּי שכל, לאָגיק און יושר וואָלט דער אידישער קיבוץ אין אַמעריקע געדאַרפט וואַקסן און בליען קולטורעל און געדאַרפט שאַפן דעם גרעסטן צענטער פון תורה און חכמה אין דער אידישער געשיכטע.

אַ קהילה וואָס באַשטייט אָן עין־הרע פון העכער פינף און אַ האַלב מיליאָן נפשות — כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער צאָל אידן אין דער וועלט — און איז דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער קיבוץ אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, וואָלט געדאַרפט שאַפן אומגע־הויער־וויכטיקע שאַפונגען לדורות. ווייל אויסער דער גרויסער צאָל אידן וואָס לעבן אין דאָזיקן לאַנד אונטער דער געבענטשטער פרייהייט בהרחבה, איז אַמעריקע אויך דער פאַסיקסטער באָדן פאַר דער אַנט־וויקלונג און דעם פּראָגרעס פון דער אידישער קולטור.

אין קיין לאַנד אין דער וועלט — אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט — איז ניט געגעבן געוואָרן אַזוי פריי און ברייט־האַרציק די פרייהייט, די גלייכהייט און מעגלעכקייט פאַר יעדן פאָלק, יעדער רעליגיעזער גרופּע, יעדער באַוועגונג און יעדן אינ־דיווידועלן מענטשן זיך צו אַנטוויקלען לויט זיין באַגער, ווי ס'איז אין די געבענטשטע פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

די זעלבסטשטענדיקייט־באַפרייאונגס־דעקלאַראַציע פון יאָר 1776, די קאָנסטיטוציע פון יאָר 1790 און די שפּעטערדיקע אַמענדמענטס האָבן פאַרזיכערט די פולע פרייהייט פאַר יעדן יחיד און פאַר אַלע גרופּן.

אַלע פעלקער און קולטורן — און צווישן זיי אויך אידן — האָבן

דאָ אַ פּרוכטבאַרן באָדן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון זייער קולטור אויף דער העכסטער מדרגה.

דער פֿאַקט איז, אַז אַ גרויסע צאָל אידן האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופֿע אויף אַלע געביטן: עקאָנאָמיש — פֿירער פֿון אינ־דוסטריע און קאָמערץ; קולטורעל — באַרימט אין ליטעראַטור, מוזיק און קונסט; פּאָליטיש — קאָנגרעס, סענאַט, מיניסטאָרן, גאָווערנאָרס, ריכטער, און אַפילו מיטגלידער אין העכסטן געריכט; געזעלשאַפט־לעך — פֿירער פֿון וויכטיקע אינסטיטוציעס, אַפילו אין ספּאָרט און אויף יעדן אַנדערן פֿעלד פֿון אַקטיוויטעט.

צום טיפֿן באַדויערן, האָט זיך דער אַמעריקאַנער אידישער קיבוץ ניט שטאַרק אויסגעצייכנט אויף דעם געביט פֿון תורה און חכמה. עס שטעלט זיך דעריבער די שווערע קשיה: פֿאַרוואָס האָבן אידן אין אַמעריקע נישט געשאַפֿן, געבילדעט און אַנטוויקלט גרויסע אַקאַ־דעמיעס פֿון תורה און קולטור, אַזויווי זייערע ברידער האָבן עס געטאָן אין אַלע אַנדערע לענדער אונטער די שווערסטע באַדינגונגען? ווי קומט עס, וואָס די רייכסטע קהילה אין אַמעריקע האָט ניט דערצויגן קיין באַרימטע „גדולים" אין תורה אין אָט־דעם דאָזיקן גליקלעכן לאַנד?

סאיז געגוי באַקאַנט, אַז אידן לעבן שוין אין אַמעריקע איבער 300 יאָר. זיי זיינען געווען צווישן די ערשטע אַריבערגעקומענע. סאיז אַ פֿאַקט, אַז די ערשטע גרופּע אידן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 23 נפשות, איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק — וואָס האָט זיך דאַן גע־רופֿן ניו־אַמסטערדאַם — אין 1654.

די ווייטערע גרופּן אידן, וועלכע האָבן שפּעטער נאָכגעפֿאָלגט, זיינען געווען מערסטנס מאַראַנען: אַנוסים פֿון דער שרעקלעכער אינ־קוויזיציע — אַן עלעמענט, וואָס איז צום באַדויערן נישט געווען באַהאַווענט אין תורה און טראַדיציע. זיי האָבן באַלאַנגט צום טייל אידן וואָס רופֿן זיך ספרדים, אָדער שפּאַנישע אידן.

געווען זיינען זיי פֿייאיקע, קולטורעלע און שטאָלצע מענטשן און האָבן זיך שנעל צוגעפּאַסט צו דעם לעבן פֿון זייער נייער היים און האָבן מצליח געווען אויף אַלע געביטן.

אַרום דעם יאָר 1815, בערך 150 יאָר נאָכדעם ווי די ערשטע גרופּע ספּרדישע אידן איז געקומען צו די ברעגן פון ניי־אַמסטערדאַם, האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון די „דייטשע אידן״.

די דייטשע אידן, וועלכע זיינען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן געקומען אין גרויסע מאַסן, האָבן ניט פאַרמאָגט די גראַציע און קולטור פון די ספּרדישע אידן. זיי זיינען געווען אָרעם און מאַכטלאָז אין די ערשטע יאָרן, און די ספּרדישע אידן — וועלכע זיינען שוין דאַן געווען פיין אַרויפגעאַרבעט, רייך און פאַרנומען הויכע פּאָזיציעס — האָבן אויף זייערע דייטשע ברידער אַראָפּגעקוקט מיט באַדויערן און גרינגשעצונג.

ס׳האָט אָבער ניט לאַנג גענומען און די דייטשע אידן, דורך שווערער אַרבעט און באַזיצנדיק גוטע פעאיקייטן פאַר מסחר, האָבן זיך איינגעאָרדנט עקאָנאָמיש און קולטורעל און זיינען געוואָרן די פירער און וואָרטזאָגער פון אַמעריקאַנער אידנטום. זייער באַגריף פון אידישער רעליגיע איז, לויט זייער סביבה און דערציאונג, געווען רעפאָרם־אידנטום, וועלכן זיי האָבן שטאַרק אַנטוויקלט און אָרגאַניזירט אין לאַנד.

ערשט ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן אידן פון מזרח־איראָפּע, באַזונדערס פון רוסלאַנד, זיך אַ לאָז געטאָן אין אומגעהויער־גרויסע מאַסן קיין אַמעריקע.

אָט־דער שטראָם פון אידישע אימיגראַנטן קען מיט רעכט באַ־צייכנט ווערן ווי דער אָנהויב פון אידישער מאַסן־אימיגראַציע פון פאָלקס־מענטשן, צווישן זיי אַ באַדייטנדיקע צאָל אָרטאָדאָקסישע אידן.

צום באַדויערן, זיינען כמעט אַלע דאַן געלאָפן ראַטעווען זיך פון די רוסישע פּאָגראָמען אויף אידן. זייענדיק אָרעם און עלנט, איז זייער הויפּט־אויפגאַבע געווען זיך איינצואָרדענען עקאָנאָמיש און אָנ־זאַמלען געלט בכדי אַריבערצוברענגען זייערע פאַמיליעס פון יענער זייט ים.

די יעניקע וואָס זיינען זיי געקומען צו הילף זיינען געווען די גרויסע, רייכע ברידער — די דייטשע רעפאָרמירטע, אַמעריקאַניזירטע אידן, וועלכע — טראָץ דעם וואָס זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די

רוסישע אידן ווי אויף אַ גרופּע „ווילדע" מענטשן; פּונקט ווי מיט אַרום 50 יאָר פריער האָבן די ספרדישע אידן געקוקט אויף די דייטשע אידן — האָבן אָבער די דייטשע אידן געשאַפן פיל הילף פאַר זייערע אָרעמע, „גרינע" ברידער.

די אַמעריקאַניזירטע דייטשע אידן זיינען, נאַטירלעך, ניט געווען פאַראינטערעסירט צו מאַכן פון די נייע אידישע אימיגראַנטן בעסערע אידן לויט דעם באַגריף פון תורה־אידנטום. דער הויפּט אינטערעס און אַמביציע פון די דייטשע אידן איז גאָר געווען אַ פאַרקערטער: אַוועקצונעמען די ניי־אָנגעקומענע פון דעם אייראָפּעאיש־אידישן געטאָ־לעבן מיט די „פאַנאַטישע" מנהגים און זיי אַמעריקאַניזירן; צו מאַכן די אומוויסנדיקע אימיגראַנטן פאַר קולטורעלע אַמעריקאַנער.

זיי האָבן פאַרן דאָזיקן צוועק געגרינדעט לערן־אינסטיטוציעס, וועלכע די נייע אימיגראַנטן האָבן אָפּט באַזוכט, דאָרט געלערנט די ענגלישע שפּראַך, די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און זיך אינפאָרמירט וועגן דעם נייעם לעבן־שטייגער אין אַמעריקע.

די רייכע אידן האָבן געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט בכדי צו העלפן די אַריבערגעקומענע אויך פינאַנציעל און האָבן געשאַפן אינ־סטיטוציעס אויך פאַר אָט־דעם צוועק. די דאָזיקע וואונדערבאַרע אַר־בעט פאַר די עלנטע אידישע אימיגראַנטן איז אַ שיינער קאַפּיטל פון אידישער צדקה.

אַ טיילוויַיזער ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס דער אידישער קיבוץ אין אַמעריקע איז געווען הינטערשטעליק אין קולטורעלן פראָג־רעס — איז דער פאָלגנדיקער פאַקט: צום באַדויערן זיינען די ערשטע אַריבערגעקומענע אידן פון מזרח־אייראָפּע געווען פון די נידעריקע שיכטן, אויף וועלכע די פאַרבליבענע אידן האָבן געזאָגט: „אַ מצוה אויף זיי וואָס זיי פאָרן אין דער גוי'אישער, טריפה'נער אַמעריקע. זיי זיינען סיַיווי קיין לייט ניט".

די בעסערע אידן, וואָס זיינען געווען אָפּגעהיטן אין אידישקייט, געקענט לערנען און געהאַט שיינע מידות, זיינען אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט ניט געפאָרן קיין אַמעריקע.

די ערשטע, פריש־אַריבערגעקומענע, פּראָסטע אידן, ביים סוף

פון 19־טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט, האָבן געהאַט אַ פאַלשן באַגריף וועגן אַמעריקאַנער פרייהייט.

זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז פרייהייט איז ניט בלויז אַ באַפרייאונג פון שקלאַפעריי, פון ביטערן גלות און פון די אומדערטרעגלעכע ליידן פון די רוסישע גזירות און פאָגראָמען, נאָר עס מיינט אויך הפקירות — אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון אידישע טראַדיציעס און דעם עול פון תורה און מצוות. אָפּהיטן אידישקייט איז ביי זיי געווען אַן אַקט פון פינסטערניש און אָבערגלויבן. קומענדיק קיין אַמעריקע האָבן זיי זיך באַלד „אַמעריקאַניזירט״: אַוועקגעוואָרפן דעם טלית און תפילין און זיך „באַפרייט״ פון מצוות מעשיות.

דער גרעסטער טייל פון די אידישע אימיגראַנטן זיינען אין אַמע־ריקע געוואָרן נאָדל־אַרבעטער — שניידער און שוסטער אין די פאַב־ריקן, אין וועלכע מ׳האָט במשך פון לאַנגע שטונדן שווער געאַרבעט אונטער די ערגסטע באַדינגונגען פאַר אַ שרעקלעך־קליינער לוין.

זיי האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין ראַדיקאַלע אַרבעטער־יוניאָנס און אין „בונד״־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן העלדיש גע־קעמפט קעגן קלעריקאַליזם, קעגן רעליגיע און נאַציאָנאַליזם, און קעגן די נאַטירלעכע געפילן פון באַלאַנגען צו אַ אידיש פאָלק און לאָיאַליטעט צו אידישע טראַדיציעס.

אַ סך פון אונז געדענקען נאָך דעם ביטערן און פאַר׳עקשנ׳טן קאַמף וואָס די אידישע ראַדיקאַלן האָבן אָנגעפירט קעגן שול־אידן; זייערע יום־כיפור־באַלס און שאַרפע אַטאַקעס אויף רעליגיעזע אידן.

די זעלבע ראַדיקאַלן האָבן געקעמפט ניט בלויז קעגן רעליגיע, נאָר אויך קעגן ציוניזם און ציוניסטן און סתם־אידן וואָס האָבן זיך גע־פילט שטאָלץ אַלס אידן, אָנרופנדיק זיי מיט שענדלעכע נעמען, ווי „פינסטערלינגע״ אד״גל, פאַר זייער ליבע און איבערגעבנקייט צו זייער פאָלק.

צום גליק זיינען ניט אַלע איינגעוואַנדערטע אידן געווען פון דאָזיקן קלאַס. ס׳זיינען געווען אַ סך אידן אויך דאַן, וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט אין טראַדיציאָנעלער אידישקייט. אָבער צום באַדויערן זיינען די מערסטע געווען פון דעם אָרעמען קלאַס, וועלכע האָבן —

טראָץ זייער איבערגעבנקייט צו אַלץ וואָס איז אידיש — ניט געהאַט די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן צו בויען פאַסיקע בנינים פאַר שולן און תלמוד־תורה׳ס און זיינען אָפילו ניט געווען בכח אַנצושטעלן פאַסיקע רעליגיעזע פירער און פייאיקע לערער פאַר דער אידישער דערציאונג פון זייערע קינדער. אַזוי־אַרום איז דער מצב פון דער אידישער רעליגיע און אידישן חינוך געווען זייער אַ שפּל׳דיקער.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ ספּעציעלע אַמעריקאַנער צרה — חוצפּה, פאַרשוינען, וועלכע וואָלטן ניט געוואַגט צו עפענען דאָס מויל אין דער סביבה פון איידעלע מענטשן אין פריערדיקע צייטן, זיינען דאָ געוואָרן די ראשי המדברים, די פירער, און דער כבוד פון תורה און תלמידי־חכמים איז נידעריק געזונקען.

די פירער פון אָרטאָדאָקסישע שולן און תלמוד־תורה׳ס ווי אויך פון די לאַדזשעס און פאָלקס־אַנשטאַלטן זיינען געווען גראָב און אומוויסנד. יעדער פּראָסטאַק, וואָס האָט נאָר געהאַט גענוג חוצפּה, האָט זיך געשפּאַרט צום אויבן־אָן און איז געוואָרן אַ פירער ביי אידן. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָבן די בעסערע, איידעלערע עלעמענטן ניט געקענט, און ניט געוואָלט, זיך פאַרבינדן מיט אַזאַ סאָרט פירער־שאַפט.

פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן אַ שטראַל פון האָפענונג פאַר דעם טראַדיציאָנעלן אידנטום ווען ביי דער ענד פון 19־טן יאָר־הונדערט האָבן אַ צאָל וויכטיקע שולן פון ניו־יאָרק זיך פאַראייניקט און אַראָפּגעבראַכט דעם גרויסן רב פון ווילנע, ר׳ יעקב יוסף, פאַר אַ רב הכולל, וועלכער האָט זיך אָנגעשטרענגט איינצופירן אָרדענונג אין אידישן קהילה־לעבן אין ניו־יאָרק.

צום באַדויערן האָט זיך אָט־די אונטערנעמונג ניט איינגעגעבן. די זאָגענאַנטע אידישע פירער האָבן ניט געקענט פאַרדייען די אָר־דענונג און האָבן אונטערגעגראָבן און צעבראָכן די אחדות. און ווידער איז צוריקגעקומען דער־תוהו־ ובוהו־לעבן אויף אַ לענגערער צייט.

אין דער צייט ווען אָרטאָדאָקסישע אידן — פריש־אָנגעקומענע פון מזרח־אייראָפּע — האָבן זיך אַרומגעריסן און זיך געראַנגלט פאַר זייער עקזיסטענץ און ניט געווען אומשטאַנד זיך צו אָרגאַניזירן, זיינען

די דייטשע רעפאָרם אידן געוואָרן שטאַרק און איינפלוסרייך. רייכע, אַנציעענדיקע טעמפלען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן און די רעפאָרם־באַוועגונג האָט צו זיך צוגעצויגן די בעסטע עלעמענטן פון דער אַמעריקאַנער אידישער באַפעלקערונג.

שפעטער אָבער, ווען די רעפאָרמער זיינען צו־ווייט אַוועק מיט זייערע רעפאָרמען און אויסגעשניטן פון די תפילות אַלץ וואָס ס׳איז הייליק ביי אידן, מבטל געמאַכט דעם שבת און די ימים־טובים און אַרויסגעריסן אַלע האָפענונגען פאַר שיבת ציון, האָבן זיך די טראַדיציאָנעלע פאָרשטייער צוריק־געצויגן און פאָרמירט די קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג.

דאָס קאָנסערוואַטיווע אידנטום האָט איבערגענומען פון די רע־פאָרמער די אויסערלעכע רעפאָרמען, אַריינברענגענדיק תפילות אין ענגליש, שפעטער — אויך דאָס געמישטע זיצן פון מענער און פרויען. אייניקע זיינען אַוועק נאָך ווייטער און איינגעפירט געמישטע כאָרן און אַן אָרגאַן אין זייערע שולן. די פרינציפן פון אָנהאַלטן אַלע טראַ־דיציאָנעלע דינים און מנהגים זיינען אָפיציעל פאַרבליבן אין דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג.

די אַזוי־גערופענע בעסערע עלעמענטן פון אָרטאָדאָקסישן אידנ־טום — די רייכערע, די אַמעריקאַניזירטע, וועלכע זיינען געוואָרן אַנ־טוישט פון זייערע פירער און דער אָרדענונג וואָס האָט געהערשט אין אָרטאָדאָקסישע שולן — האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די שיינע, פראַכטפולע שולן און טעמפלען פון די קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמער, וואו עס האָט געהערשט אָרדענונג און די תפילות זיינען אָנגעפירט געוואָרן אויף אַן אָנציעענדיקן אופן דורך יונגע, אַמעריקאַניזירטע ראַביים.

באַזונדערס זיינען געוואָרן אינטריגירט די אינגערע, די היגע געבוירענע און דערצויגענע אין אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס און אויך יענע אידן וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט עקאָנאָמיש.

עס איז געוואָרן אַ מין טראַדיציע, אַז די גאָר רייכע זיינען גע־וואָרן רעפאָרם־אידן און מיטגלידער פון די טעמפלען; די יעניקע וואָס זיינען ניט גאָר רייך, נאָר זיי האָבן פרנסה בשפע, דער מיטל־קלאָס — פראָפעסיאָנאַלן און געשעפטסלייט — האָבן זיך אָנגעשלאָסן

ווי מיטגלידער אין קאָנסערוואַטיווע שולן; די אָרטאָדאָקסישע שולן, וועלכע זיינען ניט געווען אָנציענדיק, זיינען מערסטנס פאַרבליבן מיט דעם אָרעמערן קלאַס אידן — די קליין־הענדלער און אַרבעטער.

די אַמעריקאַנער גאַס האָט געטאָן דאָס איריקע. די מאַסן אידן האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן זייער אינטערעס אין אידישקייט. די אָר־טאָדאָקסישע שולן זיינען געוואָרן פוסט און ליידיק אין די וואָכן־טעג און וואָכעדיק שבת. דער מנין איז באַשטאַנען פון עטלעכע זקנים, אַ פּאָר כלי־קודש, ווי אַ חזן, אַ מוהל, אַ שוחט, און די איבעריקע — מערסטנס אַבלים, וואָס קומען זאָגן קדיש.

ציטנוויז האָט מען אָנגעטראָפן אַ מנין וואו אַלע האָבן געזאָגט קדיש, און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דור יתום — אַ טויטע אידישקייט.

שבת און יום־טוב איז דער עולם אַביסל גרעסער, ספּעציעל ווען מען האָט געפייערט אַ בר־מצוה־שמחה. דער בר־מצוה־בחור איז אין דעם רוב פאַלן געווען ווייט פון תורה און אידישקייט. די עלטערן פונעם בר־מצוה־בחור האָבן זיך געכאַפּט עטלעכע מאָנאַטן פאַר זיין 13־יעריקן געבורטסטאָג, אַז זייער זון דאַרף באַלד ווערן בר מצוה. האָט מען פאַר אים שנעל אָפּגעזוכט אַ מלמד, וועלכער האָט שווער געהאָ־רעוועט אויף אויסצולערנען דעם אינגל אַביסל עברי, דעם ניגון פון דער הפטורה, די ברכות צו דער עליה לתורה און אַ דרשה אין ענגליש, אין וועלכער דער בר־מצוה דערקלערט, אַז „היינט ווערט ער אַ מיטגליד פון אידישן פאָלק און זאָגט־צו אָפּצוהיטן אַלע מצוות״. אָבער באַלד נאָך דער גרויסער „פּאַרטי״, אָפּטמאָל אַ באַנקעט אין אַ האָטעל מיט אַלע מכשירים און מתנות, פאַרגעסט דער בחור אין זיין דרשה צוזאַמען מיט דעם גאַנצן אידישקייט און דאָס איז דער סוף פון זיין אידישער דערציאונג און זיין מיטגלידערשאַפט פון אי־דישן פאָלק.

צום גליק פון אַמעריקאַנער אידנטום, באַמערקט זיך אין דער לעצטער צייט אַ וואונדערבאַרע דערשיינונג — אַ צוריקקער צו אידיש־קייט.

אַפילו די רעפאָרמער, וועלכע האָבן מיט 75 יאָר צוריק פּרובירט אַרויסרייסן מיטן שורש אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל, קומען איצט אַלץ מער און מער צוריק צום טראַדיציאָנעלן אידנטום.

אויך אין דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליזם איז געקומען אַ געוואַל־טיקע ענדערונג. דאָס וואָס איז אַמאָל געווען טריף — צו דערקלערן זיך אַלס אַ טייל פון דעם אידישן פאָלק — איז איצט גאַנץ כשר. מערסטע רעפאָרם־אידן פאַרשטייען, אַז אַמעריקאַנער אידן האָבן אַ נאָענטע שייכות מיט מדינת־ישראל.

דער קאָנסערוואַטיווער עלעמענט, וועלכער איז פון אידישקייט קיינמאָל ניט אַוועק צו־ווייט, פאַרבעסערט און פאַרגרעסערט זיין טע־טיקייט אין רעליגיעזן זין און איבערהויפּט אין אַ בעסערן און פולערן פּראָגראַם פון אידישער דערציאונג.

עס איז מערקווירדיק, אַז די קינדער און אייניקלעך פון די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן פאַרוואָרפן זייערע אידישע טראַדיציעס, קומען צוריק צו זייער פאָלק, זייער ג־ט און זייער תורה.

אָט־די וואונדערלעכע דערשיינונג איז ניט געקומען פון זיך אַליין. אַ צאָל וויכטיקע סיבות האָבן גורם געווען צו דער דערוואַכונג פון אַמעריקאַנער אידן פון אַלע קלאַסן און גרופּן און באַזונדערס אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן.

מיר ווילן דאָ בקיצור אָנדייטן אויף די פונדאַמענטאַלע אורזאַכן וואָס האָבן געבראַכט צו דער דאָזיקער דערשיינונג:

דער אונטערגאַנג פון די גרויסע אידישע צענטערן אין מזרח־איראָפּע און אין אַנדערע לענדער האָט געווירקט אויף דעם צאָלרייכן אידישן קיבוץ אין אַמעריקע צו ווערן רייף און זעלבסטשטענדיק. די פירער פון אַמעריקאַנער אידישע קהילות האָבן אָנגעהויבן פאַר־שטיין, אַז די פּראַקטיק פון שפּייזן זיך קולטורעל מיט דעם כוח פון קהילות פון יענער זייט ים איז געקומען צו אַ סוף. דער קוואַל פון וועלכן מ׳האָט געשעפּט רבנים און פירער אין איראָפּע איז איצט אויסגעטריקנט געוואָרן, ווען אַלע קהילות און אינסטיטוציעס פון לערנען זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, ווען דער שטראָם פון תורה און חכמה איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און פאַרטיליקט געוואָרן דורך די נאַצי־רשעים ימח שמם.

PROPERTY OF
BNAI AMOONA LIBRARY

- 38
PROPERTY OF
BNAI AMOONA LIBRARY

אַמעריקאַנער אידן זיינען ענדלעך געקומען צום באַשלוס: „אם אין אַני לי מי לי״, און האָבן זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן צו שאַפן אייגענע כוחות פון קולטור־פירערשאַפט.

ישיבות קטנות, אָדער ווי זיי רופן זיך אַקאַדעמיעס און פּאַראָקיעל־שולן — וואו אידישע קינדער לערנען דעם גאַנצן טאָג אידישע לימודים צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע קורסן — מערן זיך פון טאָג צו טאָג, און צענדליקער טויזנטער אידישע קינדער באַזוכן זיי יעדן טאָג. אויך האָט זיך געמערט די צאָל יונגעלייט וואָס לערנען אין ריכטיקע ישיבות גדולות אין ניו־יאָרק, קליוולאַנד, דיטראָיט, באַל־טימאָר, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט.

אַ סך האָט געהאָלפן דער פייערדיקער נאַציאָנאַליזם וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַמעריקאַנער אידן דורך דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה. אידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו פילן שטאָלץ מיט זייער שטאַם און זיי שטרענגען זיך אָן זיך צו דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה פון תורה און קולטור.

די אָרטאָדאָקסישע שולן ווערן געבויט שיין און אָנציענדיק, אונ־טער דער אָנפירונג פון יונגע אַמעריקאַנער רבנים, וועלכע זיינען אַ בלענדונג פון תורה, יראת שמים און קענטעניש פון וועלטלעכע לימודים.

די אָרטאָדאָקסישע אידן, וועלכע זיינען במשך פון עטלעכע דורות געווען ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך, זיינען איצט גוט אָרגאַניזירט, פּונקט ווי די רעפאָרמער און קאָנסערוואַטיווע קאָנגרעגיישאָנס.

די רבנים און פּראָמינענטע בעלי־בתים קומען זיך פּעריאָדיש צונויף אויף קאָנפערענצן און קאָנווענשאָנס צו פאַרהאַנדלען די פּראָב־לעמען פון אַמעריקאַנער תורה־אידישקייט.

טראַדיציאָנעלע אידן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך גאַנץ רייכע און קולטורעלע עלעמענטן, לאָזן הערן זייער שטימע ווי אַ וויכטיקע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פון אַמעריקאַנער אידן; און מ׳מוז זיך מיט זיי רעכענען, ווייל זיי זיינען היינט אַ מעכטיקער כוח אין דער אידישער אַמעריקע.

עס זיינען פאַראַן מעגלעכקייטן, אַז די אַמעריקאַנער אידישע קהילה זאָל דערגרייכן אַ גאָר הויכע מדרגה ווי אין דער גאָלדענער

תקופה אין שפּאַניע און אפשר גאָר פאַרנעמען אַ הויכן אָרט ווי בבל בשעתה, ווען עס האָבן עקזיסטירט 2 גרויסע אידישע צענטערן — ארץ־ישראל און בבל, און אין אונזער צייט זאָל דאָס זיין מדינת־ישראל און די אַמעריקאַנער קהילה, וועלכע וועט אויך שאַפן אַזעלכע גרויסע ווערק ווי תלמוד בבלי און אַנדערע גרויסע שאַפונגען, לאָמיר האָפן!

אידישער
רעליגיעזער
לעבן
אין
אַמעריקע

חנוכה און קריסטמעס

דער יום־טוב חנוכה האָט אַ גאָר גרויסן מזל אין אַמעריקע, ער ווערט געפייערט ביי אַלע שיכטן אידן מיט פייער און ברען.

אין די אַלטע צייטן אין די אידישע געטאָס, וואו אידישע ימים־טובים זיינען געווען הייליק און טייער, איז גראַד חנוכה געפייערט געוואָרן אויף אַ גאַנץ באַשיידענעם אופן, אָן טומל, אָן ליאַרעם, אָן באָמבאַסטישע אונטערנעמונגען, נאָר שטיל און צניעות׳דיק.

די טראַדיציאָנעלע חנוכה־ליכטלעך האָבן עניוות׳דיק געברענט אין יעדער אידיש הויז. די אידישע קינדערלעך האָבן זיך געפילט יום־טוב׳דיק און אויך די דערוואַקסענע האָבן זיך געפילט אין אַ דערהויבענער שטימונג. אָבער אַלץ פיין, שטיל, אָן טומל.

דאָ אין אַמעריקע האָט חנוכה זוכה געווען צו דעם וואָס אַנדערע וויכטיקע ימים־טובים האָבן ניט דערגרייכט. מ׳פּאַנגט אָן די הכנות אין די פּריוואַטע היימען און צוגרייטונגען פאַר מיטינגס און אונטער־נעמונגען אַ היפּשע צייט פאַר חנוכה, און מ׳פאַרציט די פייערונג ביז... קריסטמעס.

די חנוכה־מתנות זיינען אין אַמעריקע זייער פּאָפּולער. ניט בלויז חנוכה־געלט פאַר קינדער, ווי אין דער אַלטער היים, נאָר אַלע, אַלע — דער פאָטער, די מוטער, זיידע־באָבע, קרובים און באַקאַנטע — אַלע קריגן מתנות.

איז דאָך דאָס גאַנץ פיין און שיין. ס׳וואָלט זיך דאָך געדאַרפט פרייען דאָס אידישע האַרץ און מ׳וואָלט דאָך געדאַרפט זיין שטאָלץ וואָס אַפילו אין אַמעריקע זיינען אידן אַזוי איבערגעגעבן און לאָיאַל צו זייערע היסטאָרישע, נאַציאָנאַלע ימים־טובים און פייערן זיי מיט פייער און התלהבות!

ניט־ווילנדיק אָבער כאַפּט זיך אַריין אַ צווייפל אויב די התלהבות איז טאַקע אַ ריין־אידישע. אַ טרויעריקע מחשבה קומט אויפן געדאַנק, אַז דער פייער פון חנוכה־פּיירונג איז אַן „אש זרה״, אַ פרעמד פייער.

די נאָענטקייט פון חנוכה און קריסטמעס — סיי אין דער צייט

און סיי אין די וועגן און מעטאָדן פון דער פייערונג וועלכע זיינען אַזוי ענלעך — מאַכט גלויבן, אַז דער קריסטלעכער יום־טוב האָט עפּעס אַ שייכות און איינפלוס אויף אונזער צניעות׳דיק־אידישן חנוכה. טראָץ דעם וואָס אָט־די צוויי פייערטעג זיינען פונדאַמענטאַל פאַרשידן ווי טאָג און נאַכט, און ס׳איז מערקווירדיק, וואָס אייניקע ניט־אידן זיינען אונטער דעם איינפלוס, אַז חנוכה איז דער „אידישער קריסט־מעס״.

אַ סך פון אונזערע אחינו בני ישראל טוען אַלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך צו מאַכן חנוכה אויסצוזעען ווי קריסטמעס. שוין אָפּגערעדט פון יענע וואָס מוזן באַצירן זייער הויז מיט אַ קריסטמעס־בוים, אָן אַ חנוכה־מנורה, זיינען פאַראַן אַנדער׳ע די בעסערע, וועלכע שאַפן זיך אײןביידע — אַ חנוכה־מנורה צוזאַמען מיט אַ אידישן חנוכה־בוים פאַר זייערע קינדער.

דאָס באַשיידענע קינדערשע חנוכה־געלט האָט זיך אין אַמעריקע פאַרוואַנדלט אין די באַמבאַסטישע, שרייענדיקע חנוכה־פּרעזענטן פאַר יונג און אַלט לויט דעם נוסח פון דעם קריסטלעכן סאַנטאַ קלאָוז.

אונזערע אָרעמע קינדערלעך דאַרפן זיך נעבעך אויפפירן לויט דער אַלטער, פאַרשימלטער לערע: „זיי אַ איד אין דער היים און אַ מענטש אויף דער גאַס״. פאַר דעם זיידן און באָבען זיינען דאָס חנוכה מתנות און פאַר זייערע חברים און פריינט אין גאַס ווערן זיי „קריסט־מעס־פּרעזענטס״.

דער גאַנצער טומל אַרום חנוכה איז מערסטנס צוגעשניטן און צוגעפּאַסט צום גייסט פון די קריסטלעכע פייערונגען.

בכדי צו דעמאָנסטרירן דעם ענין קלאָרער איז כדאי איבערצו־געבן דעם פאָלגנדיקן פאַקט: אַ יונגע אַמעריקאַנער אידישע פרוי איז געקומען אין אידישן בוך־געשעפט צו קויפן אַ טלית פאַר איר שווער אין דעם חנוכה־קריסטמעס־סעזאָן, און האָט מיט שטאָלץ און צופרידנקייט דערקלערט דעם מוכר־ספרים, אַז זי קויפט דעם טלית פאַר „די אָלד מען״, דעם שווער, ווי אַ קריסטמעס־פּרעזענט און אַז זי וועט דאָס פּעקל אָנוויקלען אונטער דעם קריסטמעס־בוים צו־זאַמען מיט די אַנדערע קריסטמעס־פּרעזענטן.

וואָלט כאָטש קריסטמעס געווען אַ נאַציאָנאַלער אָדער סאָציאַלער

יום־טוב, ווי צום ביישפּיל ניי־יאָר אָדער „טהענקסגיווינג״, וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט. דער אמת איז דאָך אָבער, אַז קריסט־מעס איז אַ ריין־רעליגיעזער טאָג, וועלכער, לויט וויכטיקע טעאָלאָגן, ציט זיך נאָך פון דער צייט פון געצנדינער און איז געווען דער געבורטסטאָג פון איינעם פון די געצן; און ווען די געצנדינער זיינען געוואָרן קריסטן, האָבן זיי אָנגעהאַלטן דעם זעלבן טאָג ווי אַ יום־טוב און אים פאַרוואַנדלט אין יעזוסעס געבורטסטאָג.

עס איז זייער טרויעריק און אויך לעכערלעך, צו זען ווי אַפילו ראַדיקאַלע אידן, וועלכע חוזק׳ן אָפּ פון די אידישע רעליגיעזע טעג, מאַכן אַ גאַנצן וועזן פון אָט־דעם געצנדינערישן יום־טוב.

חנוכה, ווי באַוואוסט, איז אַ היסטאָרישער, נאַציאָנאַל־רעליגיעזער יום־טוב. אידן פייערן דעם זיג פון דער באַפרייאונג פון זייער פאָלק פון אַ שווערן, פרעמדן יאָך. דאָס איז ניט געווען קיין זיג פאַר דער־אָבערונג. די העלדישע מכבי׳ער, וועלכע האָבן מיט מסירת־נפש זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַמף קעגן אַ שונא וואָס איז פיזיש געווען פיל־פאַכיק שטאַרקער פון זיי.

זיי האָבן ניט געקעמפט פאַר מאַכט אָדער לאַנד־דעראָבערונג. זייער פייער און התלהבות זיך אַנטקעגן־צו־שטעלן דעם מעכטיקן שונא, די יונים, איז געקומען צו זיי אַלס קעמפער פון הויכע אידעאַלן, פאַר דער אמונה אין איינציקן ג־ט פון ישראל, פאַר די אידישע טראַדיציעס, פאַר דער ריינקייט פון אידישן גייסט וועלכן דער שונא האָט געוואָלט פאַרניכטן און דער קיום פון דער אידישער אומה איז געווען אין געפאַר.

דער קאַמף איז אויך געווען אַן אינעווייניקסטער — קעגן די רעפאָרמער־מתיונים, קעגן שוואַכע אידן וועלכע האָבן זיך גענומען אויפן וועג פון אַסימילאַציע. דער זיג פון די חשמונאים איז אַן צווייפל געבליבן פאַר אַלע דורות ווי אַ סימבאָל פון נצחון פאַר דעם אידישן פאָלק און ריינעם אידישן גייסט.

פון אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ פאַרצייכנט קומט מען צום געדאַנק, אַז אויך אין דער פרייער אַמעריקע, וואו סטייט און רעליגיע זיינען אָפּגעטיילט און וואו יעדער מענטש קען דינען זיין ג־ט און האַלטן זיין

גלויבן אומגעשטערט — איז דאָך זייער שווער און פּיליכט אוממעגלעך, אַז אַ מינאָריטעט פון אַרום 3 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, זאָל קענען פייערן זיינע ימים־טובים און נאָכפאָלגן זיינע טראַדיציעס, ווייל סוף־כל־סוף שטויסט זיך אָן די מינאָריטעט אין די שוועריקייטן, וועלכע זיינען אין קעגנזאַץ צו דער פירונג פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג.

בלויז אַ קליינער טייל אידן — די גייסטיק שטאַרקע — האָבן אין זיך דעם כוח צו פאַרמאַכן די אויגן צו אַלץ וואָס איז פרעמד דעם אידישן גייסט און גייען עקשנות׳דיק אויף דעם וועג פון תורה און אידישער טראַדיציע.

ערב חנוכה ה׳תרצ״ג — 15־טן דעצעמבער, 1933.

די טענות קעגן רעפאָרם

די אָרטאָדאָקסישע רבנים און רעליגיעזע אידן האָבן מורא׳דיקע טענות צו די רעפאָרם־אידן און האַלטן זיי פאַר כופרים און אַפיקורסים. ווייל תורה־אידן גלויבן, אַז ביידע, די תורה שבכתב און תורה שבעל־פה, די כתבי הקודש, דער תלמוד און אַלע דינים און הלכות וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון די גדולי ישראל דורך אַלע דורות, זיינען הייליק און קיינע פונדאַמענטאַלע ענדערונגען קענען ניט געמאַכט ווערן אונטער קיינע אומשטענדן.

די תורה־טראַדיציאָנעלע אידן טענה׳ן, אַז די אַלע פונדאַמענטאַלע ענדערונגען און רעפאָרמען זיינען געמאַכט געוואָרן פון מענטשן, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען, אָן צווייפל, געלערנטע, קלוגע און ערנסטע מענטשן, אָבער זיי זיינען ניט באַהאַוונט אין דער תורה, ש״ס און פוסקים, און זיינען ניט קאָמפּעטענט אין פראַגן פון הלכה; און צו דעם אַלעם פירן זיי זיך אויף פריי און זיינען ניט אָפּגעהיט אין אידישקייט, זיי זיינען גרייט צו צעברעכן און צעטרעטן אַלץ וואָס איז הייליק ביי אידן פאַר לאַנגע דורות.

די רעליגיעזע אידן באַשולדיקן די רעפאָרם־פירער, אַז זיי האָבן צעבראָכן די הייליקייט פון דעם שבת, וואָס איז די ריזיקע פעסטונג וואָס האָט פאַרשטעלט דעם וועג צו דער אַסימילאַציע.

ווען דער איד אַרבעט אָדער פירט מסחרים אום שבת און רוט אין זונטיק צוזאַמען מיט זיין גוי׳אישן שכן, איז דאַן דער וועג אָפן פאַר די כוואַליעס פון אַסימילאַציע זיך אַריינצורייסן אין זיין לעבן און אינעם לעבן פון זיין משפחה.

שבת איז אָנערקענט געוואָרן אַלס דער אוצר פון אַלע רעליגיעזע אידעאַלן, דער צענטער פון אידישע כוחות הנפש. שבת איז אין אַלע צייטן געווען דער מעכטיקער וואָפן מיט וועלכן אידן האָבן באַזיגט זייערע שונאים און זיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג. אַזעלכע גרויסע ריזן אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור ווי „אחד העם״ און ביאַליק האָבן אויסגעדריקט זייער באַוואונדערונג פאַר דער גרעס־טער מתנה פון שבת צום אידישן פאָלק און האָבן מיט דעם גאַנצן האַרץ געגלויבט אַז „מער ווי אידן האָבן געהיט דעם שבת, האָט דער שבת געהיט דאָס אידישע פאָלק״.

די רעפאָרמער׳ס לייכטזיניקע באַנעמונג צו דעם שבת רואינירט און רייסט אַרויס די סאַמע האַרץ פון דער אידישער אומה.

די רעליגיעזע אָרטאָדאָקסישע פירער קענען ניט מוחל זיין די שרעקלעכע זינד פון דערלויבן חלול שבת ביי אַזוי־גערופענע רע־פאָרם רעליגיעזע פירער.

אויך כשרות איז אַ מעכטיקע פעסטונג פאַר אידן. כל זמן דער אידישער טיש איז אַנדערש ווי דער ניט־אידישער איז פאַראַן אַ גרעניץ צווישן איד און גוי. ווען די רעפאָרמער פאַרוואַרפן די כשר־טרפה פראַגע האָבן זיי צעשטערט אַ וויכטיקע כלי־זיין מיט וועלכער אַ איד באַשיצט זיך פון אונטערגאַנג.

דאָס איז אויך אמת מיט טהרת המשפחה, מיט וועלכער אידן האָבן שטאָלצירט און די ניט־אידישע וועלט האָט פאַר דעם גרויס דרך־ארץ געהאַט, האָט באַוואונדערט און מקנא געווען אידן אויף זייער נאָבעלן, ריינעם שיינעם און הייליקן פאַמיליע־לעבן. זיינען געקומען די רעפאָרמער און האָבן מיט אַ שטריך פון דער פען אויסגעשטראָכן

און אַרויסגעוואָרפן אַלע רעגולאַציעס און דינים וועגן פאַרהייראַטן לעבן און האָבן געמאַכט דאָס הייליקע אידישע פאַמיליע־לעבן מיט לייטן גלייך...

די אידישע שול, דער בית מדרש, דאָס חסידישע קלייזל, וואו אידן האָבן זיך פאַרזאַמלט יעדן טאָג אין דער פרי און אָוונט, אויסצוגיסן זייער ביטער הארץ פאַר זייער פאָטער אין הימל. יעדן שבת און יום טוב זיך איינגעוויקלט אין די טליתים, יעדן וואָכעדיקן טאָג געלייגט תפילין און אויך געלערנט ג־ט׳ס תורה. אָט דער מקדש מעט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי די רעפאָרמער אין אַ טעאַטער אָדער זעט אויס ווי אַ גוי׳שער געבעט־הויז, וואו זיי פאַרזאַמלען זיך פרייטיק אָוונט נאָך זייערע מאָלצייטן, זאַטע און צופרידענע הנאה צו האָבן פון שיינער מוזיק פון דעם אָרגאַן און כאָר געמישט פון פרויען און מענער, אָפטמאָל באַשטייענד פון ניט אידן און צו הערן אַ סוירמאָן פון זייער ראַבאַי אויף פאַרשידענע טעמעס, וועלכע האָבן קיין שייכות מיט אידן, אידישקייט, אמונה און אידישער תורה. און ס׳ווערט באַהאַנדלט פאָליטיק, ביכער־קריטיק, דראַמע, מוזיק און ליטעראַטור.

ביי אָט־די שבת־גאָטעסדינסטן ווערט דער שבת בפרהסיה פאַרשוועכט דורך דער מצוה פון „ליכט־בענטשן״, אָנצינדנדיק די ליכט דווקא מיט אַ ברכה. און נאָך קבלת־שבת אין טעמפּל ווערט דורכגעפירט אין אוידיטאָריום אַ עונג־שבת מיט כל מיני חילול־שבת ווי: רויכערן, שרייבן אד״גל. דאָס אַלץ ווערט געטאָן ניט באַהאַלטענערהייט, נאָר אָפן און פריי, מיט דעם הכשר און באַטייליקונג פון דעם ראַביי, און דאָס איז כשר לכל הדעות לויט דער רעפאָרם־אידעאָלאָגיע.

דעם אָרטאָדאָקסישן אידנ׳ס באַגריף פון רעליגיע איז: אַ דערהויבונג, אַ הויכער אידעאַל מיט הייליקע פּרינציפּן, פאַר וועלכע די אָנהענגער זיינען גרייט צוליידן און זיך מוסר־נפש זיין פאַר אמונה, דאָס איז אמת פאַר אַלע גלויביקע און פאַר אַלע גלויבנס. דאָס איז אַ סך מער קלאָר און איז געוואָרן באַשטעטיקט אין דער לאַנגער, ביטערער געשיכטע , פאַר אונז אידן.

אידן האָבן אין אַלע דורות און אין אַלע לענדער זיך מוסר־נפש געווען פאַר דער אידישער אמונה. זיי זיינען געגאַנגען אין פייער

און אין וואָסער על קידוש־השם פאַר דעם שבת, פאַר תורה־לערנען, פאַר מצוות־היטן — ווייל די אַלע זאַכן זיינען ביי זיי געווען טייער און הייליג.

זיינען געקומען די רעפאָרמער און האָבן פאַרוואַנדלט די אידישע רעליגיע — דעם הייליקן דת און אמונה — אין אַ זאַך פון פאַרגעניגן און באַקוועמלעכקייט; זיי האָבן אַרויסגעשליידערט אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט עכטער אמונה און כמעט אַלע מצוות מעשיות. איז די צערעמאָניע שיין און אַנגענעם און מ׳האָט הנאה פון דער מצוה — מהיכא תיתי. זאָל זי בלייבן. פאַרוואָס ניט אַמוזירן זיך? אָבער אויב די מצוה קומט אָן מיט שוועריקייטן און זי אמוזירט ניט — דאַרף מען זי אַרויסוואַרפן.

דערויף זאָגן די רעליגיעזע יידן, אַז דאָס איז ניט רעליגיע, ווייל בלויז וואַנזיניקע מענטשן וואָלטן זיך מוסר־נפש געווען פאַר אַזאַ סאָרט רעליגיע. ווייל ניט נאָר אַ רעליגיעזער גלויבן, נאָר אויך יעדער אידעאַל קען עקזיסטירן בלויז דאַן ווען דער אידעאַל באַגייס־טערט און פייערט דאָס האַרץ און דעם מוח פון די אַנהענגער צו אַזאַ שטופע ביז זיי זיינען גרייט צו ברענגען קרבנות פאַר אָט־דער אידייע. אָן דעם געפיל פון מסירת־נפש קען קיין באַוועגונג, און באַ־זונדער קיין רעליגיעזע אמונה, לאַנג ניט עקזיסטירן.

וואָלט דער אידישער דת אין פריערדיקע דורות געווען אַ מין רעליגיע וואָס די רעפאָרמער פריידיקן, וואָלט שוין לאַנג קיין זכר ניט געווען פון איר און זי וואָלט שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען אונטער די מורא׳דיקע אומשטענדן וואָס אידן האָבן דורכגעלעבט, פונקט ווי די אַנדערע גרויסע און מעכטיקע אַלטע פעלקער זיינען פאַרשוואונדן פון דער וועלט־אַרענע.

דער סוד פון אייביקן קיום פון אידישן פאָלק ליגט אין דעם וואָס אידן האָבן זיך עקשנות׳דיק געהאַלטן ביי זייערע הייליקע פרינ־ציפּן און זיך ניט אונטערגעגעבן צו פונדאַמענטאַלע רעפאָרמען.

די רעפאָרמער, וועלכע האָבן אויסגעליידיקט די אידישע אמונה פון תורה און מצוות, פּרובירן זיך אָנהענגען אין די הויכע אידעאַלן פון די נביאי האמת, די גרויסע הייליקע אידישע נביאים: ישעיה,

מיכה עמוס און די אַנדערע, וועלכע האָבן געפּריידיקט צדק און יושר און וועלכע האָבן מוטיק געקעמפּט קעגן די גרויסע און רייכע און שאַרף קריטיקירט און גע׳מוסר׳ט די אידישע און אַפילו די ניט־אידישע מלכים און שרים, פאַר דריקן די אָרעמע און עלנטע; זיי האָבן געפאָדערט גערעכטיקייט פון די געדריקטע פון זייערע באַדריקער.

אויך זיי, די רעפאָרם־ראַבייס, פּריידיקן אין זייערע סוירמאָנס צו זייערע זאַטע און רייכע טעמפּל־בעלי־בתים די שיינע, הויכע און נאָבעלע פּרינציפּן; אויך זיי זאָגן נביאות וועגן „אחרית־הימים״, ווען אַלע פעלקער וועלן לעבן בשלום, ס׳וועלן אויפהערן מלחמות און אַלע קריגס־וואָפנס וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַקער־אייזנס און די מורא׳־דיקע דערפינדונגען פון מיסלס און אַלערליי כלי־משחית וועלן באַ־נוצט ווערן צו פאַרבעסערן און פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון אַלע מענטשן אין דער וועלט.

זאָגט דערויף גדליה בובליק אין זיין באַרימטן בוך „מן המיצר״: „אָרעמע נביאים! רעפאָרמער זאָגן אַז זיי זיינען פון אייער קלייזל. דוכט זיך, ס׳איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט קיין גרעסערער קאָנ־טראַסט. זיי, די נביאים, האָבן געשטרעבט אַז אידן און אידישקייט, די אידישע תורה און מצוות זאָלן בלייבן אויף אייביק. די רעפאָרמער טוען אַלץ אַז אידישקייט זאָל אונטערגיין. זיי, די נביאים, האָבן גע־וואָלט אַז די גויים זאָלן זיך לערנען ביי אידן; די רעפאָרמער׳ס הויפּט־ציל איז אַז אידן זאָלן זיך לערנען פון די גויים; זיי, די נביאים, זיינען געווען די גרעסטע פּאַטריאָטן פון זייער פאָלק און פון אידישן לאַנד; די רעפאָרמער לייקענען אַז ס׳איז פאַראַן אַזעלכעס ווי אַ אידישע נאַציע אויף דער וועלט״.

אָרטאָדאָקסישע אידן גלויבן, אַז בכדי צו זיין אַן אָנהענגער פון די נביאי האמת מוז מען קודם־כל זיין אַ לאָיאַלער נאָכפאָלגער פון תורה און מצוות.

דער בליק פון די רעפאָרמער איז, אַז בכדי צו זיין אַ גוטער אַמעריקאַנער בירגער און אַ מענטשן־פריינט, מוז מען צעברעכן אַלץ וואָס איז הייליק ביי אידן — דאָס איז אַ פאַלשער באַגריף.

פאַרקערט, דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט ליב אמת׳ע אמונה און האָט

גרויס דרך־ארץ פאַר מענטשן וואָס גלויבן און היטן־אָפּ זייערע טראַ־דיציעס.

די טענות ביי סתם נאַציאָנאַלע אידן זיינען אין די פריערדיקע יאָרן געווען פונקט אַזוי שאַרף קעגן די רעפאָרמער ווי ביי די רע־ליגיעזע אידן. ווי באַוואוסט, איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון די רעפאָרמער געווען אַרויסצורייסן מיט דעם וואָרצל דעם נאַציאָנאַלן געפיל פון דעם אידישן האַרץ; אָפּטויטן דעם באַגריף אַז מ׳באַלאַנגט צו אַ פאָלק ישראל; אָפּרייסן זיך לגמרי פון דעם הייליקן לאַנד און פון אַלע זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט פון דער אידישער אומה און אויפ־געבן אַלע האָפענונגען און הייסע פאַרלאַנגען פון פילע דורות, וועלכע האָבן זיך געצאַפּלט און אַרויסגעקוקט אויף דער גאולה.

די רעפאָרמער האָבן אָנגעהאַלטן זייער פּרינציפּ פון שנאת־ציון במשך אַ לאַנגער צייט, אַזוי לאַנג ווי די עכטע רעפאָרם־אידן זיינען געווען די מערהייט און די פירער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג. פון צייט צו צייט האָבן זיך באַוויזן אין רעפאָרם־לאַגער גרויסע חובבי־ציון און קעמפער פאַר שיבת־ציון, צווישן זיי די באַרימטע ראַביים: יהודה לייב מאַגנעס, סטיפן ווייז, אבא הלל סילווער און אַ צאָל אַנדערע. אָבער דאָס זיינען געווען אויסנאַמען, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן זייערע אייגענע נאָכפאָלגער. זיי האָבן אָפן און פריי געאַרבעט מיט מסירת־נפש פאַר בנין הארץ, טראָץ דער שטאַרקער קעגנערשאַפט פון זייערע חברים און אָנהענגער. זיי זיינען העלדיש געגאַנגען קעגן שטראָם.

ס׳איז נאָך איצט פאַראַן אַ קליינע אָבער איינפלוסרייכע גרופּע רעפאָרמער יאַהודים מיטן נאָמען „אַמעריקען קאָונסיל פאַר דזשודאַ־איזם“, וועלכע גייען אין די וועגן פון די אַמאָליקע אַסימילאַטאָרן, וואָס האַסן ארץ־ישראל און טוען אַלץ צו צעשטערן דעם פּראָגרעס פון שיבת־ציון.

ווי די אַמאָליקע דייטשע פּראָטעסט־ראַבינער פאַרשפּרייטן זיי שקרים אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע און שיקן מסירה׳לעך אין די הויכע מקומות אין וואַשינגטאָן, באַהויפּטנדיק אַז די ציוניסטן און

אַלע וואָס העלפן אין דער זאַך זיינען ניט פּאַטריאָטיש און ניט לאָיאַלע אַמעריקאַנער.

צום גליק זיינען איצט, נאָך די היסטאָרישע געשעענישן, ווען די אידישע מאַסן זיינען דורכגעדרונגען מיט אידישע נאַציאָנאַלע געפילן, זיינען אויך מערסטע רעפאָרם־אידן און זייערע גייסטיקע פירער געקומען נעענטער צו דער באַוועגונג פון בנין־הארץ. זיי האָבן כמעט ווי פאַרוואָרפן דעם באַגריף און פּרינציפּ פון אָפּרייסן זיך פון דער באַוועגונג פון שיבת־ציון. צווישן די פּראָמינענטע פירער פאַר בנין הארץ געפינען זיך איצט רעפאָרם־ראַביים און זייערע איינפלוסרייכע אַנהענגער.

די היינטיקע רעפאָרם־אידן

אין פריערדיקע יאָרן האָט מען די רעפאָרם־אידן גערופן „דייטשע יאַהודים", ווייל די רעפאָרמער זיינען געווען אויסדריקלעך אָרי־בערגעקומענע אידן פון דייטשלאַנד, אָדער זיי זיינען געווען קינדער פון דייטש־אידישע עלטערן און זיינען דערצויגן געוואָרן אין היימען פון דער דייטשער קולטור און זיינען געווען עכטע כשר'ע רעפאָרם־אידן.

אַפילו די שאַרפסטע קעגנער פון רעפאָרם, ווי למשל רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע אידן, האָבן גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר זייערע פירער, ווייל ווי פאַלש זייער וועג פון רעפאָרם איז געווען אין די אויגן פון טראַדיציאָנעלע אידן, האָט מען אָבער געמוזט מודה זיין, אַז זיי, די רעפאָרמער, זיינען געווען ערלעך און ערנסט און האָבן געהאַט אַ מיסיע — אַ פאַרזוך אַריבערצוּוואַרפן אַ בריק צווישן דעם אידנטום און די פרעמדע קולטור. זיי, די רעפאָרמער פון דייטשלאַנד און פון די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, האָבן פאַרמאָגט אַלס וועג־ווייזער גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי משה מענדעלסאָן, לעאָפּאָלד צונץ, אַברהם גייגער און אַ צאָל אַנדערע באַרימטע געלערנטע און ערנסטע אידעאַליסטן.

אויך דאָ אין אַמעריקע זיינען אין די רייען פון די ערשטע רעפאָרמער גייסטיקע פירער, און אויך די סתם רעפאָרם־אָנהענגער, געווען פערזאָנען וואָס האָבן פאַרשאַפט גרויס כבוד דעם אידישן פאָלק. צווישן די פירער פון רעפאָרם האָבן זיך געפונען פערזענלעכקייטן פון הויכער קוואַליטעט ווי יעקב שיף, די ברידער גוגענהיים, די לעמאַנס, די שטראַוסעס, לואיס מאַרשאַל, לואיס בראַנדייס און פיל אַנדערע בכבוד׳יקע און הערלעכע פירער, וועלכע האָבן געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר לייגן דעם פונדאַמענט פון אַ גרויסער אידישער קהילה אין אַמעריקע.

זיי האָבן בייגעשטייערט ניט נאָר זייערע מאָראַלישע כוחות און גרויסע פעאיקייטן, נאָר אויך אומגעהויער־גרויסע סומען געלט צו העלפן זייערע אָרעמע און עלנטע ברידער אַריבערגעקומענע פון מזרח־אייראָפעאישע לענדער, צו עטאַבלירן אין דעם נייעם לאַנד.
זיי, די דייטשע אידן, האָבן גענומען ערנסט זייער גלויבן אין רעפאָרם־אידנטום, מיינענדיק אַז זייער וועג איז דער בעסטער און זיכערסטער פאַר אידן אין דער נייער וועלט, אונטער די נייע אומשטענדן. זיי האָבן אַוועקגעגעבן כוחות און געלט צו פאַרשטאַרקן און באַפעסטיקן דעם רעפאָרם־אידנטום.

אין די לעצטע יאָרן איז אָבער אין אַמעריקע אויפגעשטאַנען אַ שפּאָגל־נייער טיפּ רעפאָרם־אידן. זיי זיינען מערסטנס אונזערע היימישע, איינגעוואַנדערטע אידן פון רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע, רו־מעניע, ליטע, וועלכע האָבן — ניט געקוקט אויף דעם וואָס אַ סך פון זיי לעבן שוין אַ לאַנגע צייט אין אַמעריקע — נאָך ניט באַוויזן זיך אויסצולערנען אַן אָנשטענדיקן ענגליש.

אין דער אַלטער היים איז מען געווען אַ פּשוט׳ער איד, געדאַוונט אין דער היימישער אָרטאָדאָקסישער שול אָדער אין בית־מדרש און ווען זיי זיינען געקומען אין אַמעריקע האָבן זיי, אין די ערשטע יאָרן, נאָך הנאה געהאַט פון אַ וואַרעמער אידישער דרשה פון אַ רב אָדער דרשן און זיך געקוויקט מיט די אַלטע האַרציקע סקאַרבאָווע ניגונים פון אַ היימישן חזן. אין דער היים, צווישן זיך, האָט מען געוויינטלעך גערעדט אידיש און געלייענט אַ אידישע צייטונג אָדער אַ אידיש בוך.

ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צייט און מ׳האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, מ׳האָט „געמאַכט״ אַ פּאָר דאָלאַר און מ׳איז געוואָרן אָלרייטניקעס. מ׳האָט אָנגעהויבן זיך שעמען מיט אַ אידיש וואָרט. וואוינענדיק ערגעץ אין די רייכע מקומות, האָט דאָך ניט געפּאַסט פאַר די רייכע שכנים צו באַקומען אַ אידישע צייטונג אוןריידן אידיש. נו, האָט מען אָפּגע־שטעלט אַלץ וואָס האָט אין זיך אידיש. און צוזאַמען מיט דעם געשלאָסן דעם חשבון מיט דער אָרטאָדאָקסישער שול און פלוצלונג, פון דער העלער הויט, געוואָרן רעפאָרמער.

אַ טייל פון זיי, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַביסל באַשיידנקייט, האָבן דאָס געטאָן גראַדנוויז — זיך פריער אָנגעשלאָסן אין אַ קאָנ־סערוואַטיווער שול, און שפּעטער, ווען זיי זיינען רייך געוואָרן, איז געקומען די ריכטיקע צייט אָפיציעל צו ווערן אַ רעפאָרם איד.

זייער צאָל איז געוואָקסן מיט דער „פּראָספּעריטי״ אין אַמעריקע און זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן מאַסנוויז אין די רעפאָרם־טעמפּלען. אין דער לעצטער צייט זיינען אויסגעוואָקסן נייע טעמפּלען אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין אַמעריקע.

ווען מ׳פרעגט זיך נאָך ווער עס האָט אויסגעבויט אָט־די אַלע נייע אימפּאָזאַנטע רעפאָרם־טעמפּלען, געפינט מען אויס, אַז די דאָזיקע טעמפּלען זיינען געבויט געוואָרן פון אונזערע אַמאָליקע היימישע אָר־טאָדאָקסישע אידן, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט עקאָנאָמיש אין אַמעריקע, אָדער פון זייערע קינדער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין אַ פּשוטער אידישער היים פון אַ פּשוטן אידישן טאַטן און אַ פּשוט־היימישער אידישער מאַמען ווען זיי האָבן זיך נאָך געפירט טראַ־דיציאָנעל.

ס׳זיינען נאָך פאַראַן אַ קליינע צאָל עכטע רעפאָרם־טעמפּלען, פאַר די עכטע רעפאָרם־יאַהודים. אָבער די נייע רעפאָרם־אידן פילן זיך דאָרט אומבאַקוועם, אומהיימלעך און פרעמד. און זיי, די עכטע רעפאָרמער, האָבן ניט קיין חשק און קיין אינטערעס זיך נאָנט צו באַפריינדן מיט די מזרח־אייראָפּעאישע — רוסישע, פּוילישע און גאַליציאַנער — רעפאָרמער. די עכטע רעפאָרם אידן זיינען מערסטנס מענטשן פון העכער בילדונג, קולטור, זיינען זייער רייך און קוקן

פון אויבן־אַראָפּ אויף די נייע „דייטשן", מיט וועמען זיי האָבן ניט קיין געמיינשאַפטלעכס.

נו, האָבן זיך די נייע אָנהענגער פון רעפאָרם גענומען בויען אייגענע טעמפּלען פאַר פּיפּט־פּיפּטי רעפאָרם, וואו זיי פילן זיך בעסער ווי אין די עכטע טעמפּלען.

ס'איז קאָמיש, לעכערלעך און אָפטמאָל טראַגיש צו זען ווי אונזערע אייגענע, היימישע אידן האָבן זיך דאָ אין אַמעריקע אָנגעהויבן זיך נאַריש־מאַכן אויף די עלטערע יאָרן. אידן, וועלכע האָבן יאָרן־לאַנג געהאַט דרך־ארץ פאַר אַ רב מיט לאַנגער באָרד און פאות, וואָס איז געזעסן איבער דער גמרא מיט אַ סאַמעטענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ און אַליין וואַרשיינלעך געטראָגן אַ היטל, מוז נעבעך אויף די עלטערע יאָרן זיך צוגעוואוינען צו שטיין אין אַ „מקום קדוש" און דאַוונען מיט אַ בלויזן קאָפּ, ווי אַ גוי.

דאָס ערגסטע איז וואָס די נייע רעפאָרמער האָבן ניט געענדערט זייער וועג צוליב פּרינציפּן אָדער אידעאַליזם. זיי האָבן ניט אַוועק־געוואָרפן די טראַדיציאָנעלע מנהגים, פון וועלכע זיי האָבן הנאה געהאַט, צוליבן ערנסטן באַוואוסטזיין.

ווען זיי האָבן אַמאָל אַ געלעגנהייט צו זיין אין אַ געזעלשאַפט פון טראַדיציאָנעלע אידן, אָדער ווען זיי לויפן אַריין זאָגן קדיש אין אַן אָרטאָדאָקסישער שול ווען זיי האָבן יאָרצייט — פילן זיי זיך דער־הויבן און ווי אין דער היים.

ווער רעדט נאָך, ווען זיי כאַפּן זיך אַריין אין אַ כשר'ן, אָדער אַ „כשר־סטייל" רעסטאָראַן — מיט וויפל פייער און התלהבות כאַפּן זיי זיך צו צו די געשמאַקע היימישע מאכלים.

ווען מ'פרעגט די נייע רעפאָרם־אידן: צו וואָס טויג אייך דער גאַנצער עסק? פאַרוואָס זענט איר אַוועק פון אייער היימישער סביבה און געוואָרן רעפאָרם־אידן? ס'איז דאָך פיל בעסער און לייכטער צו פאַרבלייבן דאָרט וואו מ'באַלאַנגט — וועלן זיי אייך ענטפערן פאַרשידענע תירוצים פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלאָזט די היימישע, וואַ־רעמע שול און אַוועק אין די קאַלט האַלב־רעפאָרמירטע טעמפּלען.

זיי וועלן אייך זאָגן, אַז זיי האָבן דאָס געמוזט טאָן צוליב זייערע

קינדער, צוליב פּרנסה אָדער צוליב הויכער געזעלשאַפט. טיף אין האַרצן ווייסן זיי, אַז די אַלע תּירוצים זיינען ניט די אמת׳ע סיבה.

די אמת׳ע, ווירקלעכע אורזאַכן פאַר דער ענדערונג אין זייער אָרט־לעבן איז, אַז דער געוועזענער פּשוט׳ער האַרציקער איד איז פעט געוואָרן; דאָס איז דער סאָרט אַלרייטניק וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש ניט צום גוטן: „וישמן ישורון ויבעט" — דער איד איז פעט געוואָרן און ער בריקעט זיך. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און וויל פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון אידישקייט.

דער פּשוט׳ער האַרציקער איד איז רייך געוואָרן. ער וויל זיך אַמעריקאַניזירן. און לויט זיין באַגריף איז דאָס ניט לערנען די אַמע־ריקאַנער קולטור, נאָר ער זוכט פּלעזשור, ער וויל לעבן אַ גוטן טאָג. און בכדי דאָס צו דערגרייכן איז נויטיק, מיינט ער, אויפהערן צו זיין אַ איד און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון תּורה, מצוות און אי־דישקייט.

צו בלייבן אין די רייען פון אָרטאָדאָקסישע אידן איז אים ניט באַקוועם. מ׳שעמט זיך אַמאָל פאַר זיי, און מען פילט זיך שולדיק פאַר דעם פאַרוואַרפן די טלית און תּפילין, פאַרן עסן אַלערליי שקצים ורמשים און פאַרן מחלל־שבת זיין בפרהסיה.

ס׳איז דעריבער דער בעסטער, לייכטסטער און באַקוועמסטער וועג פאַר אַזאַ מענטשן צו ווערן אַ רעפאָרם־איד, ווען מ׳קען עובר זיין אויף אַלע עבירות אָפן און פריי מיטן הכשר פון דעם ראַביי, און מ׳דאַרף צו קיינעם ניט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון פאַר די אייגענע מעשים.

געוויס איז דאָס בילד ניט ריכטיק פאַר אַלע נייע רעפאָרם־אידן. עס זיינען פאַראַן אייניקע פון זיי, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די אָרטאָ־דאָקסיע און זיינען אַוועק צו רעפאָרם מיט ערלעכע איבערצייגונגען, גלויבנדיק אַז רעפאָרם וועט מער אַפּעלירן צו אַמעריקאַנער יוגנט און וועט קענען זיי האַלטן אין די רייען פון אידנטום. אָבער די זיינען בלויז אַ קליינער אויסנאַם. צום באַדויערן זיינען די מערסטע נייע רעפאָרמער פון דעם טיפּ וואָס מיר האָבן געמאָלן אין אונזער אַרטיקל.

סעפּטעמבער, 1952.

די פּראָבלעמען פון קאָנסערוואַטיוון ראַביי

דער אָרטאָדאָקסישער רב, וועלכער האָט געקראָגן זיין דערציאונג און צוגרייטונג אין אַ טראַדיציאָנעלער ישיבה, וואו די לימודים באַשטייען פון רעליגיעזע קעגנשטאַנדן ווי תלמוד און פּוסקים, ווען ער קריגט זיין סמיכה אויף רבנות, האָט ער ניט פאַר זיך קיין פּראָבלעמען פון רעליגיעזע פּרינציפּן.

טראָץ דעם וואָס דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער אָרטאָדאָק־סישער איד איז גאַנץ היפּשלעך אַוועק פון דער אָרטאָדאָקסיע פון די פריערדיקע דורות אין אייראָפּע, ווייסט ער אָבער אַז דער רב איז נאָך אַלץ דער אויטאָריטעט אין רעליגיעזע פראַגן.

ווען אַ שאלה אין וועלכן עס איז רעליגיעזן ענין קומט צום רב, דערוואַרט מען אַז דער רב זאָל געבן זיין אַנטשיידונג באַזירט אויף שולחן־ערוך און פּוסקים.

אויך דער רעפאָרם־ראַביי געפינט זיך אויף אַ פעסטן באָדן אין רעליגיעזע פראַגן. זיינע פּרינציפּן זיינען גאַנץ קלאָר. ער ווייסט אַז אַלע דינים און רעגולאַציעס פון שולחן־ערוך זיינען פאַר אים בטל און זיי האָבן ניט קיין באַדייטונג אין דער איצטיקער, מאָדערנער וועלט.

דער גאַנצער וויכוח און די באַשלוסן וועגן דינים פון שבת, כשרות, קידושין, גיטין און אַלע אַנדערע הונדערטער הלכות זיינען אויסער פּלאַץ און צייט. דער רעפאָרם־ראַביי האָט די מעגלעכקייט צו פּסקנען די שאלות פון זיינע אַנהענגער קלאָר, אָן צווייפל און מיט אַ ריינעם געוויסן.

דער קאָנסערוואַטיווער ראַביי אָבער איז אין אַ שווערער לאַגע ווען ס׳קומט צו רעליגיעזע פראַגן. זיין סעמינאַר — דער טעאָלאָגישער אינסטיטוט — האָט אים ניט געגעבן קיין קלאָרן וועג אין די רעליגיעזע ענינים.

אָפיציעל האָט דאָס קאָנסערוואַטיווע אידנטום אָנגענומען דעם עול פון תורה און מצוות לויט דעם טראַדיציאָנעלן שולחן־ערוך, אָבער אין דער פּראַקטיק איז דער ענין פאַרוואָלקנט און דער ראַביי וואָס

קריגט זיין סמיכה פון סעמינאַר האָט ניט קיין אויסגעטראָטענעם וועג פאַר די מצוות מעשיות.

די עטלעכע אויסגעקליבענע רעליגיעזע פּאַלן, וועגן וועלכע ס׳איז אָנגעוויזן אין אַ קליינעם האַנט־ביכל, קענען ניט אַנגענומען ווערן ווי דינים פון שולחן־ערוך און יעדער ראַביי מוז זיך אויסאַרבעטן זיין אייגענעם וועג.

די מיינונגען און פּראַקטישע אויפפירונג פון די פאַרשידענע ראַ־ביים און זייערע קאָנגרעגיישאָנס זיינען ווייט פאַרשידן און יעדער קאָנגרעגיישאָן האָט זיך איר אייגענעם „שולחן־ערוך״ לויטן באַגריף פונעם ראַביי, פון דער באָארד און פון די מיטגלידער פון שול.

די אָנהענגער און מיטגלידער פון קאָנסערוואַטיזם ווי יחידים האָבן ניט קיין באַשטימטע און קלאָרע פּרינציפּן וועגן טראַדיציאָנעלע אידישקייט. אַ טייל פון זיינען מער אָפּגעהיט און זיינען שומרי־מצוות ווי אָרטאָדאָקסישע אידן; אַנדערע זיינען פריי און ליבעראַל ווי רע־פאָרמער אידן. די גרויסע מערהייט זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין רעליגיעזע פראַגן. זיי שטעלן זיך צופרידן מיט דעם וואָס זיי באַלאַנגען צו אַ קאָנגרעגיישאָן אין וועלכער זייערע שכנים און באַ־קאַנטע זיינען מיטגלידער.

אין דער איצטיקער מאָדערנער צייט אין אַמעריקע זיינען די שאלות, אַפילו ביים אָרטאָדאָקסישן רב, זער באַגרענעצט. מערסטנס זיינען זיי שאלות וועגן אבלות, קדיש זאָגן, יאָרצייט, אויסרעכענונג פון די טעג פאַר בר־מצוה אָדער בת־מצוה — ניט קיין זייער האַרבע שאלות. זייער זעלטן קומען צום רב יחידים מיט אַ פראַגע וועגן כשרות, שבת, פסח און טהרת המשפחה. דער קאָנסערוואַטיווער ראַביי דאַרף ניט חקירה׳ן זיך טיף און דאַרף זיך ניט צוגרייטן צו פּסקנ׳ען שווערע שאלות פון זיינע מיטגלידער.

די פּראָבלעמען פאַר דעם קאָנסערוואַטיוון ראַביי זיינען פאַר זיין אייגענעם געוויסן און נאָך שווערער איז פאַר אים דאָס באַגעגענען זיך מיט פירער פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום, ווען ער דאַרף ענטפערן אויף דער פראַגע: „הלנו אתה אם לצרינו״ — באַלאַנגט איר צו אונז אָדער צו אונזערע קעגנער, די רעפאָרמער?

זיינען די פּרינציפּן פון דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג אין איינקלאַנג מיט די דינים און רעגולאַציעס אָדער ניט? און שווער, זייער שווער איז צו געבן דעם ריכטיקן ענטפער אויף אָט־דער שווערער פראַגע. ווייל אָפיציעל האָט דער קאָנסערוואַטיווער טעאָלאָגישער סע־מינאַר אָנגענומען אַלע פּרינציפּן פון טראַדיציאָנעלער אידישקייט, ווי שמירת־שבת, כשרות, פאַמיליען־לעבן.

דאָס איז אָבער בלויז אין טעאָריע, אָבער אין פּראַקטישן לעבן איז גאַנץ אַנדערש. „איש כל הישר בעיניו יעשה". יעדער ראַביי קען טאָן וואָס ער וויל אומגעשטערט, לויט זיין אייגענעם באַגריף און זיין געוויסן און ער האָט זיך זיין אייגענעם שולחן־ערוך.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט יעדער ראַביי אַן אַנדער ענטפער אויף די פראַגן פון רעליגיעזע מצוות מעשיות, און ס'ווענדט זיך צו וועמען מ'שטעלט די פראַגע. אויב דער ראַביי איז געניגט צו טראַדיציע און זיין קאָנגרעגיישאָן פירט זיך אויף טראַדיציאָנעל, וועט ער אייך זאָגן אַז אַלץ איז לויט דעם דין פון תורה און אַז די ענדערונ־גען לגבי די אָרטאָדאָקסישע שולן זיינען מילדע און בלויז אויסערלעכע.

דער ראַביי וועלכער גלויבט אין ראַדיקאַלע ענדערונגען וועט אייך פּרובירן באַווייזן, אַז בכדי צו אָנהאַלטן טראַדיציע מוזן אַ סך רעגולאַציעס געענדערט ווערן.

ס'איז ווירקלעך זייער שווער צו קומען צו אַ טאָלק און איינפירן אין איינהייטלעכן סדר אין די רעליגיעזע פראַגן אין קאָנסערוואַטיווע שולן, אַזוי לאַנג ווי אַ טייל פון די ראַביים האַלטן ניט פון דעם אַלטן שולחן־ערוך און זיינען ניט בכוח צו שאַפן אַ נייעם, ווייל זייערע מיינונגען און אידייען זיינען פאַרשידן און ווייט איינע פון די אַנדערע כרחוק מזרח ממערב.

ווי געזאָגט, די יעניקע קאָנסערוואַטיווע מיטגלידער וואָס זיינען רעליגיעז, האַלטן אָן זייער וועג פון טראַדיציע אומגעשטערט. די גרויסע מאַיאָריטעט אין דעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער האָבן דעם באַ־גריף, אַז קאָנסערוואַטיזם באַפרייט זיי פון דעם עול פון מצוות און גיט זיי די רעכט מחלל־שבת זיין, עסן טרפות און נאָך אַזעלכע זאַכן וואָס זיינען פאַרווערט אין אָרטאָדאָקסישן לאַגער.

אַ באַרימטער פירנדיקער קאָנסערוואַטיווער ראַביי האָט זיך באַ־קלאָגט פאַר זיינע חברים, אַז קאָנסערוואַטיזם איז אָרטאָדאָקסיע אין טעאָריע און רעפאָרם אין דער פּראַקטיק.

ביי די קאָנפערענצן פון די קאָנסערוואַטיווע ראַבייס ווערט אָט־די אַנגעווייטיקטע ערנסטע פראַגע פאַרהאַנדלט ביי יעדער געלעגנהייט. קאָמיטעס ווערן באַשטימט אויסצואַרבעטן אַ קלאָרן וועג אין די רע־ליגיעזע ענינים. אָבער דער וועג איז אַ שווערער, ווייל דער קאָנפליקט צווישן טראַדיציע און רעפאָרם איז אַ ברייטער צווישן די פאַרשידענע ראַבייס.

אַזוי לאַנג ווי אַזאַ קאָנפליקט עקזיסטירט און די מיינונגס־פאַר־שידנקייט איז גרויס, איז שווער צו קומען צו אַ טאָלק אין די רעליגיעזע פראַגן.

ס׳בלייבט איבער נאָר צו האָפן, אַז די צייט איז נאָנט ווען דער אמת׳ער וועג וועט געפונען ווערן.

אָרטאָדאָקסישע שולן אין אַמעריקע

ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, אַ קורצע צייט פאַר ראש־השנה, זיינען די הכנות צו די ימים נוראים אין פולן ברען.

די גרויסע און קליינע שולן זיינען שיין, ציכטיק און אָנציענדיק און דער גרויסער יריד פאַר זיץ־פּלעצער איז אין פולן גאַנג. ס׳ווילט זיך איצט, אין סאַמע־מיטן פון טומל, אָפּשטעלן אויף אַ מאָמענט און אַ טראַכט טאָן וועגן דעם גאַנצן עסק.

געוויס איז זייער אָנגענעם צו זען די געפּאַקטע שולן ראש־השנה און יום־כיפּור. ס׳איז אַ קוואַל פון פאַרגעניגן צו וויסן, אַז די טויזנ־טער אידן האָבן אָפּגעשטעלט זייערע טאָג־טעגלעכע געשעפטן און אַרבעטן און האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די הייליקע פּלעצער וואו זיי קענען הערן אַ אידיש וואָרט. אַ יום־טוב׳דיקייט איז אויסגעשפּרייט אויף דער אידישער גאַס.

מיר דאַרפן זיך אָבער פאַרטראַכטן אוןווירקלעך זיין באַזאָרגט וועגן די מאָנאַטן, וואָכן און טעג פון אַ גאַנץ יאָר, אַריינרעכענענדיק די שבתים און ימים־טובים. ס׳איז דאָך ניט מעגלעך אויפצוהאַלטן אַן אָרטאָדאָקסישן אידנטום אין בלויז עטלעכע טעג אַ יאָר.

וואָס טוט זיך אין די גרויסע פּרעכטיקע שולן יעדן שבת און יום טוב און יעדן וואָכעדיקן טאָג? ווער באַזוכט זיי? וועלכע אָרדענונג הערשט דאָרט? ווער זיינען די פּירער, די מיטגלידער?

די געציילטע עטלעכע וואָס באַזוכן אָפּט די אָרטאָדאָקסישע שולן און באַאָבאַכטן וואָס עס גייט־אָן אין זיי, זיינען אַנטוישט איבער דעם מצב. ס׳איז נויטיק אַז די יעניקע אידן וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָגרעס פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום אין אַמעריקע, זאָלן וויסן דעם גאַנצן אמת, בכדי זיך צו פאַרטראַכטן איבער דעם מצב און עטוואָס טאָן צו דערהויבן די שולן פון דער שפּל׳דיקער לאַגע.

צוליב קלאָרקייט איז נויטיק איינצוטיילן די עלעמענטן וואָס שטעלן צוזאַמען די אָרטאָדאָקסישע שול אין פאָלגנדיקע טיילן:

דער עמוד, די בימה, די מתפללים, די מיטגלידער, די באַאַמטע.

דער עמוד: אידן וועלכע באַזוכן אַ שול שבת און יום־טוב ווערן קודם־כל אַנטוישט אין דעם ווי אַזוי דער עמוד ווערט באַהאַנדלט. דער הייליקער פּלאַץ, וואו דער שליח־ציבור טרעט אויף מיט זיינע תפילות און אויף וועלכע עס געפינען זיך גאַנץ אָפּט די איינדרוקספולע ווערטער: „דע לפני מי אתה עומד" — וויים און באַגריף פאַר וועמען דו שטייסט! — ווערט אין מערסטע אָרטאָדאָקסישע שולן פאַרשוועכט און דערנידערט אויף אַ שרעקלעכן אופן.

די פּירער פון די שולן, וועלכע זיינען ברייטהאַרציק ווען ס׳קומט צו בויען אָדער איבערבויען שולן, וואו אַלץ מוז זיין מאָדערן, שיין און באַקוועם, ווערן זייער עקאָנאָמיש ווען ס׳קומט צו אָנשטעלן אַ חזן אָדער בעל־תפילה. אַ גאַנץ יאָר איז גאָר אַזאַ באַשעפעניש ניטאָ. און אַזוי־אַרום איז דער עמוד פריי און אָפן פאַר יעדן אומוויסנדיקן אידן, וועלכער מיינט אַז ער האָט אַ געוואַלטיקע ידיעה אין נגינה (וועלכער איד מיינט ניט אַזוי?). פאַראַן אידן וועלכע האָבן יאָרצייט אַלעמאָל: נאָך עלטערן, ווייב׳ס עלטערן, ברידער, שוועסטער, שוואָ־

גערס, שוועגערינס, אָדער אַ שכן, אַ פריינט האָט יאָרצייט און ער מוז דאַוונען דעם גאַנצן שבת פאַר דעם יאָרצייט.

איך בין חלילה ניט קיין גזלן און וואָלט מיטן גאַנצן האַרץ פאַרגונען אידן זיי זאָלן הנאה האָבן. די צרה ליגט אָבער אין דעם, וואָס גאַנץ אָפט ווערט די גאַנצע זאַך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע, ווייל די גרויסע מערהייט פון די דאָזיקע „חזנים" קענען ניט קיין עברי, קיין פירוש המלות און ווייסן ניט קיין נוסח און אַזוי ווערט אַ מקום קדוש פאַרוואַנדלט אין אַ צירק מיט דעם חזן אַלס אַ קלאָון.

מ'קען זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס גיט ניט צו קיין ערנסטקייט און הייליקייט צו דער אַטמאָספער פון שול. די הויפט־ליידנדיקע זיינען די געציילטע מתפללים, וועלכע פאַרשטייען יאָ פירוש המלות און זיינען מבינים אויף חזנות און באַזיצן איידלקייט און פאַרשטענדעניש פאַר יראת הכבוד.

די בימה פון שול, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין דער פלאַץ פון וואַנען ס'זאָל געהערט ווערן ג־ט'ס וואָרט, די פלאַטפאָרם, וואו רבנים און פאַסיקע אידישע פירער זאָלן אויפטרעטן און אויפקלערן וועגן ענינים פון רעליגיע און פראַגן פון נאַציאָנאַלער אָדער קהילה'דיקער וויכטיקייט, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ביליקן, ציגײַשן אָרט און ווי אין אַ מאַרק־פלאַץ.

די יעניקע וואָס באַזוכן די שולן אין די ימים־נוראים און אין ימים־טובים ווערן דערשטוינט פון דער וואולגאַריטעט וואָס גייט־אָן אויף דער בימה, די טאָרגעס און אָקשענס ווערן אָנגעפירט פון אַן אָפיסער פון שול אויף אַ ביליקן און חוצפה'דיקן אופן, באַנוצנדיק זיך מיט נידעריקע גאַסן־וויצן פונקט ווי אויפן מאַרק און פון די מעטאָדן וואָס ווערן באַנוצט ביים דאָזיקן האַנדל, וואָס זיינען ניט זויבער און ניט ערלעך.

גאַנץ אָפט פאַסירט אַז די פראָצעדור פון פאַרקויפן די עליות און די אַנדערע כיבודים פאַרנעמט אַ פאָר שטונדן און ברענגט דעם עולם אַריין אין אַזאַ וואָכעדיקייט, וואָס צעשטערט און פאַרניכטעט יעדן פונק פון רעליגיעזן עקסטאַז און דעם מינדסטן געפיל פון יראת הכבוד.

דאַן קומען די ספּיטשעס פון דעם פּרעזידענט און פון די אַנדערע באַאַמטע. וועלכער איד האָט ניט געליטן פון די לאַנגע נודנע רעדעס, וואָס ווערן געמאַכט אין אַ צעקאַליעטשעטן אידיש, פאַרבראַקט מיט אַ פּאָר צע׳הרג׳עטע פסוקים פון דער הפטורה אָדער גאָר אין אַ צע־בראָכענעם ענגליש?

די דאָזיקע רעדנער זיינען דאָך די פירער און בעלי־בתים פון שול און זיי קענען ריידן וואָס זיי ווילן און ווי לאַנג זיי ווילן.

מערסטע אָרטאָדאָקסישע שולן, איבערהויפּט די קלענערע, האָבן ניט קיין רב אָדער גייסטיקן פירער און ווען ס׳קומט אַ גאַסט־רעדנער וואָלט ער דאָך געדאַרפט זיין אַנגעלייגט. דער פאַקט איז אָבער, אַז ווען אַ רב אָדער פּראָמינענטער רעדנער קומט אין שול פאַר אַ וויכטיקן צוועק, וואָס וואָלט געקענט אַריינברענגען אַביסל וואַרעמקייט און יום־טוב׳דיקייט, ווערט ער אויפגענומען קאַלט און מ׳נעמט אויס מיט אים ער זאָל עס מאַכן קורץ און ניט באַלעסטיקן דעם עולם. און דער רעדנער איז דאָך ביי זיי אין די הענט און ער מוז פאָלגן.

עס פּאַסירט אויך, אַז גראָדע אין דעם הייליקסטן מאָמענט, פאַר תקיעת־שופר אָדער פאַר יזכור, זאָל אַן אָפיסער פון שול — אַ פּאָ־ליטישען — ברענגען אַ גוי, וואָס לויפט פאַר אַן אַמט און וויל קריגן אידישע שטימען. אין דאָזיקן הייליקן מאָמענט ווערט דער גוי פאָר־געשטעלט אויף דער בימה און די מתפללים דאַרפן זיך אויפשטעלן און דער פּרעזידענט באַפעלט דעם חזן צו מאַכן אַ מי שברך דעם גוי׳־אישן פּאָליטישן. דער אָרעמער גוי מאַכט געוויינטלעך אַ ספּיטש און דער עולם אַפּלאָדירט. דאָס פּנים פון פּרעזידענט שיינט פון נחת... די יעניקע מיט אַן איידעלער נשמה, וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם דאָזיקן עקלהאַפטן עפּיזאָד און דעם שוידערלעכן איינדרוק וואָס אַזאַ אינצידענט מאַכט אויף די מתפללים.

ס׳איז אָן צווייפל, אַז די דערנידעריקונג פון דער הייליקער בימה איז אַ רעזולטאַט פון אומוויסנקייט, גראָבקייט און עם־הארצות פון די אַזוי־גערופענע פירער פון דעם אָרטאָדאָקסישן לעבן אין אַמעריקע.

די מתפללים: ווען איר קומט אין שול שבת אָדער אין אַ יום־טוב וואָס פאַלט ניט אויס זונטיק, מיט דעם אויסנאַם פון אַ יזכור־

טאָג — פאַלט אָן אויף אייך אַן אומעט. פון דרויסן זעט איר אַ שיינעם בנין, אָבער אינעווייניק איז פוסט און אומעטיק.

די עטלעכע אידן וואָס מ׳טרעפט דאָרט זיינען מערסטנס זקנים, וועלכע האָבן שוין ניט וואָס צו טאָן און זיינען ביי קינדער אויף קעסט. זיי אַנטלויפן אין שול אַריין וואו זיי פילן זיך בעסער און פרייער ווי אין דער היים.

איר געפינט דאָרט די כלי־קודש: אַ חזן, אַ שמש, אַ מוהל, אַ שוחט, אַ פּאָר מלמדים, עטלעכע כשר׳ע בוטשערס און די הויפּט־מחותנים, די אַבלים און בעלי־יאָרצייט וואָס קומען זאָגן קדיש. אין דער פרויען־אָפּטיילונג זיינען כמעט אַלע נאָר עלטערע פרויען.

ווען ג־ט העלפט אַז ס׳איז דאָ אַ בר־מצוה־פייערונג אָדער אַ חתן־אויפרופן, ווערט די שול אַביסל אויפגעלעבט דורך אַ צאָל געסט, איינגעלאַדענע צו דער שמחה.

דאָ און דאָרט טרעפט מען נאָך אַמאָל אַ אינגערן מענטשן, וועלכער קען ניט איבעררייסן מיט דער טראַדיציע און ס׳ציט אים אין שול אַריין. אָט־דער קלאַס איז זייער באַשרענקט און מ׳דאַרף אויף אַזאַ איינעם מאַכן אַ שהחיינו.

די ערגסטע זאַך איז וואָס מ׳זעט ניט קיין אידישע קינדער אין דער אָרטאָדאָקסישער שול. די שול־פירער זענען אויס צופרידן וואָס אידישע קינדער שטייען אַוועק און שטערן ניט די רו פון די דאַוונער. עס פאַרשטייט זיך אַז די קינדער זיינען אַוודאי צופרידן ניט צו גיין אין שול, וואו עס הערשט אַ ווילדע אומאָרדענונג און האָט ניט קיין אַטראַקציע פאַר קינדער.

די שטענדיקע באַזוכער, ווייזט אויס, שעצן ניט זייער הויך דעם גאַנצן ענין פון גיין אין שול. דאָס קענט איר זען לויט זייער קליידונג, מערסטנס אָנגעטאָן אין וואָכעדיקע מלבושים, די קעלנער פון די העמדער זיינען ניט זייער ווייס און זויבער און אינגאַנצן אָפּגעלאָזט.

קומען זיך אידן צוזאַמען אין ג־ט׳ס הויז און מ׳פירט זיך אויף ווי אויף אַ יריד. מ׳רעדט הויך, מ׳שפּאַצירט אַרום איבער דער שול. איינינקע שפּאַצירן אַרויס אויף דער גאַס איינגעוויקלט אין די טליתים, איינינקע שטייען אויף זייערע פּלעצער אויסגעדרייט אין אַלע זייטן. מ׳שמועסט און מ׳טומלט זיך סיי ביים דאַוונען און סיי בעת קריאת

התורה. דער פּרעזידענט אָדער דער גבאי קלאַפּט אויפן באַלעמער מיט אַלע כוחות, אָבער דער עולם איז שוין צוגעוואוינט דערצו און טוט זיך זיינס.

דער־אָ צושטאַנד האַלט אָן יעדן שבת און יום־טוב און וואָס גרעסער דער עולם — אַלץ גרעסער איז די אומאָרדענונג. אַזאַ אויפפירונג קען זיכער ניט צוציען די יוגנט. ס׳איז פּילייכט בעסער, אונטער אַזעלכע אומשטענדן, וואָס אונזער יוגנט באַזוכט ניט די אָרטאָדאָקסישע שולן, ווייל די איצטיקע אַטמאָספּערע איז אַ שעדלעכע און ברענגט ניט קיין כבוד צו דער אָרטאָדאָקסישער געמיינדע אין אַמעריקע.

דער גאַנצער ענין פון מיטגלידערשאַפט אין די שולן איז אַ מערקווירדיקער. לויט דער לאָגיק וואָלט געדאַרפט זיין, אַז אידן וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין אַ שול, ווערן מיטגלידער און זיינען די אָפּיסערס, וואָלטן געדאַרפט אָפּט באַזוכן די שול, קומען אַמווייניקסטן שבת און יום־טוב צום דאַוונען. דער פאַקט איז אָבער, אַז גראָד די פּירער און מעמבערס קומען זייער זעלטן און די שטענדיקע מתפּללים זיינען זייער זעלטן מיטגלידער פון שול.

ס׳מאַכט דעם איינדרוק פון אַ געשעפט וואָס עטלעכע מענטשן זיינען די בעלי־בתים און קומען אַריין פון צייט צו צייט אַ קוק טאָן ווי דער מסחר גייט, און דער גאַנצער עולם וואָס באַזוכט אָפטער, זיינען בלויז קאָסטאָמערס; די פּירער פון שול זיינען די אייגנטימער, די מאַכערס, אָבער זיי אַליין באַנוצן די סחורה זייער זעלטן.

עס איז מערקווירדיק, ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז פילע אָרטאָדאָקסישע שולן ווילן ניט אַריינגעמען קיין נייע מעמבערס. זיי ווילן ניט קיין דעה־זאָגער. זיי זיינען צופרידן איר זאָלט קומען אין שול אַריין דאַוונען און זיך לאָזן קאָסטן אַ פּאָר דאָלאַר, אָבער איר זאָלט ווערן אַ מעמבער איז ניט נויטיק.

די צאָל מיטגלידער איז זייער באַגרענעצט און אונטער די אומשטענדן איז ניט פאַראַן קיין גרויסער אויסוואַל צו קלייבן אָפּיסערס, און אַזוי־אַרום פירן די שול די זעלבע עטלעכע מענטשן יאָר איין, יאָר אויס.

על־פי רוב זיינען דאָס אידן וועלכע קענען ניט קריגן קיין אַמטן און כיבודים אין די אָנערקענטע אידישע אָרגאַניזאַציעס און זיי נוצן אויס די שול צו דערגרייכן זייערע אַמביציעס.

ווי מ׳קען זיך פאָרשטעלן, זיינען זיי ניט קיין גרויסע לומדים אָדער פעאיקע עסקנים. מערסטע פון זיי האָבן ניט קיין באַגריף אין אָרטאָדאָקסישן אידנטום. זייער השגה גייט ניט ווייטער ווי בויען די בנינים און אַכטונג געבן אויף די באַקוועמלעכקייטן פון די באַזוכער.

די וועגן ווי אויפצולעבן די אידישע רעליגיע, ווי אַזוי צו מאַכן די שול פאַר אַ מקום תורה און תפילה, אַ פּלאַץ וואו ס׳זאָל געהערט ווערן ג־ט׳ס וואָרט מיט יראת הכבוד — די אַלע זאַכן זיינען פאַר די מערסטע שול־פירער ווי אַ ספר החתום און זיי האָבן ניט קיין באַגריף וועגן זיי.

דערשינען אין „אידישן רעקאָרד״, 19־טן סעפּטעמבער, 1930

באַמערקונג פון מחבר:

דער אויבן־געשריבענער אַרטיקל איז דערשינען אין אַ אידישן וואָכן־בלאַט אין יאָר 1930 — מיט 33 יאָר צוריק. דאָס בילד וואָס איז געמאָלן אויבן איז געווען אַ ווירקלעכע אָפּשפּיגלונג פון די מערסטע אָרטאָדאָקסישע שולן פון יענער צייט.

ס׳איז זייער אָנגענעם דאָ צו באַמערקן, אַז דאָס לעבן פון די אָרטאָדאָקסישע קהילות האָט זיך שטאַרק געביטן צו גוטן. אין די לעצטע 3 צענדליק יאָרן האָבן מערסטע אָרטאָדאָקסישע שולן איינגעפירט אַ שיינע אָרדענונג מיט וועלכער זיי קענען שטאָלץ זיין. די גרעסערע שולן האָבן כמעט אַלע, אָן אויסנאַם, אויפגענומען רבנים אַלס גייסטיקע פירער, וועלכע — טראָץ דעם וואָס זיי זיינען אמת־רעליגיעזע רבנים לומדים און יראי שמים, זיינען זיי אויך באַהאַוונט אין וועלטלעכער ליטעראַטור און קולטור און געענדיקטע פון קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטן מיט הויכע דיגריס.

סיי די רבנים און סיי די בעלי־בתים זיינען אָרגענאַזירט אין מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס און פאַרזאַמלען זיך אָפט צו פאַרהאַנדלען אַלע וויכטיקע פראַגן פאַר דעם פּראָגרעס פון דער אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסיע און בעיקר חינוך־הבנים און די פאַרשטאַרקונג און דערנענטערונג פון דער יוגנט.

צום באַדויערן, זיינען נאָך איצט פאַראַן אָרטאָדאָקסישע שולן, איבערהויפּט די קלענערע, וואָס זיינען ניט בכוח פינאַנציעל אויפצונעמען אַ רב. אָט־די קאָנגרעגיישאָנס פירן זיך נאָך אויף איצט ווי ס׳איז געמאָלן אין דעם אַרטיקל. צום גליק זיינען זיי אַ קליינע מינדערהייט.

ל. לאַנדער, דעצעמבער 1963.

וואוהין גייט דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום?

בטחון איז אַ שיינע אידישע מידה. האָפענונג איז אַ רפואה פאַר פילע ליידנדיקע און אָפּטימיזם איז אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט.

אָבער בלויז מיט אַ תנאי: ווען דער בטחון, די האָפענונג און דער אָפּטימיזם גייען צוזאַמען מיט טעטיקייט אוןביידע צוזאַמען סטי־מולירן די ענערגיע און שטאַרקן די הענט, הויבן דעם גייסט און וועקן דעם חשק צו פרוכטבאַרע מעשים.

אויב אָבער דער בטחון ווערט באַנוצט ווי אַ מיטל צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט אַלס אַ תירוץ פאַר פוילקייט און נאַכלעסיקייט און ס׳איז בלויז אַן אויסרייד צו פאַרבלענדן די אויגן, דאַן ווערט דער אָפּטימיזם פאַרוואַנדלט אין אַ קללה, אין אַ צעשטערונגס־קראַפט וואָס מאַכט חרוב און פאַרניכטעט דעם וועג וואָס פירט צו פראָגרעס.

קיינער קען ניט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז בטחון האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם קיום פון אידישן פאָלק. אידן זיינען דורך זייער לאַנגער, טרויעריקער געשיכטע אויסגעשטאַנען די שרעקלעכ־סטע עינויים אין דער פינסטערער נאַכט פון גלות, און ווען ניט די שטראַלן פון האָפענונג אויף אַ בעסערן מאָרגן, וואָלטן זיי ניט געווען בכוח אויסצוהאַלטן די שרעקלעכע אוממענטשלעכע ליידן.

דער בטחון אויף בעסערע צייטן האָט זיי ליכטיק געמאַכט דעם פינסטערן וועג און זיי געגעבן מוט אויסצוהאַלטן די אַלע יסורים און פורענות׳ן און דורכברעכן זיך אַ וועג פאַר זייער ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

דער שטאַרקער אָפּטימיזם פון די אידישע קעמפער און בויען פון ארץ־ישראל איז געווען אַ וויכטיקער עלעמענט אין דעם עקשנות׳־דיקן קאַמף פון דעם ישוב פאַר דער עקזיסטענץ און דעם אומגעהויער־אומגלויבלעכן פראָגרעס פון בנין הארץ.

דער פאַקט איז אָבער, אַז זיי, די בויער און פירער פון יעדן דור, האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף ניסים און זיי זיינען ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, פאַרלאָזנדיק זיך אינגאַנצן אויף די געפילן פון אמונה און בטחון. נאָר זיי, די ראשי העדה: די תנאים, אמוראים,

גאונים, רבנים און אַנדערע פירער פון יעדער תקופה, האָבן אָנגע־שטרענגט אַלע זייערע כוחות און אָנגעווענדעט אַלע מעגלעכע מיטלען, דורך שאַפן נייע געזעצן, מנהגים און צערעמאָניעס בכדי צו וועקן די אידישע מאַסן און פאַראייניקן זיי און שטאַרקן זייער גייסט דורך אַקטיווע מעשים.

די אידישע מאַסן האָבן געהאַט צוטרוי צו זייערע ערנסטע און איבערגעגעבענע פירער און ווי אַ דיסציפּלינירט פאָלק, האָבן אידן געפאָלגט און נאָכגעגאַנגען זייערע מנהיגים און פון זיי געקראָגן אינספּיראַציע און כוח איבערצוטראָגן אַלע נסיונות מיט דער גרעסטער מסירת נפש מיט בטחון אויף בעסרע צייטן.

ס'איז ניט נויטיק צו ברענגען ראיות, אַז די חלוצים אין ארץ־ישראל האָבן זיך ניט פאַרלאָזט אויף ניסים. ס'איז אַלעמען באַקאַנט זייער מסירת־נפש און אוממענטשלעכע ליידן וואָס זיי האָבן דורכגע־מאַכט אויף צו דערגרייכן די אומגלויבלעכע רעזולטאַטן אין ארץ־ישראל.

דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום דאָ אין לאַנד געפינט זיך לכל הדעות אין אַ שפּל'דיקן מצב און שפּרייזט אָן אויפהער באַרג־אַראָפּ. די סיבות זיינען ניט אַלע ספּעציפיש־אידישע. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען רע־ליגיע אין אַלגעמיין פאַרנעמט ניט אַ זייער וויכטיקן אָרט.

די קריסטלעכע רעליגיעזע פירער האָבן דאָס פאַרשטאַנען, זיך ערנסט פאַרטראַכט און באַשלאָסן צו מאַכן ענדערונגען אין זייערע רעליגיעזע אויפפירונגען לויט די באַדערפענישן פון דער צייט.

מיר אידן האָבן במשך אַ לאַנגער צייט געלעבט אין פאַרשפאַרטע געטאָס, אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט און זיך געקלאַמערט מיט אַלע קרעפטן אין אונזער אמונה.

די אַלע וועלטלעכע געשעענישן האָבן אויף די געטאָ־אידן ניט געמאַכט דעם מינדעסטן רושם. אַלץ וואָס איז געווען ניט־אידיש האָט קיין שייכות ניט געהאַט מיט זיי און זיי זיינען זיך געגאַנגען זייער וועג אומגעשטערט פון דער אַרומיקער וועלט.

מיר לעבן אָבער איצט אונטער גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען. מיר זיינען ניט מער אַן „עם לבדד ישכון”. אונזערע קינדער קומען אין

קאָנטאַקט טאָג־טעגלעך מיט ניט־אידישע קינדער. זיי באַזוכן די פאָלקס־שולן צוזאַמען. זיי שטודירן די אַלגעמיינע וועלטלעכע מאָדערנע ליטעראַטור. זיי לערנען די זיטן און מנהגים פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג.

דערצו האָבן אַמעריקאַנער אידן ניט געמאַכט קיין שטאַרקע אָנשטרענגונג צו געבן זייערע קינדער אַ גרינטלעכע אידישע דערציאונג. אונזער תנ״ך און אַלע גייסטיקע אידישע אוצרות פון תורה און חכמה זיינען פרעמד צו זיי. אונזער נייער דור איז ווייט אַוועק פון דעם טראַדיציאָנעלן אידנטום.

די אָרטאָדאָקסישע פירער אין אַמעריקע זעען דוכט זיך דעם דאָזיקן גייסטיקן חורבן און זיינען דאָך גרויסע בעלי־בטחון. זיי זיינען ניט באַזאָרגט פאַר דער צוקונפט פון רעליגיעזן אידנטום. פאַרקערט, זיי זיינען זייער אָפּטימיסטיש און פרובירן אייך באַווייזן מיט פסוקים פון תנ״ך און אגדות פון תלמוד און מדרש אַז דאָס אידישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין: „נצח ישראל לא ישקר״.

די היינטיקע פירער פאַרמאַכן די אויגן און זעען ניט די שרעקלעכע ירידה, וואָס קען חלילה פירן צום סוף פון אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע. זיי זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און מאַכן ניט קיין ערנסטן פאַרזוך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג דאָס וואָס איז ביי זיי הייליק און טייער.

מיר מוזן מודה זיין, אַז אויף איין געביט זיינען די אָרטאָדאָקסישע פירער זייער טעטיק: די באַרימטע בשר־כשר־פראַגע. אין אַלע אידישע קהילות, גרויסע און קליינע, גייט־אָן אַ לעבעדיקע טעטיקייט אַרום פראַגן פון שחיטה און בדיקה, שחיטת עופות און גסות, וועגן פופיקעס, לונג און לעבער, אד״גל. איין צד אַסר׳ט און אַ צווייטער איז מתיר. קצבים שרייען, שוחטים פּראָטעסטירן, רבנים בייזערן זיך און סתם־אידן טומלען זיך און עס ברעכן אויס מחלוקת׳ן און אַמאָל געשלעגן און מ׳פאַרשלעפּט די טענות אין גוי׳אישע געריכט־הייזער. און די גוי׳אישע ריכטער ברעכן זיך די גוי׳אישע קעפּ צו פאַרשטיין איבער וואָס רבנים קריגן זיך און זיינען אין אַ פאַרלעגנהייט ווי צו האַנדלען. און דער חילול־השם איז געוואַלטיק גרויס.

דער איינדרוק אויף דער אידישער יוגנט איז אַן אָפּשטויסנדיקער און דער שאָדן צו די אידן און אידנטום איז אומגעהויער־גרויס.

מיר ווילן דאָ ניט קריטיקירן די ערנסטע און אויפריכטיקע רבנים און פרומע אָרטאָדאָקסישע בעלי־בתים פאַר זייער קאַמף קעגן דער הפקרות וואָס גייט־אָן אין דעם בשר־כשר־ענין. כאָטש מיר גלויבן, אַז מיט מער טאַקט און אַ בעסערע, קאָמפּעטענטע פירערשאַפט וואָלט מען געקענט אויסמיידן דעם חילול־השם און ניט דאַרפן אַרויסטראָגן אונזערע פּראָבלעמען אויף דער ניט־אידישער גאַס.

אַלס טראַדיציאָנעלע אידן פאַרשטייען מיר, אַז די כשרות־פּראָבלעם איז אַ וויכטיקער טייל פון אידישן רעליגיעזן לעבן און די רבנים האָבן די שווערע אויפגאַבע אַריינצוברענגען אָרדענונג אין כשרות.

ס׳שטעלט זיך אָבער די פראַגע: פאַרוואָס ווערט די גאַנצע ענערגיע און פייער אויסגענוצט אויף דער בשר־כשר־פראַגע, וואָס איז בלויז אַ טייל פון די פונדאַמענטאַלע רעליגיעזע געבאָטן?

זיינען דען אַ סך אַנדערע פונדאַמענטאַלע רעליגיעזע מצוות פון דער אידישער אמונה ווייניקער וויכטיק? וואָס טוען די אָרטאָדאָקסישע פירער צו פאַרמיידן די שרעקלעכע הפקרות און צעשטערונג פון אַלץ וואָס איז הייליק און טייער, וואָס ווערט אַזוי גראָב און ברוטאַל גע־טראָטן מיט די פיס?

ס׳איז למשל, צום באַדויערן, אַ פאַקט, אַז דער שבת אין אַמעריקע ווערט פאַרשוועכט אויף אַ צינישן אופן. דער תירוץ: „מ׳דאַרף מאַכן אַ לעבן”, איז טיילווייז איצט שוין פאַרשוואונדן, ווייל כמעט אַלע פאַבריקן און טייל געשעפטן און אָפיסעס זיינען שבת געשלאָסן, אַזוי אויך די פובליק־סקולס. מערסטע אידן — מענער פרויען און קינדער — האָבן איצט אַ וואונדערבאַרע געלעגנהייט צו רוען שבת, גיין אין שול און צוריק־ברענגען די שיינקייט און הייליקייט פון דעם טראַ־דיציאָנעלן שבת פון אַמאָל.

צום באַדויערן, האָבן אידן פאַרוואַנדלט דעם שבת אין דעם וואָ־כעדיקסטן טאָג פון דער וואָך און געמאַכט פון אים אַ טאָג פון גראָבע און אומריינע אַרבעט אַלס אַן ערב־זונטיק־טאָג. די מענער זיינען באַשעפטיקט מיט ריי‍ניקן דעם הויף, שניידן די גראָז, וואַשן דעם

אויטאָמאָביל, פיינטן דאָס הויז און נאָך אַזעלכע ענלעכע, גראָבע אַר־בעטן.

די אידישע פרויען פאַרברענגען שבת, זוכנדיק איינצוהאַנדלען מציאות אין די שפייז־קראָמען און אין די גרויסע דעפּאַרטמענט־סטאָרס, אָדער זיי לאָזן זיך שערן, טרימען, פוצן די האָר און דאָס געזיכט אין די שיינהייטס־סאַלאָנען, אָדער זיי געפינען זיך גאָר ביי אַ הייסן קאָרטן־שפּיל.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן דעם איינדרוק פון אַזאַ האַנדלונג פון על־טערן אין דעם הייליקן שבת, אויף זייערע יונגע קינדער, ווי זיי פילן וועגן אידישע טראַדיציעס בכלל און דעם אידישן שבת בפרט.

די אָרטאָדאָקסישע רבנים און פרומע אידישע פירער זעען דאָס אַלץ מיט זייערע אויגן — און דאָך מאַכן זיי ניט קיין אָנשטרענגונג עפּעס צו טאָן אויף אויסצובעסערן שמירת־שבת צווישן אידן.

דאָס וואָס אַ רב אָדער דרשן וועט זיך אַוועקשטעלן אין אַ שול און וועט פאַר עטלעכע עלטערע אידישע מענער און פרויען, וועלכע האָבן זיך שוין צוריקגעצויגן פון מסחר און אַרבעט, קלאָגן אויף חילול־שבת — וועט זייער ווייניק העלפן. וואָס ס׳איז נוצלעך און נויטיק איז — אַן ענערגישע, סיסטעמאַטישע טעטיקייט און אַ פייערדיקע פּראָ־פּאַגאַנדע צווישן די אידישע מאַסן.

דאָס ווילן אָבער די אָרטאָדאָקסישע מנהיגים ניט פאַרשטיין. ס׳מאַכט דעם איינדרוק ווי די רבנים און פירער פילן זיך הילפלאָז עטוואָס צו טאָן און זיי האָבן זיך שוין מייאש געווען פון צוריק צו ברענגען די שיינקייט און הייליקייט פון דעם שבת צו די אידישע מאַסן.

די זעלבע ענערגישע קנאים פאַר כשרות, וואָס קעמפן ווי לייבן פאַר דער אויפהאַלטונג פון כשרות, זיינען ווי לעמעלעך, ווען עס קומט צו קעמפן פאַר קדושת השבת.

לצים פּרובירן דאָס אויפקלערן אויף פאָלגנדיקן וועג:

דער טיפער אינטערעס אין כשרות קומט דערפון וואָס כשרות האָט אַ שייכות מיט געלט — שחיטה־געלט פון שלאַכט־הייזער און פון די קצבים. ס׳איז אַ גאַנצער עסק מיט הוצאה והכנסה. דאָס ציט זיך נאָך פון פריערדיקע יאָרן, פון דער צייט פון די בעלי־טאַסקע,

וואָס האָבן געבאַלעבאַטעוועט איבער דער קהילה. מיט איין וואָרט: ס׳איז אַ מסחר, און אַלע האָבן ליב זיך צו טומלען אַרום אַ שיסעלע.

שמירת־שבת אָבער — אויך מיר אַן עסק! ווען מ׳זאָל קענען אַרויפלייגן אַ שטייער כאָטש אַ ניקל אויף יעדן שומר־שבת און מאַכן אַן עסק פון איינגאָמע און אויסגאַבע — דאַן וואָלט זיך אויך געטומלט מיט שבת. ס׳וואָלטן געגרינדעט געוואָרן אין יעדן אידישן קיבוץ אַ וועד השבת פונקט ווי ס׳עקזיסטירן וועדי הכשרות.

איצט קומען מיר פיליכט צו אַ שווערערער פראַגע. מיר האָבן דאָ אין אַמעריקע אַן אומגעהויער־שווערן פּראָבלעם פון חינוך, וואָס איז לכל הדעות דער יסוד כל היסודות. יעדעס פאָלק פאַרשטייט, אַז דאָס יוגנט איז דער וויכטיקסטער עלעמענט פאַר דער עקזיסטענץ פון פאָלק אין דער צוקונפט.

די קאַטאָליקן, צום ביישפּיל, פאַרמאָגן טויזנטער שולען, אין וועלכע מיליאָנען קאַטוילישע קינדער קריגן זייער דערציאונג. די דאָזיקע אינסטיטוציעס קאָסטן אַ שלל מיט געלט, וואָס ווערט געשאַפן פון די אָנהענגער פונעם קאַטוילישן גלויבן און פון די עלטערן פון די קינדער.

מיר אידן, וואָס זיינען באַטיטלט ווי דער „עם־הספר״ און דערצו זיינען מיר, לויט די אומשטענדן, אויסגעשטעלט צו דער סכנה פון אַסימילאַציע, וואָלטן מיר דאָך געדאַרפט ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר חינוך הבנים. אָבער צום באַדויערן איז עס אַ טרויעריקער פאַקט, אַז אַ גרויסער טייל פון אונזערע אָרטאָדאָקסישע פירער און סתם פרומע אידן, וועלכע היטן אָפּ אַלע מצוות, פאַרנאַכלעסיקן אפילו דעם חינוך פון זייערע אייגענע קינדער און אייניקלעך און זיי טוען בכלל ניט זייער פליכט ווי רעליגיעזע פירער צו אַנדערע אידישע קינדער.

נאָך אַ זאַך, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע אין איצטיקן מאָמענט — נעמלעך: בנין ארץ־ישראל, וואָס האָט פאַרכאַפּט די הערצער פון אידן פון אַלע שיכטן.

די אָרטאָדאָקסישע אידן האָבן איצט די געלעגנהייט אויסצובויען אַן ארץ־ישראל לויט דעם גייסט פון תורה און טראַדיציע. וואָלטן זיי געווען ערנסט און איבערגעגעבן צו אידישקייט און וואָלטן זיי קלוג

געוועזן לויט דער עצה פון אונזערע חכמים: „איזהו חכם הרואה את הנולד" — וואָלט דאַן די אַרבעט פאַר בנין הארץ ביי רעליגיעזע אידן געדאַרפט זיין דער צענטער פון אָרטאָדאָקסישער טעטיקייט, וואָס דאָס מיינט דער עתיד פון אידישן לאַנד על־פּי תורת ישראל.

צום באַדויערן, זעען דאָס ניט די אָרטאָדאָקסישע פירער. עס פעלט ביי זיי ערנסטקייט און קוראַזש און אַזוי־אַרום פאַרלירט דאָס רעליגיעזע אידנטום דעם באָדן פון בנין הארץ און אַנדערע, ניט־רעליגיעזע אידן ווערן די בויער און וואָרטזאָגער פון דעם אידישן לאַנד.

און אַזוי־אַרום פאַרלירט דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום נאָך אַ פעסטונג, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר דער צוקונפט; און אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע און אין דער וועלט גליטשט זיך באַרג־אַראָפּ.

עס ווילט זיך פרעגן מיט טיפן באַדויערן: וואוהין גייט דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום? איך לאָז איבער דעם ענטפער צו זיינע מנהיגים און מדריכים.

9־טער נאָוועמבער, 1934.

די מאָדערנע ציוויליזאַציע און דער איד

מיר לעבן איצט אין אַ צייט פון אַ הויכער, מאָדערנער ציוויליזאַציע. ווען אונזערע זיידעס וואָלטן צוריקגעקומען אין דער וועלט און אַריינגעפאַלן ערגעץ אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט, וואָלטן זיי געמיינט, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט אויף דעם שטערן מאַרס.

די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן, די ראַדיאָס און די פליענדיקע אַעראָפּלאַנען איבער די קעפּ, וואָלטן זיי אינגאַנצן צעטומלט.

אין די לעצטע 50־60 יאָר האָט זיך אונזער וועלט אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט. די שנעל־יאָגנדיקע באַנען, טעלעפאָן און טעלעגראַף, די עלעקטריק און אַ צאָל אַנדערע דערפינדונגען האָבן געמאַכט

אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דעם מענטשלעכן לעבן. אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר אָבער האָבן ממש אומגלויבלעכע וואונדער פּאַסירט. מיר האָבן באַקומען אָדלער־פליגלען. מענטשן קענען עסן זייער פרישטיק אין ניו־יאָרק, מיטאָג אין סט. לואיס און זייער נאַכט־מאָלצייט אין סאַן פראַנציסקאָ; אַ שטרעקע פון איבער 3 טויזנט מייל אין דעם זעלבן טאָג. אונזער אויער קען אויפכאַפּן דעם קלאַנג פון טויזנטער מיילן אַוועק אין דעם זעלבן מאָמענט ווען עס ווערט אַרויסגעבראַכט. אַלע וועלן קירצלעך אויך קענען זען אויף לאַנגע שטרעקעס דורך טעלעוויזיע.

די גרויסע וועלט איז אַ דאַנק די מאָדערנע דערפינדונגען איינגעשרומפּן געוואָרן און אַלע לענדער זיינען ענג־פאַרבונדן צווישן זיך. די פעלקער פון אַלע וועלט־טיילן פירן צווישן זיך נאָענטע פאַרהאַנדלונגען. די מאָדערנע פּראָדוקציע דורך די מאָדערנע מאַשינען, וואָס יעדערע קען טאָן די אַרבעט פון הונדערטער מענטשלעכע הענט, האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלע פעלקער, אַפילו די צוריקגעשטאַנענע, זאָלן פירן מסחרים צווישן זיך און דורכדעם זיין בלוטיק פאַראינטערעסירט אין די געשעענישן פון יעדן לאַנד.

אַ שטרייק אין יאַפּאַן האָט אַ היפשע ווירקונג אויף אַמעריקע. אַ רעוואָלוציע אין דרום־אַמעריקע מאַכט אַ רושם אין רוסלאַנד. אַ קריג צווישן די באַלקאַן־לענדער ברענגט אַ יקרות אין קאַנאַדע. דער פּראָגרעס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער לעצטער צייט, האָט ניט צו זיך קיין פּאַראַלעל אין דער וועלט־געשיכטע.

ס׳איז געווען אַמאָל אַ צייט ווען די וויסנשאַפט האָט ביטער געקעמפט קעגן רעליגיע און רעליגיע האָט פאַרדאַמט די וויסנשאַפט. ווען מ׳האָט, צום ביישפּיל, דערקלערט דעם פּראָצעס פון דונערן און בליצן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, איז דאָס געווען אַן ערנסטער קלאַפּ קעגן די רעליגיעזע באַגריפן, ווייל ס׳האָט צעשטערט דעם אַלטן, פעסטן גלויבן, אַז דער דונער איז אַן אויסערגעוויינטלעכע אומנאַטירלעכע דערשיינונג, אַראָפּגעשיקט פון הימל ווי אַ וואָרענונג, און דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די מענטשן; און דאָ זיינען געקומען

די כופרים און דערקלערן דעם גאַנצן ענין אויף אַ גאַנץ פּשוט'ן, נאַטירלעכן וועג.

אָדער די אַנטדעקונג, אַז די ערד איז קיילעכדיק און דרייט זיך אַרום דער זון. וויפל מורא'דיקע אַפּיקורסות איז אין דעם געווען? דער שטורעם וואָס דאַרווינ'ס עוואָלוציע האָט געבראַכט, איז דאָך אַלעמען באַקאַנט. ס'טייטש, די ביבל דערציילט דאָך אַזוי קלאָר ווי אַזוי אָדם איז באַשאַפן געוואָרן און חוה פון אָדמ'ס זייט — און דאָ קומט דאַרווין און לייקנט אָפּ די גאַנצע מעשה און דערקלערט, אַז דער מענטש איז גאָרנישט באַשאַפן געוואָרן אין דער פאָרם ווי ער איז איצט, נאָר ער האָט זיך אין משך פון מיליאָנען יאָרן אַנטוויקלט פון אַנדערע נידעריקע באַשעפענישן. דאָס האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, רעליגיעזע מענטשן ניט געקענט דולדן און האָבן אָט־די לערע פאַרדאַמט ווי שרעקלעכע אַפּיקורסות.

אַ פאַרביסענער קאַמף איז אָנגעגאַנגען קעגן אָט־דעם געדאַנק אַפילו אין דער פרייער אַמעריקע און אַזוי־גערופענע אַמעריקאַנער געלערנטע האָבן אָנגעפירט אַ ביטערן און עקשנות'דיקן קאַמף קעגן די אָנהענגער פון דאַרווינ'ס טעאָריע, אַזוי ווייט, ביז דער וויכוח האָט דערגרייכט די געריכט־הייזער.

די לעצטע צייט אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון טאָלעראַנץ. ביידע צדדים — סיי די רעליגיעזע פאַרשטייער און סיי די וויסנשאַפטסלייט — האָבן צווישן זיך שלום געמאַכט. מ'איז געקומען צום באַשלוס, אַז מ'קען זיך זיין אַ טיף־רעליגיעזער מענטש, און דאָך זיך צוהערן, צו לערנען און פאַרשטיין די דערקלערונגען און אַנטדעקונגען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט וועגן די כוחות פון דער נאַטור ווי אַ טעאָריע. פאַראַן איצט אַ צאָל רעליגיעזע פירער וואָס פאַרנעמען זיך טאָג־טעגלעך מיט דער לערע פון וויסנשאַפט. די דאָזיקע ענדערונג האָט בייגעשטייערט צו די צאָלרייכע מאָדערנע דערפינדונגען פון דער לעצטער צייט, וועלכע ברענגען הילף און באַקוועמלעכקייט און זיינען אַ גליק פאַר דעם וואוילזיין פון דער מענטשהייט.

אידן האָבן אין אַלע צייטן בייגעשטייערט צום מענטשלעכן פאַר־

שריט אין אַ פולער מאָס. ס׳איז אַ פאַקט, אַז זיי האָבן אַלעמאָל פאַר־נומען דעם אויבן־אָן און זיינען געווען אין די ערשטע רייען פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

דער תנ״ך דייטעט אָן אויף אַ הויך־ציוויליזירטן אַרט לעבן מיט אַרום 25 הונדערט יאָר צוריק, אין די צייטן פון שלמה המלך, ווען אידן האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן צווישן די ציוויליזירטע פעלקער פון יענער צייט. באַרימטע רעליגיעזע פירער און געלערנטע האָבן זיך אין אַלע צייטן פאַרנומען מיט דעם שטודיום פון פילאָזאָפיע, מאַ־טעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און מעדיצין. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון זיי: דער אמורא שמואל ירחינאה, ר׳ סעדיה גאון און דער רמב״ם, וועלכע האָבן פאַראייניקט וויסנשאַפט מיט רעליגיע.

אידן זיינען פון דער נאַטור באַוועגלעכע, ווייט־זעענדיקע און פאָרגעשריטענע מענטשן. דערצו האָבן זייערע אומשטענדן ווי אַ וואַנ־דער־פאָלק זיי געמאַכט וועלטלעך און ביי זיי אַנטוויקלט אַ שאַרפער חוש פאַר ענדערונגען, אַזוי אַז קיין שום זאַך איבערראַשט זיי ניט. און דערפאַר קען אַ איד, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע פון אַ קליין שטעטל אין אייראָפּע, זיך לייכט איינאָר־דענען און זיך צופּאַסן צו דעם טומלדיקן לעבן אין ניו־יאָרק און זיך איינלעבן דאָ אָן שוועריקייטן.

די אידישע רעליגיע, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע אמונות, פאָדערט ניט בלינד צו גלויבן. די אידישע תורה איז אַ תורת חיים, וואָס גייט האַנט אין האַנט מיט דעם מענטשלעכן פאָרשריט און לערנט אונז צו פאַרשטיין און ליב האָבן דאָס לעבן. זי הייסט אונז לערנען, טראַכטן, אויסגעפינען און פאַרשטיין. דאָס איז דער באַקאַנטער אויסדרוק „וידעת את ה׳״ — ניט אַ בלינדער גלויבן, נאָר אַן אמונה פון לערע, חכמה ודעת.

די גרויסע רעליגיעזע פירער פון פריערדיקע דורות האָבן דער־פאַר געשאַפן נייע געזעצן און תיקונים אין רעליגיעזן לעבן לויט די אומשטענדן און נויטן.

די חתימת התלמוד, וואָס איז נויטיק געווען אין יענער צייט, האָט אָבער אויך פאַרשפאַרט דעם וועג פאַר די נאָכפאָלגנדיקע וועג־

ווייזער. דאָס אידישע לעבן איז דורכדעם פאַרגליווערט געוואָרן און די אויטאָריטעט פון די רעליגיעזע פירער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אָפטמאָל קומט אויפן געדאַנק ווי נויטיק עס איז אין אונזערע מאָדערנע צייטן נייע געזעצן און תיקונים וועלכע זאָלן געמאַכט ווערן דורך גרויסע, אָנערקענטע אויטאָריטעטן, בכדי צו פאַרשטאַרקן אידיש־קייט אין דער נייער וועלט.

געוויס מיינען מיר ניט אַזעלכע ענדערונגען וואָס רעפאָרם ברענגט אונז, וועלכע זיינען אַ נאָכקרימעניש פון אַ קאַלטער, פרעמדער, ניט־אידישער סביבה. וואָס מיר דאַרפן איז — אַ דערפרישונג און אַ באַ־נייאונג פון אינעווייניק, וואָס קומט פון אַ אידישן מקור, פון אידישע האַרץ און נשמה.

צום באַדויערן, זיינען די מערסטע רעליגיעזע פירער פון היינ־טיקן דור פאַרנומען מיט קלייניקייטן. זיי באַגרייפן ניט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער צייט. די אידישע מאַסן לעבן איצט אַ צעריסן לעבן, אַן אַ פירערשאַפט, אַן וועג־ווייזער ; אַ לעבן פול מיט סתירות.

לאַנג קען אַזאַ סאָרט אידיש לעבן ניט אָנהאַלטן. ס׳איז איצט געקומען די צייט פאַר מעשים, ווען מיר בויען ארץ־ישראל פאַר אַ אידישער היים און מיר האָפן מיט ג־ט׳ס הילף זיך דאָרט צו באַפעס־טיקן ווי אַ נאָרמאַל פאָלק.

מיר בויען דאָס לאַנד לויט די נייעסטע, מאָדערנע דערפינדונגען, ווי אַ פרייע, דעמאָקראַטישע מדינה, צו פירן מסחרים מיט אַנדערע פעלקער. אומגעהויער־שווערע פראָבלעמען וועלן אַרויסקומען סיי אין די אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן און סיי אין די באַציאונגען מיט אַנדערע פעלקער אין היינטיקער מאָדערנער צייט.

אונזערע רעליגיעזע פירער מוזן דערוואַכן און זיך נעמען צו דער אַרבעט אויף אַן ערנסטן אופן און טאָן דאָס וואָס אונזערע פירער פון אַמאָל האָבן געטאָן.

אָרגאַניזאַציע, פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ערנסטקייט און אויטאָ־ריטעט דאַרפן פאַרנעמען דעם אָרט פון אָפּגעלאָזנקייט, נאַכלעסיקייט און צעריסנקייט.

די פירער דאַרפן זיך צוהערן צו דער שטימע פון דער נייער צייט און פירן די אידישע מאַסן אויף דעם ריכטיקן וועג. דאָס פאָלק, זייענדיק איבערצייגט אין דער ערלעכקייט און פעאיקייט פון די מנ־היגים, וועלן זיי, ווי אין אַלע צייטן, נאָכפאָלגן זייערע פירער.

די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט דאַרף זיך אָנפאַנגען אין ארץ־ישראל און פון דאָרט זיך פאַרשפרייטן אין אַלע תפוצות איבער דער גאַנצער אידישער וועלט.

30־טער נאָוועמבער, 1934.

פון חורבן צו בנין

שוין אין די פריערדיקע אַרטיקלען האָב איך פרובירט צו באַ־ווייזן, אַז דאָס אַמעריקאַנער, טראַדיציאָנעלע אידנטום גליטשט זיך לאַנגזאַם באַרג־אַראָפּ.

איך וויל באַמערקן, אַז דאָ איז ניט די פראַגע פון דעם שולחן־ערוך, ווי, למשל, וואָס אַ איד טראָגט ניט קיין טלית־קטן אָדער פאַר־פעלט צו דאַווענען אַ מנחה אָדער אַפילו ווען אַ יחיד טוט־אָפּ אַן עבירה׳לע.

וואָס עס קימערט מיר איז דער געזעלשאַפטלעכער אידישער לעבן — די הפקרות אויף דער אידישער גאַס, דער חילול־השם בפר־הסיה, דאָס ציניש באַנעמען זיך צו אַלץ וואָס איז הייליק־טראַדי־ציאָנעל, דער אָפענער און חוצפה׳דיקער חילול־שבת און חילול־יום־טוב, די אומפאַרשעמטע, צינישע און ביליקע באַציאונג צום אידישן לערנען, צו תורה און לומדי־תורה.

אייגנטלעך האָב איך געמיינט, אַז יעדער איד, אָן אויסנאָם, קען זען גאַנץ קלאָר די ירידה און אַז קיינע באַווייזן זיינען דערויף ניט נויטיק. האָב איך אָבער, צו מיין גרויסער איבעראַשונג, אויסגעפונען, אַז אייניקע אָרטאָדאָקסישע פירער שטימען ניט איין מיט מיר און

באַהויפּטן, צו מיין דערשטוינונג, אַז אַלץ איז שיין און גוט אין אָר־טאָדאָקסישן לאַגער און אַז די פראַגע וואָס איך האָב געשטעלט: „וואוהין גייט דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום" — קימערט זיי ניט און ס'איז ביי זיי ניט קיין שווערע פראַגע.

איך בין שטאַרק מקנא מיינע זייער געשעצטע פריינט פון דעם רעליגיעזן לאַגער אויף זייער אָפּטימיזם, כאָטש איך קען ניט באַ־גרייפן פון וועלכער קוועלע און אויף וועלכן סמך זיינען זיי געקומען צו אָט־דער מסקנא אין דער צייט ווען מ'קען ממש מיט די הענט אָנטאַפּן די געפאַלנקייט פון דעם וואָס אָרטאָדאָקסישע אידן רופן: „תורה־אידישקייט".

פונקט אַזוי מערקווירדיק ווי ס'איז דער געדאַנקען־גאַנג פון די דערמאָנטע אָפּטימיסטישע רעליגיעזע פירער, איז אויך זאָנדערבאַר די פאַרקערטע עקסטרעמע מיינונג פון די פעסימיסטן, וואָס באַהויפּטן, אַז דער סוף פון דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן אידנטום איז גאַנץ נאָנט און אַז קיין מיטל אין דער וועלט וועט שוין די ירידה ניט אָפּשטעלן.

ביידע מיינונגען — סיי פון די איבערגעטריבענע אָפּטימיסטן, וועלכע זיינען גאַנץ צופרידן מיט דער לאַגע, און סיי פון די עקסטרעמע שוואַרץ־זעער, וועלכע גלויבן, אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן פאַר דעם טראַדיציאָנעלן אידנטום — זיינען פאַלש. און ביידע אַנשויאונגען ברענ־גען שאָדן צו טראַדיציאָנאַלער אידישקייט.

דאָס בעסטע איז — צוגיין מיט אַ מיטעלן וועג און בעיקר מיט אָפענע אויגן. ווייל דער ענין איז אַ שווערער און קאָמפּליצירטער און קען ניט געשליכטעט ווערן אויף אַ שנעלן אופן. ס'איז אַ לאַנגער פּראָצעס פאַר דורות און וועט פאָדערן פיל ענערגיע פון איבערגע־געבענע און אויפריכטיקע אידישע פירער.

מיר קענען און דאַרפן אָבער פּרובירן איצט צו זוכן און געפינען קאָנסטרוקטיווע מיטלען, וועלכע וועלן אונז ברענגען נעענטער צו דעם וועג וואָס פירט צו דער דערהויבונג און פאַרשטאַרקונג פונעם טראַדיציאָנעלן אידנטום.

איידער מיר זוכן די רפואה, דאַרפן מיר גענוי אויספאָרשן און אויסגעפינען די הויפּט־פונדאַמענטאַלע סימפּטאָמען פון דער קראַנקייט,

וואָס האָט געבראַכט צו דעם איצטיקן שרעקלעך־געפאַלענעם מצב פון אידישקייט אין אַמעריקע.

געוויס זיינען פאַראַן אַ צאָל אויסערלעכע סיבות, איבער וועלכע מיר האָבן ניט קיין קאָנטראָל און זיי זיינען אויסער די גרענעצן פון אונזער מאַכט, ווי צום ביישפּיל, די מאָדערנע ציוויליזאַציע און די נייע וויסנשאַפט, וועלכע האָט טיף אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון אידן און ניט־אידן; אַ צווייטע סיבה איז דאָס וואָס אידישע קינדער באַזוכן טעגלעך די אַלגעמיינע פאָלקס־שולן און ווערן באַאיינפלוסט פון די אַלגעמיינע לימודים און אויפפירונג. אויך די פרייהייט און דעמאָקראַטיע וואָס הערשן דאָ אין לאַנד און די גוטע באַציאונגען צווישן דער באַפעלקערונג, האָבן פיל ביגעשטייערט צו ענדערן דעם אידישן לעבן.

די אַלע סיבות זיינען אַזעלכע, וואָס מיר קענען ניט און ווילן ניט באַזייטיקן, ווייל מיר ווילן ניט מער צוריקגיין צו די ביטערע צייטן פון די ענגע, פינסטערע געטאָס און ליידן פייניקונגען, שאַנדע און פאַרשקלאַפונג.

מיר דאַרפן אָבער זיך קאָנצענטרירן אויף די אינערלעכע שוואַכ־קייטן, וועלכע זיינען ביי אונז אין די הענט און וועלכע מיר זיינען יאָ בכוח צו באַזייטיקן, און מיר מוזן אָנשטרענגען אַלע אונזערע כוחות זיי צו באַקעמפן.

וואָס זיינען די סימפּטאָמען פון דער אינערלעכער קראַנקייט? מיר קענען זיי אָנרופן אומגעפער מיט פאָלגנדיקע נעמען: צעריסנקייט, הפקרות, חוצפה, אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט און עם־הארצות. דאָס זיינען די פּאַראַזיטן און שונאים פון אידישן לעבן. אונזער קהילה־לעבן איז אָן אַ סדר, אָן אַ פּראָגראַם. אַ גרויסער טייל פון די מנהיגים און כלל־טוער זיינען ניט ערנסט און אַרבעטן ניט באמונה. זיי רייסן זיך אַרום און קריגן זיך ניט לשם־שמים, נאָר פאַר זייער אייגענעם, פּער־זענלעכן נוצן. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס די אידישע מאַסן האָבן צו זיין ניט קיין צוטרוי און דערפאַר איז דאָס אידישע לעבן אַ מין תוהו־ובוהו און פאַלט טיפער און נידעריקער.

דער חולה — דאָס טראַדיציאָנעלע אידנטום — איז אין אַ קריטי־

שער לאַגע און קיין „באַבסקע״ רפואות אָדער סגולות וועלן דאָ ניט העלפן. דערצו פאָדערן זיך פונדאַמענטאַלע, ראַדיקאַלע און רעוואָ־לוציאָנערע תיקונים. דער גאַנצער אידישער קהילה־לעבן דאַרף אי־בערגעבויט ווערן אויף פעסטע יסודות. קיין שום פשרות קענען ניט געמאַכט ווערן. די אידישע קהילות, די שולן, אינסטיטוציעס און מוס־דות דאַרפן איבערגעבויט און רעאָרגאַניזירט ווערן.

די אָרטאָדאָקסישע שולן, די תלמוד־תורה׳ס און ישיבות, ווי אויך די לאַדזשעס און אידישע אינסטיטוציעס, דאַרפן ענדערן זייערע וועגן און מעטאָדן; און דער עיקר־שבעיקרים — זיי מוזן אַריינקריגן נייע פרישע בלוט.

די אַלטע אומפעאיקע פירער, וועלכע האָבן מיט זייער פירערשאַפט געבראַכט צום איצטיקן געפאַלענעם מצב, דאַרפן פאַרלאָזן זייערע פאָזיציעס ווי מנהיגים און מאַכן פלאַץ פאַר נייע, אינגערע, פעאיקערע און מער־פּראָגרעסיווע עלעמענטן.

געוויס קען דאָס ניט געטאָן ווערן אָן אַ קאַמף. די אַלטע רע־אַקציאָנערע אָרטאָדאָקסישע פירער זיינען זיך איינגעזעסן אין זייערע פּלעצער און פילן זיך גאַנץ באַקוועם אין זייערע פאָזיציעס; זיי האָבן ניט קיין חשק אויפצוגעבן זייערע ערטער. אָבער די דאָזיקע אָפּעראַציע מוז געמאַכט ווערן. מ׳מוז זיך אָננעמען מיט קוראַזש און אַנטשלאָסנ־קייט און אָפּרייניקן די אידישע גאַס פון קאָרופּטירטע, עם־הארצישע פירער.

עס זיינען נאָך פאַראַן שטאַרקע און ערלעכע כוחות צווישן אידן, וועלכע שטייען איצט פון דער ווייטנס און ווילן זיך ניט מישן. זיי האָבן ניט קיין חשק אַריינצודרינגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס ווערט געפירט פון אומוויסנדיקע פירער.

אַ רוף פון פאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָנען און אַ שטאַרקע האַנט קענען צונויפברענגען די אַלע פייאיקע און ערלעכע מענטשן און זיי אָרגאַניזירן אין אַ מעכטיקן כוח און מאַכן פלאַץ פאַר זיי איבער־צונעמען די פירערשאַפט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַר דעם וואוילזיין פון דער היגער קהילה.

חסידים דערציילן, אַז אַ באַרימטער רבי איז אַוועק פון זיין היים

צו האָבן התבודדות אין אַ וואַלד, וואו ער האָט געוואָלט זיין אַליין, אָן שטערונגען פון דעם שטאָטישן ירידי, בכדי זיך צו מייחד זיין מיט דער שכינה און זיך גייסטיק באַהעפטן מיט דעם פאָטער אין הימל. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שיינעם, ג־טלעכן געזאַנג, וועלכער האָט דעם רבי׳ן אַריינגעבראַכט אין אַ הייליקן עקסטאַז. דער ניגון איז געווען שיין און האַרציק און האָט אין זיינע אויערן געקלונגען ווי די שירה פון די מלאכים אין הימל.

ווען ער האָט אָבער אויפגעכאַפּט די ווערטער פון דעם ניגון, וועלכע זיינען געווען אַ ליבע־אויסדרוק פון אַ פּאַסטעך צו זיין געליבטער, האָט זיך דער צדיק שטאַרק מצער געווען, ווייל זיי זיינען דאָך געווען דער אויסדרוק פון אַ גשמיות׳דיקער תאווה, און דער רבי איז מבולבל געוואָרן.

באַלד איז אָבער צו אים געקומען דער געדאַנק: דער ניגון איז דאָך אַזוי שיין, פּאַרוואָס אים ניט צופּאַסן צו די שבת־זמירות אָדער אַנדערע תהילות צום בורא עולם? און דער הייליקער צדיק האָט מיט פייערדיקער התלהבות געזונגען מיט דער מעלאָדיע זמירות צום באַשעפער און זיך באַהעפט מיט דער שכינה דורך דעם ניגון פון דעם פּאַסטעך.

מיר דאַרפן נאָכפאָלגן דעם ביישפּיל פון דעם צדיק אין וואַלד. אויב מיר ווילן ראַטעווען דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום דאָ אין לאַנד, מוזן מיר אַריינברענגען אַ לעבעדיקע באַגייסטערונג, אַ נייעם געדאַנק, אַ שיינעם ניגון און נייע מעטאָדן. און כל־זמן די רעאַקציאָנערע פירער וועלן שטיין ביים רודער, וועט דאָס אידישע לעבן דאָ ניט פּראָגרעסירן.

אונזער לאָזונג דאַרף זיין: אַ רעוואָלוציע אין אידישן לעבן. דאָס מיינט ניט רעפאָרם. די אַלטע אידישע טראַדיציעס זיינען שיין און נאָבל און קענען זיך צופּאַסן צו דער מאָדערנער צייט. זיי דאַרפן פונדאַמענטאַל ניט געענדערט ווערן.

די וועגן און מעטאָדן מוזן אָבער אומבאַדינגט מאָדערניזירט ווערן און דאָס קען געטאָן ווערן דורך נייע און יונגע קרעפטן, וועלכע קענען משפיע זיין אויף דעם יונגן דור און אויך אויף די עלטערע

און דאַן וועט דער כבוד פון טראַדיציאָנעלן אידנטום דערהויבן ווערן צו דער העכסטער מדרגה.

17־טער אַפּריל, 1935.

„די היינטיקע משכילים״

„די היינטיקע משכילים״ איז דער נאָמען וואָס איך און מיינער אַ חבר זיינען מיט אַ קורצער צייט צוריק באַטיטלט געוואָרן פון מיין געערטן חבר ר׳ אריה לייב געלמאַן, רעדאַקטאָר פון „אידישען רעקאָרד״, דערפאַר ווייל אויך מיר, ווי די אַמאָליקע משכילים, זיינען אומצופרידן מיט דער לאַגע פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום. אויך מיר קריטיקירן שאַרף די מעטאָדן און וועגן פון אירע פירער און מיר גלויבן אַז אַ גרויסער טייל פון די מנהיגים האָבן ניט די פייאיקייט און דעם כוח צו פירן דאָס פאָלק אין דער איצטיקער שטורעמדיקער צייט.

געוויס זיינען מיר באַקאַנט מיט דער השכלה־תקופה. מיר ווייסן אויך גענוי וועגן דעם דורכפאַל פון די אַלע משכילישע סגולות און רפואות. און טראָץ דעם פילן מיר זיך באַרעכטיקט אָנצוגיין מיט אונזער שאַרפער קריטיק איבער דעם היינטיקן מורא׳דיקן צושטאַנד פון דעם אָרטאָדאָקסישן אידנטום. ווייל מיר פילן אַז אונזער קאַמף איז אַ גאַנץ אַנדערער און אונזער קריטיק קומט פון אַ גאַנץ אַנדער קוואַל. מיר האָבן ליב אונזער פאָלק און זיינע טראַדיציעס זיינען אונז טייער.

אונזער וואונטש איז צו פאַרשענערן, פאַרבעסערן און פאַרשטאַרקן די אידישע אומה און ניט ווי די אַמאָליקע אַסימילירטע משכילים און רעפאָרמער, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּשוואַכן, צעשטערן און צע־ברעכן די אידישע טראַדיציעס.

מיר וועלן פאַר אַ מאָמענט צוריק בלעטערן די אידישע געשיכטע און זען וואָס איז געווען דער מצב פון אידן איידער דער שטורעם פון השכלה האָט זיך אָנגעפאַנגען. מיר ריידן דאָ ניט וועגן די פיזישע

אומשטענדן, וועלכע זיינען, ווי באַקאַנט, געווען אומדערטרעגלעך. אידן האָבן געלעבט פאַרשפּאַרט אין די געטאָס און געליטן די שרעקלעכסטע דערנידערונגען. דערפאַר אָבער אינערלעך האָבן אידן געלעבט אַ פולקאָם־גאַנצן, רייכן, גייסטיקן, אידישן לעבן דער שבת איז געווען הייליק, די אידישע ימים־טובים זיינען געפייערט געוואָרן מיט הרחבה און פרייד. די אידישע משפחה איז געווען אַ מוסטער פון גאַנצקייט, די בתי־מדרשים און שולן זיינען יעדן טאָג געווען איבערגעפּאַקט מיט אידן, צווישן מנחה און מעריב האָט דער בעל־מלאכה אָוועקגעלייגט זיין געצייג, דער קרעמער האָט איבערגעלאָזט זיין קראָם און געלערנט ג־ט׳ס תורה. דער למדן האָט געלערנט אַ שווערן פּלפּול, אַ פּשוט׳ער איד דעם עין יעקב אָדער חומש מיט רש״י צי גאָר געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים מיט כוונה.

די חדרים און ישיבות זיינען געווען אָנגעפּילט מיט אידישע קינדער און יונגעלייט וועלכע האָבן געלערנט די אידישע תורה. אַחדות און דיסציפּלין האָט געהערשט אין קהל׳שן לעבן. די רבנים און מנהיגים זיינען געווען גוטע, אידעלע אידן, בעלי־תורה ומידות און געווען גרייט זיך מוסר־נפש זיין פאַר דעם כלל. אַזוי האָט אויסגעזעען, מיט קליינע אויסנאַמען, דאָס בילד פון דעמאָלטיקן אידישן לעבן.

אייניקע פון אונזערע מאָדערנע אידן וועלן דאָס רופן פאַנאַטיזם, פינסטערניש און ענלעכע ניט־בכבוד׳יקע נעמען. אָבער מ׳מוז צוגעבן, אַז ס׳האָט עקזיסטירט אַ מעכטיקע, דיסציפּלינירטע, אידישע קהילה איידער די ציוויליזאַציע האָט זיך אַריינגעריסן אין אידישן לעבן.

זיינען געקומען די משכילים, וועלכע זיינען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט דער וועלטלעכער ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיי פאַרבלענדט די אויגן מיט דעם אויסערלעכן גלאַנץ אַזוי אַז זיי האָבן פאַרגעטערט אַלץ וואָס איז גוי׳איש און פאַרהאַסט יעדער זאַך וואָס איז אידיש, און זיי האָבן געפּריידיקט דעם אידעאַל פון וועלטלעכער בילדונג און אויפקלערונג. זייערע מעטאָדן זיינען געווען ברוטאַל — דהיינו: אָוועקצורייסן די אידישע יוגנט פון די אידישע טראַדיציעס, פון די הייליקע שבתים און ימים־טובים, פון זייערע פאַמיליעס און פון דער תורה.

זייער קאַמף איז געווען געווענדעט קעגן אַ גאַנצן פעסטן און שטאַרקן תורה־אידנטום.

די אידן פון יענער צייט האָבן דעם קאַמף קעגן די משכּילים אויפגענומען מיט עקשנות און ביטערקייט. די חסידים מיט זייער פייער און התלהבות פון אמונה און די מתנגדים מיט זייער אהבת התורה און פרומקייט.

די צוויי גרופּן — חסידים און מתנגדים — וואָס זיינען געווען שאַרפע קעגנער צווישן זיך, האָבן שלום־געמאַכט און זיך פאַראייניקט אין דעם קאַמף קעגן די משכּילים, וועלכע האָבן געוואָלט צעברעכן די מעכטיקע פעסטונג פון תורה־אידנטום. די אַסימילירטע משכּילים זיינען געווען צו־שוואַך צו קעמפן קעגן אַ פולקאָם־שטאַרקן, אָרגאַני־זירטן אָרטאָדאָקסישן אידנטום און האָבן פאַרלוירן דעם קאַמף.

וואָס איז די לאַגע פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום היינט אין אַמע־ריקע? פון דעם גאַנץ גרויסן אידישן קיבוץ דאָ אין לאַנד, איז בלויז אַ קליינער, אומבאַדייטנדיקער טייל אָרטאָדאָקסיש. דער גרעסטער טייל אַמעריקאַנער אידן זיינען ווייט־אַוועק און פרעמד פון דעם טראַדיצי־אָנעלן אידנטום.

אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען ראַדיקאַלן, וואָס האָבן קיין שייכות ניט מיט אָרטאָדאָקסיע אָדער מיט וועלכן עס איז אַנדערן רעליגיעזן באַגריף. אַ סך זיינען געוואָרן רעפאָרם־אידן, אָפּגעריסן פון דעם קוואַל פון טראַדיציאָנעלער אידישקייט, וואָס דערקלערן זיך פאַר אי־דישע אַמעריקאַנער און ניט פאַר אַמעריקאַנער אידן.

אויך די „נאַציאָנאַליסטן", בעיקר פון דער הי־געבוירענער יוגנט, וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט געוואָרן וואַרעמע און שטאָלצע אידן, זיינען ניט דערצויגן געוואָרן אויף אידישע טראַדיציעס און זיינען ווייט פון אידישקייט.

דער גרעסטער טייל אַמעריקאַנער אידן זיינען קאָלירלאָז, אָדער פּשוט אומוויסנדיק אין אידישע רעליגיעזע פּירונגען. זיי זיינען חלילה ניט קיין אַפּיקורסים; זיי כאַפּן זיך אַריין אין אַ שול ביי אַ שמחה אָדער חלילה ביי אַ צרה, זיי פילן אָן די שולן ראש־השנה און יום־כּיפּור און צו יזכור. דאָס האַרץ איז אידיש. זיי גיבן צדקה פאַר

אידישע צוועקן, אָבער זיי האָבן ניט קיין אינטערעס אין אידישע ענינים.

די קליינע גרופּן עכט־אָרטאָדאָקסישע אידן זיינען אין זייער מער־הייט די ניי־אָריבערגעקומענע פון דער אַלטער היים, וואָס האָבן אַ קליינעם איינפלוס אויף די היגע אַמעריקאַנער אידן, מיטן אויסנאַם פון אַ קליינער — אָבער טעטיקער — גרופּע הי־געבוירענע, „יאָנג איזראַעל" אַנהענגער.

אַ טייל פון די פרומע אידן האָבן זיך שוין מיאש געווען פון אַ באַדייטנדיקער אידישער צוקונפט דאָ אין לאַנד. אָט־די אידן באַהאַלטן זיך אין זייערע ד' אַמות. לערנען זייער תורה, היטן זייערע מצוות באַהאַלטענערהייט און קימערן זיך ניט פאַר דעם כלל.

די גרויסע ישיבות, וועלכע גיבן אַרויס די רבנים — האָבן צווישן זיך ניט קיין געמיינשאַפטלעכס. די אָרטאָדאָקסישע רבנים באַלאַנגען צו עטלעכע פאַרשידענע אַגודות און זיינען ניט פאַראייניקט צווישן זיך. די באַלעבאַטישע פירערשאַפט איז על־פּי רוב אין די הענט פון ביליקע פּאָליטישענס לויט דעם נוסח פון דער ניט־אידישער אַמעריקע.

צו זיין אַ פירער ביי אידן איצט אין אַמעריקע פאָדערט זיך ניט תורה אָדער דרך־ארץ. אַלץ וואָס מ'דאַרף איז — אַ שאַרפע צונג, אַביסל געשעפטס־פעאיקייט, אַ היפּש ביסל חוצפה, זיין אַ קאָכלעפל און האָבן „גוטע ברידער" — און איר זייט אַ גדול בישראל.

מיר האָבן דערגרייכט אַ מדרגה וואו תורה און קולטור איז אַ חסרון פאַר אַ פירער, ווייל ווער דאַרף דאָס אין היינטיקן פּראַקטישן לעבן? און דערפאַר איז דאָס אידישקייט אַ בלאָסע און באַשטייט פון שיינע בנינים, אָבער פּוסטע און ליידיקע אינעווייניק און דער אידישער לעבן איז אויסגעליידיקט פון תורה און טראַדיציע; ס'איז אַפילו לעכערלעך אָנצורופן דאָס היגע אַמעריקאַנער אידישקייט „תורה־אידנטום" בלויז דערפאַר וואָס מיר האָבן אַ ירושה פון רייכע קולטורעלע אוצרות.

דאָס דערמאָנט אין דעם עפּיזאָד וואָס ווערט דערציילט פון אַ משולח וואָס איז געקומען אין אַ שטאָט און האָט באַקומען אַ ליסטע פון בכבודיקע בעלי־בתים און באַמערקט אַ נאָמען פון אַ פּערזאָן ביי וועמען ס'איז געווען אַ באַמערקונג „דער אָרעמער גביר".

ווען ער האָט זיך אָנגעפּרעגט אויף דער באַדייטונג פון דער באַמערקונג, האָט מען אים דערקלערט, אַז דער „גביר" וואוינט אין אַ רייכן פּאַלאַץ, אויסגעשטאַט מיט פּראַכטפולן מעבל און ער פאַרמאָגט זילבערנע און גאָלדענע געשיר, אָבער זיינע מאַלצייטן זיינען זייער אָרעמע און ער טראָגט אָפּגעריסענע מלבושים. די סיבה דערצו איז: טראָץ דעם וואָס זיין פאַרמעגן איז גרויס, איז עס אָבער נאָר דערפאַר, ווייל דאָס רייכע הויז האָט ער גע'ירשנט פון זיין זיידן און די אויס־שטאַטונג פון זיינע עלטערן, אָבער ער אַליין איז אַ לאָ־יוצלח און ער פאַרדינט ניט אויף זיין באַדערפעניש.

דאָס אַמעריקאַנער אידנטום געפינט זיך אין אַן ענלעכער לאַגע. די היגע אידן האָבן אַ רייכע ירושה פון די נביאים, תנאים, אמוראים, גאונים, דיכטער, פילאָזאָפן און קינסטלער, אָבער אַליין קענען זיי גאָר־ניט שאַפן. דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום דאָ אין לאַנד טרוקנט איין פון טאָג צו טאָג און די פירער זיינען צו־שוואַך צו דערהויבן דעם כבוד פון תורה־אידנטום.

מיר, די היינטיקע „מאָדערנע משכילים", האָבן אָפענע אויגן. מיר זעען די אמת'ע לאַגע און מיר זיינען שטאַרק באַזאָרגט פאַר דער צו־קונפט פון אַמעריקאַנער אידנטום. מיר קריטיקירן די פירערשאַפט מיט אַ שווערן געמיט, ווייל מיר זיינען באַאומרואיקט פון דער מורא'־דיקער לאַגע. מיר וועקן און פּרובירן עפענען די אויגן פון די יעניקע פירער וועלכע זעען ניט די געפאַר און מיר פאָדערן זיי אויף צו מעשים וועלכע זאָלן פאַרבעסערן, פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיקן אַלץ וואָס איז אונז טייער, און דערמיט ראַטעווען דאָס תורה־אידנטום אין אַמעריקע פון אונטערגאַנג.

מיר, „מאָדערנע משכילים", אונטערשיידן זיך פון די פאַרצייטיקע משכילים אין פאָלגנדיקע וועגן:

זיי, די פריערדיקע משכילים, האָבן געקעמפט קעגן אַ גאַנצן פעלזן־שטאַרקן תורה־אידנטום — און מיר קריטיקירן אַ צעבראָכענעם, צעשפּאָלטענעם און אומאָרגאַניזירטן, עם־הארצישן אידנטום;

זיי האָבן געהאַסט אַלץ וואָס איז אידיש און פאַרגעטערט אַלץ וואָס איז גוי'איש — מיר אָבער זיינען שטאָלצע אידן און האָבן ליב

אונזער פאָלק און די אידישע טראַדיציעס זיינען ביי אונז הייליק, און מיר ווילן פאַרשטאַרקן און פאַרשענערן דאָס אידנטום;

זיי האָבן געוואָלט צעברעכן און פאַרניכטן דאָס אידנטום און אַוועקרייסן די יוגנט פון אידישע טראַדיציעס מיר אָבער ווילן אַריינ־ברענגען אָרדענונג און צוריקברענגען די פאַרבלאָנדזשעטע יוגנט צום אידישן פאָלק;

זייער קאַמף איז געקומען פון האַס און פאַראַכטונג צו אַלץ וואָס איז אידיש — אונזער קריטיק אָבער קומט פון הייסער ליבע צו אונזערע טראַדיציעס און מיר זאָרגן פאַר דער צוקונפט פון דער אידישער אומה.

אויב פאַר דעם אַלעם וואָס מיר קעמפן ווערן מיר געקרויינט מיט דעם נאָמען „די היינטיקע מאָדערנע משכילים", וועלן מיר טראָגן אָט־דעם נאָמען מיט ווירדע און שטאָלץ.

25־טער יאַנואַר, 1935.

די נייע וועלט נאָך דער מלחמה

ווי אַזוי וועט אויסזען די נייע וועלט נאָך דער מלחמה? דאָס איז אין דער איצטיקער צייט אַ ברענענדיקע פראַגע. ימים מיט טינט ווערן אויסגענוצט אין דער פרעסע און אין שווער־געוויכטיקע ביכער. אויך אָן אַ צאָל דרשות, לעקציעס און סוירמאָנס ווערן טאָג־טעגלעך געווידמעט דער דאָזיקער פראַגע.

ס'איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז נאָך דעם ביטערן און שווערן געראַנגל, דער גרעסטער און ביטערסטער אין דער מענטשלעכער געשיכטע צווישן די כוחות פון ליכט און פינסטערניש, ווען צום גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט דערנענטערט זיך דער זיג פון ליכ־טיקייט און פרייהייט, זאָלן די זיגער, די העלדן פון דאָזיקן מורא־דיקן, בלוטיקן קאַמף, צוזאַמען מיט אַלע ליבעראַלע און ערלעכע

מענטשן אין אַט־דעם מאָמענט, דערוואַרטן אַז אַ בעסערע וועלט זאָל זיך אַנטפּלעקן.

עס זיינען אַפילו פאַראַן סקעפּטיקער, וועלכע זאָגן אַז „עולם כמנהגו נוהג״, אַז די זעלבע עגאָאיסטישע, פאַרדאָרבענע וועלט וועט אויך זיין שפּעטער, נאָך דער מלחמה און אַז די נאָבעלע אידעאַלן פון „אחרית הימים״, וואָס בעלי־חלומות טרוימען, וועלן זיך אויסלאָזן ווי אַ חלום.

מיר ווילן אָבער זיין אָפּטימיסטיש לויט דער אידישער מידה פון בטחון און מיר האָבן אַ גוטן גרונט צו גלויבן אַז אַ פיל שענערע און בעסערע וועלט וועט זיך באַווייזן אין דער נאָענטער צוקונפט.

און נאָך אַ זאַך: ווי אידן, וואָס האָבן געליטן פּראָפּאָרציאָנעל הונדערט־פאַכיק מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער, זיינען מיר, נאַטירלעך, בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דער פאָרמירונג פון דער נייער, בע־סערער וועלט און, ווי הויפּט־מחותנים, שטייען מיר מיט ציטערדיקע און פלאַטערנדיקע הערצער, מיט אַ תפילה אויף אונזערע ליפּן, און דערוואַרטן צו קריגן אונזער בארעכטיקטן פולן חלק פון דעם „לויתן און שור הבר״ אויף דער סעודה וואָס וועט האָפנטלעך צוגעגרייט ווערן פאַר אַלע העלדישע זיגער, ווען ס׳וועט געפייערט ווערן די גרויסע שמחה פון באַפרייאונג און די פאַרווירקלעכונג פון די נאָבעלע אידעאַלן פון פרייהייט פאַר דער וועלט.

צום באַדויערן, זיינען מיר אידן ניט די אַקטיווע בויער פון דער נייער וועלט, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן פּראָפּאָרציאָנעל געליטן און געבראַכט קרבנות מער ווי וועלכער ס׳איז אַנדער פאָלק אין דער וועלט.

דאָס איז דערפאַר וואָס מיר זיינען נאָך אַלץ אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אָן אַן אַרמיי און אָן אַן אייגענער רעגירונג. מיר וועלן זיך מוזן באַנוצן מיט אומדירעקטע מיטלען אויף צו באַאיינפלוסן די איבער־בויער פון דער וועלט צו אויספאָרשן אונזער לאַגע און אונז אָפּגעבן אונזער פאַרדינטן חלק ווי יחידים און ווי אַ פאָלק, וואָס עס קומט אונז על־פּי יושר ווי אַ באַלוינונג פאַר אונזערע איבערמענטשלעכע, טיפעליידן און שווערע קרבנות דורך דער גאַנצער צייט פון דעם לאַנגן, ביטערן גלות־לעבן און איבערהויפּט פאַר די מורא׳דיקע קרבנות

וואָס מיר האָבן מקריב געווען אין דער תקופה פון דער הערשאַפט פון המן־היטלער ימח שמו.

מיר אידן, אַלס מאמינים, ווילן האָפן אַז די אַלע שיינע, נאָבעלע אידעאַלן, וועלכע זיינען געווען די סלאָגאַנס דורך דער צייט פון ביטערן קאַמף, וועלן קריגן זייער תיקון און שלימות אין לעבן נאָך דעם זיגרייכן שלום. מ׳מוז אָבער געדענקען, אַז דער זיכערסטער וועג פאַר דעם קיום פון די דערהאָבענע אידייען ליגט אין די דערציאונגס־אַנשטאַלטן, ווייל דער דערפאָלג פון יעדן געדאַנק, גוט אָדער שלעכט, הענגט־אָפּ פון דער יוגנט.

דאָס האָט דייטלעך באַוויזן די אויפפירונג פון נאַצי־דייטשלאַנד, וועמענס שטאַרקייט איז געלעגן אין דעם עקשנות׳דיקן קאַמף פון דער פאַר׳סמ׳טער נאַצי־יוגנט, וואָס איז געהאָדעוועט געוואָרן מיט דער פאַרפלוכטער און פאַרדאַרבענער, מענטשן־פיינטלעכער נאַצי־פילאָזאָפיע.

פונדאַמענטאַלע ענדערונגען מוזן געמאַכט ווערן אין די פּראָגראַמען וואָס ווערן באַנוצט אין די דערציאונגס־אַנשטאַלטן ניט נאָר אין די לענדער פון די דיקטאַטורן און באַגרינדער פון נאַציזם, פאַשיזם און קאָמוניזם, נאָר אויך אין די שולן פון די אַזוי־גערופענע ליבעראַלע לענדער.

די תורה פון האַס און שאָוויניזם מוז אויסגעמיטן ווערן און איר פּלאַץ דאַרף פאַרנעמען ליבע און אַכטונג צו דער גאַנצע מענטשלעכער ראַסע. די דאָזיקע אידעאַלן דאַרפן שטאַרק באַטאָנט ווערן בכדי די יוגנט זאָל אין זיך אַריינזאַפּן די מידות פון פרייהייט און גלייכקייט צו אַלע מענטשן־קינדער.

מיר קומען איצט צו אונזער אייגענעם ענין. וואָס איז מכוח אידישער דערציאונג אין דער נייער וועלט נאָך דער מלחמה? דאַרפן ביי אונז אויך פונדאַמענטאַלע ענדערונגען געמאַכט ווערן? און אויב דער ענטפער איז יאָ — וואָס זיינען די ענדערונגען?

בכדי צו מאַכן די פראַגע קלאָרער, דאַרף זי געשטעלט ווערן אויף אַזאַ אופן: כדי צו זיין אין איינקלאַנג מיט דער וועלט און אירע הויכע

אידעאַלן, דאַרפן מיר אידן אָנהאַלטן און פאַרטיפן די אַלטע טראַדיציאָנעלע לימודים אָדער פאַרקערט, פאַרקלענערן צי גאָר אין גאַנצן זיך צוריק־ציען פון דעם אַלטן וועג; אָפּשטעלן די לימודים פון לאַנגע דורות און אויף זייער פּלאַץ אַריינברענגען נייע, מאָדערנע לימודים?

בכדי צו געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף דער דאָזיקער קלאָרער פראַגע, מוזן מיר זיך אומקערן צו דער אַלגעמיינער מענטשלעכער לאַגע.

ווי מיר האָבן פריער באַמערקט, פילט זיך אין דער לופט אַ נייער פרישער גייסט, וואָס ברענגט מיט זיך דערהאַבענע און נאָבעלע אידעאַלן. די מענטשהייט דערוואַרט, אַז די טייכן פאַרגאָסענע בלוט זאָלן ניט גיין לאיבוד און אַז פון דעם לאַנגן שווערן קאַמף און שרעקלעכן קאָשמאַר, וואָס האָט געקאָסט מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס און ביליאָנען פאַרמעגנס, וועט אַ נייע נאָבעלע וועלט באַשאַפן ווערן.

ס'איז ניט דאָ דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין די פּרטים און צו אַנאַליזירן די הויכע אידעאַלן. דער בעסטער און קורצסטער אויסדרוק איז נאָך אַלץ דער זעלבער וואָס אונזער הלל הנשיא האָט זיך אויסגעדריקט צו דעם געצנדינער וועלכער האָט זיך געוואָלט מגייר זיין ווען הלל וועט אים אויסלערנען די גאַנצע אידישע תורה שטייענדיק אויף איין פוס.

ווי באַוואוסט האָט דאָס הלל געטאָן אויף אַ גלענצנדיקן אופן דערקלערט דעם געצנדינער דעם פונדאַמענט פון דער אידישער תורה אין בלויז 5 ווערטער: „דעלך סני לחברך לא תעביד", אין דער אַראַמעאישער שפּראַך מיינט עס: וואָס דו האָסט פיינט זאָלסטו ניט טאָן צו דיין חבר, דאָס איבעריקע איז בלויז אַ פירוש, בלויז פּרטים צום דאָזיקן פונדאַמענטאַלן כלל.

ווען אָט־דער פּרינציפּ פון הלל זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ באַזע ביי די בויער פון דער נייער וועלט, דאַן איז די מענטשהייט זיכער מיט יושר, דעמאָקראַטיע, פרייהייט און גערעכטיקייט סיי פאַר דעם יחיד און סיי פאַר דעם כלל, ווייל דאָס שליסט איין פרייהייט, גלייכקייט, עקאָנאָמישע זיכערקייט, רעליגיעזע טאָלעראַנץ און אַלע אַנ־

דערע שיינע און נאָבעלע אידעאַלן פאַר אַלע מענטשן אַלס יחידים און פאַר אַלע גרופּן און אויך פאַר אַלע קליינע ווי גרויסע פעלקער.

דאַן וואָלט ווירקלעך באַשאַפן געוואָרן אַ נייע, נאָבעלע וועלט, וואָס שטייט אויף די יסודות פון תורת־משה און די פּרינציפּן פון די נביאי האמת.

ס׳ווערט איצט קלאָר, אַז אויב די פעלקער פון דער וועלט, וועלכע האָבן געבלאָנדזשעט אַ סך יאָרן, קערן זיך צוריק סוף כל סוף צו דעם וועג פון ספר הספרים — דעם תנ״ך — און די שיינע מידות פון הלל הנשיא, דאַרפן מיר, די אייניקלעך פון די נביאים און אידישע חכמים, געוויס זיך אומקערן און זיך קלאַמערן מיט עכטער באַגייס־טערונג אין אונזער תורה.

מיר זיינען אין די לעצטע עטלעכע דורות אין אַמעריקע געווען אין דער לאַגע פונעם אָרימען גביר, וועלכער האָט גע׳ירשנ׳ט אַ רייכע לוקסוספולע ירושה פון גרויסע אוצרות געלט, שיינע פּאַלאַצן, פּראַכטפולע אויסשטאַטונג, אָבער אַליין איז ער געווען אַ טויגעניכטס און אַ שלימזל.

אויך מיר אידן אין אַמעריקע האָבן געקראָגן אַ שיינע און רייכע ירושה אין גייסטיקן זין — אוצרות פון תורה און חכמה פון לאַנגע דורות — אָבער מיר אַליין האָבן זיך געפוילט צו לערנען און צו דענקען. מיר האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ שייטל עברי און אַ בר־מצוה־אָדער בת־מצוה־ספּיטש. מיר לעבן מיט זכרונות אויף דעם חשבון פון דער רייכער גייסטיקער ירושה, וועלכע ווערט פאַרקלענערט און אָפּ־געשוואַכט פון דור צו דור.

ס׳איז אָבער איצט געקומען די צייט צו פאַרטראַכטן זיך און אָנהויבן אַליין עפּעס צו שאַפן.

דער ענטפער צו דער פראַגע: וואָס דאַרף זיין אונזער פּראָגראַם אין דער נייער וועלט? איז קלאָר און פּשוט.

ענדערונגען דאַרפן געמאַכט ווערן, אָבער ניט אין פאַרקלענערן און פאַרקירצערן אונזערע טראַדיציאָנעלע לימודים, נאָר פאַרקערט — אין פאַרזעצן, פאַרטיפן, פאַרברייטערן און פאַרשטאַרקערן אונזער פּראָגראַם.

דער גלות האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל פון גרינגשעצונג פאַר אַלץ וואָס איז אידיש און גרויס דרך־ארץ פאַר אַלץ וואָס איז גוי'איש און קומט פון אַ נישט־אידישן מקור.

עס איז אַלעמען באַקאַנט דער עפּיזאָד אין שלום עליכם'ס אַ דערציילונג:

אַ איד איז אַריינגעקומען אין באַן, געזוכט אַן אָרט זיך אַוועקצוזעצן און דערזען ווי אַ פּאַרשוין איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער לענג פון אַ גאַנצער באַנק. דער איד האָט זייער געוואָלט זיך אַנבייזערן אויף יענעם, האָט ער אָבער באַמערקט ווי יענעמס פּנים איז צוגעדעקט מיט דער רוסישער אַנטיסעמיטישער צייטונג „נאָוואָיאַ וורעמיאַ". ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער שלאָפנדיקער איז אַ גוי, האָט ער זיך אַוועקגעדרייט און זיך פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל. באַלד אָבער האָט זיך דער פּאַרשוין אויפגעכאַפּט און ס'האָט זיך באַוויזן אַ אידיש פּנים. אונזער איד האָט געגעבן אַ שפּרונג־אויף און אָן צערעמאָניעס יענעם אַוועקגעשטופּט, געמאַכט פאַר זיך אַן אָרט און אַ געשריי געטאָן: „זעט אַ העזה פון אַ אידן זיך צעלייגן ווי אַ פּריץ".

כל־זמן אידן האָבן געטראַכט אַז די אידישע תורה איז בלויז פאַר אידן, האָבן אַ סך פון אונז ניט געהאַט קיין גרויס דרך־ארץ פאַר איר און זי פאַרנאַכלעסיקט. איצט אָבער, ווען ניט־אידן — אַלע ליבעראַלע פעלקער — קערן זיך אום צו דעם וועג פון דער תורה, ווען מיר האָבן שוין אויך זייער הסכמה, דאַרף דער כבוד פון דער אידישער תורה און די אידישע טראַדיציעס דערהויבן ווערן.

געוויס זיינען אויסערלעכע ענדערונגען נויטיק צו מאַכן טראַדיציאָנעלן אידנטום מער אָנציענדיק פאַר דעם היינטיקן דור.

מיר מוזן אָבער אַלעמאָל געדענקען זיך צו קלאַמערן אין דעם „אני מאמין שזאת התורה לא תהי מוחלפת ולא תהי תורה אחרת". ניין! קיין נייע תורה דאַרפן מיר ניט.

15־טער סעפּטעמבער, 1944.

ציוניזם
און
מדינת
ישראל

די סתם ציוניסטן

די אידישע גאַס איז די לעצטע צייט שטאַרק פאַרנומען מיט וויכוחים איבער די אידייען פון די פאַרשידענע שטרעמונגען אין ציוניזם.

די אידישע און ענגליש־אידישע פרעסע אין אַמעריקע איז פאַרפלייצט מיט אַ מבול פון אַרטיקלען און אויפקלערונגען פון די ציוניסטישע גרופּן ווי די מזרחי־הפועל המזרחי פון רעכטס און דער אַרבעטער־פליגל פון לינקס און אַפילו די רעוויזיאָניסטן באַנוצן זיך מיט דער דאָזיקער געלעגנהייט קלאָר צו מאַכן זייער שטאַנדפּונקט.

באמת איז דאָס אַ נאָרמאַלער און געזונטער צושטאַנד. ס'איז זייער וויכטיק אַז די אידישע מאַסן זאָלן אָנהויבן טיפער פאַרשטיין דעם ציוניזם און אַריינטראַכטן זיך אין די פּראָבלעמען און דערפאַר איז גוט און נוצלעך וואָס דער אַזוי־גערופענער קאַמף אין ציוניזם איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דער אידישער גאַס.

געוויס טאָר עס ניט גיין צו־ווייט. דאָס דאַרף געטאָן ווערן אויף אַ שיינעם און אײדעלן וועג, אָן באַליידיקונגען און אָן אַרונטעררייסן איינער דעם צווייטן. דאַן קענען די אויפקלערונגען זיין אַ ברכה פאַר דעם ציוניזם.

פון די לאַנגע אַרטיקלען און דערקלערונגען אין דער פּרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען איז, צום באַדויערן, דער שטאַנדפּונקט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן.

קיינער האָט זיך ניט גענומען די מי צו מאַכן וועלכע עס איז דערקלערונג וועגן פּראָגראַם און אויפגאַבן פון די סתם־ציוניסטן.

אייניקע חברים פון רעכטס און לינקס באַצייכענען זיי בדרך־הלצה ווי „תם־ציוניסטן", וועלכע וויסן ניט וואָס זיי ווילן, אָדער גאָר „געמיינע ציוניסטן", וואָס האָבן אינגאַנצן ניט קיין פּראָגראַם.

די דאָזיקע מיינונג וועגן אָט־דער וויכטיקער גרופּע איז זיכער אומבאַגרינדעט. דער פאַקט אַליין, וואָס צווישן די אַלגעמיינע ציוניסטן געפינען זיך די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן פון דער אידישער

וועלט, איז אַ באַווייז אַז די אויפגאַבן פון דער אַלגעמיינער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע זיינען פעסט באַשטימט און קלאָר.

איר דאַרפט בלויז באַזוכן אַ ציוניסטישע קאָנווענשאָן אין אַמעריקע און איר וועט צווישן די פירער, די דעלעגאַטן און געסט אַנטרעפן די שענסטע און נאָבלסטע פירער פון אַמעריקאַנער אידנטום.

זיי זיינען זיכער באַקאַנט מיט די פּראָבלעמען פון ציוניזם און עס איז אַן אומרעכט צו באַשולדיקן אַזעלכע מענטשן אין אומוויסנהייט און אין אומקלאָרקייט אין ציוניזם.

וואָס איז, אויב אַזוי, דער שטאַנדפּונקט פון די סתם־ציוניסטן?

קודם־כל שטעלט זיך די פראַגע: וואָס איז דער צוועק פון ציוניזם? וואָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון ציוניזם? וועלכע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען דאַרף דער ציוניזם לייזן?

בכדי צו ענטפערן אויף אָט־די דירעקטע פראַגן אין אַ פשוטן אופן, אָן חקירות, קען מען זיך באַנוצן מיט פשוטע, קלאָרע ווערטער:

מיר אידן זיינען היימלאָז, מיר האָבן ניט קיין באָדן אונטער אונזערע פיס. מיר פאַרמאָגן ניט קיין אייגן ווינקל, וועלכן מיר זאָלן קענען אָנרופן אַ היים. מיר זיינען איבעראַל אַ קליינע מינדערהייט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און דערפאַר ליידן מיר פיזיש און גייסטיק. אין בעסטן פאַל דולדעט מען אונז פאַר אַ צייט.

די אויפגאַבע פון ציוניזם איז אויסצולייזן, צוגרייטן און אויפבויען ארץ־ישראל, אונזער היסטאָרישע היים, וועלכע איז פאַרבליבן וויסט און אומפּראָדוקטיוו במשך פון הונדערטער יאָרן, וואַרטנדיק אויף אידן וואָס זאָלן מיט זייער שוויים און בלוט צוריק אויפבויען דאָס לאַנד אַלס די אידישע היים פאַר דעם אידישן פאָלק.

דאָס איז אין קורצע, פשוטע, פאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס די אידישע מאַסן פאַרשטייען און פילן אין דעם ציוניסטישן אידעאַל.

דער הויפּט־מאָטיוו איז אָן צווייפל „בנין הארץ". דאַן ערשט קומט די צווייטע פראַגע: ווי אַזוי זאָל דאָס לאַנד געבויט ווערן? אויף וועלכן וועג? וואָס פאַר אַן אויסזען זאָל די אידישע היים האָבן?

קומען אונזערע ראַדיקאַלע חברים און ווילן אונז מזכה זיין מיט אַ נאָבעלער, סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וועלכע זאָל דינען ווי אַ

ביישפּיל פון יושר און גערעכטיקייט פאַר אַלע פעלקער אין דער וועלט.

די חברים פון רעכטס, די מזרחים, שטעלן דעם טראָפ אויף דעם „רוח התורה והיהדות". ארץ־ישראל, זאָגן זיי, דאַרף זיין אַ לאַנד וואָס זאָל געפירט ווערן לויט דעם גייסט און די טראַדיציעס פון דער תורה; לכל הפחות, דאַרף דער עפנטלעכער אידישער לעבן דאָרט זיין אַ רעליגיעזער. נאָר דאַן וועט דאָס זיין אַן עכט אידיש לאַנד.

היוצא לנו מזה, פון דעם קענען מיר קלאָר לערנען, אַז וועגן דער הויפּט־פראַגע פון בויען ארץ־ישראל פאַר אַ אידישע היים איז קיין רייד ניט. אַלע זיינען דערצו מסכים. נאָר ווען ס'קומט צו דער פראַגע: ווי אַזוי? וועגן דעם פּראָגראַם — דאַן זיינען שוין פאַראַן חילוקי דעות.

די אידישע מאַסן זיינען כמעט אַן אויסנאַם באַגייסטערט פאַר דעם ציוניזם. אַלע שטימן איין אַז מען דאַרף בויען די אידישע היים. זיי האָבן אָבער ווייניק געדולד און זיינען ניט שטאַרק פאַראינ־טערעסירט אין דעם איצטיקן מאָמענט אין דעם אַרט־לעבן אין צו־קונפטיקן ארץ־ישראל.

זיי זיינען אין דער זעלבער לאַגע פון דעם עלנטן מענטש, וואָס האָט אַוועקגעוואַנדערט אין דער פרעמד און ניט געקענט קומען צוריק אַהיים. ער ליידט אין דער פרעמד און האָט ניט קיין שום פריינט. צופעליק האָט ער אויסגעפונען, אַז ס'איז דאָ פאַר אים אַ מעגלעכקייט צו גיין צוריק אַהיים. ער וועט זיך אויף איין מאָמענט ניט אָפּשטעלן און חקירה'ן צי ס'איז אַ שיינער און באַקוועמער פלאַץ. ער האָט פאַר זיך בלויז איין אויפגאַבע אין אָט־דעם מאָמענט — וואָס שנעלער זיך צו דערשלאָגן צו דעם געבענטשטן אָרט וואָס ער קען אָנרופן היים. וועגן באַקוועמלעכקייטן וועט ער צייט האָבן שפּעטער צו טראַכטן.

ווי גוט ס'פּאַסט זיך אָט אַריין דאָס מעשה'לע פון דעם רבי'ן ר' מרדכי בויסקער, וועלכער האָט גע'חלומ'ט און געהאָפט אויף שיבת ציון. ווען זיינער אַ חסיד האָט אים געפרעגט: רבי, איר זייט זייער באַגייסטערט פאַר בנין ארץ־ישראל — ווי וועט זיין מיט קרבנות? וועט מען לאָזן איצט מקריב זיין רינדער און שעפּסן?

דער רבי הערט זיך איין און ענטפערט מיט אַ קרעכץ: אַי, אַי,

ר׳ איד, ווען איר זאָלט וויסן וויפל דאגות עס זיינען פאַראַן ביז מיר וועלן דערלעבן יענע טעג, וואָלט איר פאַרשטאַנען אַז מ׳קען די דאגה וואָס איר האָט אָפּלייגן אויף שפּעטער.

אייגנטלעך דאַרף מען דאָך נעמען אין אָנבאַטראַכט וועלכע ליידן זיינען שמערצלעכער פאַר אונז, וועלכע צרות קענען ניט וואַרטן און מוזן שנעל געלינדערט ווערן.

עס איז אמת, אַז די אידישע מאַסן, בעיקר די פריש־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, ליידן פון אָרעמקייט און פון אומאָנשטענדיקער באַהאַנד־לונג מצד די רייכע אייגנטימער פון די פאַבריקן און די גאַנצע סאָ־ציאַלע אָרדענונג פון קאַפּיטאַליזם איז ניט גינסטיק פאַר זיי.

אָבער דאָס איז דאָך אַ וועלט־פּראָבלעם, און „צרות רבים חצי נחמה״. צוליב דעם וואָלטן זיך די אידישע מאַסן ניט אָנגעשלאָסן אין ציוניזם.

און איצט וועגן דער פראַגע פון תורה־אידישקייט. דער אמת מוז דאָך געזאָגט ווערן: די אידישע אמונה און דער אידישער גייסט האָט ווייניקער געליטן אין גלות ווי דער אידישער קערפּער. עס איז דאָך יעדן באַקאַנט דער פאַקט, אַז גראָד אין גלות, אין די ערגסטע צייטן, ווען אידן האָבן געוואוינט אין די ענגע געטאָס, אונטער די שרעק־לעכסטע באַדינגונגען, דווקא דאַן האָט די אמונה געבליט.

צום באַדויערן, זיינען נאָך היינט פאַראַן רעליגיעזע אידן, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די בוני ציון.

מיר מוזן דאַן קומען צום שלוס, אַז די האָפענונג פון ציוניזם פאַר די אידישע מאַסן איז ניט גאולת תורת משה, אָדער להבדיל תורת קאַרל מאַרקס, נאָר פשוט גאולת העם והארץ. אין פשוטע ווער־טער מיינט עס — אַ היים פאַר דעם היימלאָזן פאָלק.

די אָנהענגער פון סתם־ציוניזם באַלאַנגען צו פאַרשידענע קלאַסן — רייך און אָרעם, פרומע און פרייע, געלערנטע און פשוטע אידן — און פון פאַרשידענע אידייען און באַגריפן. די איינציקע זאַך וואָס פאַראייניקט זיי איז די אידייע פון געפינען אַ היים פאַר אידן.

מערסטע פון זיי קימערט ניט וועגן דעם לעבנס־וועג אין ארץ־

ישראל. אַלץ וואָס זיי שטרעבן איז אַז ארץ־ישראל זאָל אויסגעלייזט ווערן און אידן זאָלן זיך דאָרט באַזעצן און בויען זייער היים.

זיי זיינען גרויסע בעלי־בטחון, זיי גלויבן אין דעם כוח און שכל הישר פון אידן, אַז ווען זיי וועלן זיין אין זייער לאַנד וועלן זיי שוין זען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. פּרינציפּיעל זיינען די סתם־ציוניסטן צעטיילט, אייניקע סימפּאַטיזירן מיט די סאָציאַליסטישע אי־דעאַלן, אַנדערע האַפּן פאַר אַ טראַדיציאָנעלן ארץ־ישראל. אָבער דאָך ווילן זיי פאַרבלייבן אין די רייען פון סתם־ציוניסטן, ווייל זיי גלויבן אַז אין איצטיקן מאָמענט איז וויכטיק זיך צו קאָנצענטרירן אויף סתם גאולת הארץ.

גאַנץ אַנדערש איז דער צושטאַנד אין ארץ־ישראל גופא. דאָרט איז די עקזיסטענץ פון פאַרשידענע שטרעמונגען נויטיק. ווייל ווען דער קאַמף צווישן זיי איז אַן ערנסטער און ערלעכער — איז דאָס אַ ברכה פאַרן לאַנד. ווייל די מענטשן וואָס פריידיקן די אידייען דאָרט זיינען די דירעקטע בויער פון לאַנד און זייער פּערזענלעכער טאָג־טעגלעכער לעבן הענגט אָפּ פון די וועגן אין וועלכע די רעגירער און פירער פון לאַנד קערן זיי.

אַנדערש איז אָבער מיט די „גלות״־ציוניסטן, וואָס זייער אַקטי־וויטעט באַשטייט אין פּראָפּאַגאַנדע און געלט־זאַמלונגען.

די עקשנות און אָפּגעזונדערטקייט פון די פאַרשידענע אָנהענגער פון אַלערליי אידייען קענען אָפּטמאָל שטערן און הינדערן די נויטיקע אַרבעט פון הילף פאַר דעם בנין פון לאַנד.

די אַלגעמיינע ציוניסטן שטעלן דעם צענטראַלן פּונקט פון דעם ציוניזם העכער פון אַלע אידייען, פּראָגראַמען און פּרינציפּן.

ס׳מאַכט ניט אויס וואָס זייערע פּערזענלעכע מיינונגען זיינען קיין זאַך און זייטיקע מחשבות נעמען ניט אַוועק זייער ענטוזיאַזם פאַר בנין הארץ.

זיי שטייען מיט די אידישע פאָלקס־מאַסן אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער הויפּט־צוועק פון ציוניזם איז בויען אַ היים פאַר אידן.

געוויס דאַרף אַלץ געטאָן ווערן צו מאַכן די היים וואָס שענער, וואָס בעסער אין פּרט פון אידישקייט און אין אַלע אַנדערע

פּרטים. אָבער מ׳מוז אַלעמאָל געדענקען, אַז ארץ־ישראל מוז און דאַרף געבויט ווערן אונטער אַלע אומשטענדן.

דאָס איז די מאָטאָ פון די סתם־ציוניסטן.

17־טער נאָוועמבער, 1933.

צוויי אידישע קאָנגרעסן

ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָט ד״ר הערצל צונויפגערופן דעם ערשטן אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל פאַר דעם צוועק צו אָרגאַניזירן דאָס אידישע פאָלק פאַר דער היסטאָרישער אַרבעט צו בויען אַ אידישע היים פאַר דעם היימלאָזן פאָלק.

וואָס זיינען געווען די מאָטיוון וואָס האָבן באַוועגט הערצלען צו דעם היסטאָרישן שריט? הערצל העלכער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פרעמדער, ניט־אידישער סביבה און ווענען די אידישע געשיכטע איז געווען אומבאַקאַנט, האָט ניט באַשאַפן די באַוועגונג פאַר אַ לוקסוס.

עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז די דרייפוס־אַפערע אין דעם ציוויליזירטן, פרייען פראַנקרייך האָט אים געעפנט די אויגן צו זען און געוועקט זיינע געפילן צו באַגרייפן די שרעקלעכע ליידן פון זיינע ברידער אומעטום און דאָס האָט הערצלען געטריבן צום באַשלוס צו טאָן עטוואָס ממשות׳דיקס און פאַר דעם צוועק האָט ער געשאַפן די היסטאָרישע אינסטיטוציע — דעם אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס.

איינע פון די הויפּט־פּיטשורס פון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן איז געווען מאַקס נאָרדויס פלאַמענדיקע רעדע איבער דער ביטערער לאַגע פון אידן אין אַלע לענדער.

אין די יאָרן זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין 1917 פון דער בריטישער רעגירונג, איז דער ציוניזם געוואָרן אַ פאָלק־באַוועגונג. אַפילו די קאַלטע, אַסימילירטע אידן האָבן אויסגעפונען זייער טעות און די בעסערע פון זיי האָבן תשובה געטאָן און געוואָרן וואַרעמע נאַציאָנאַליסטן.

ארץ־ישראל איז איצט געוואָרן דער איינציקער ליכטיקער שטראַל פאַר אַלע אידן. דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז ניט מער אַ פאַר־זאַמלונג פאַר געקליבענע אידעאַליסטן. אַלע אויגן זיינען געווענדעט צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן וואָס זיינען אַ סימבאָל פון אחדות פון אידישן פאָלק און אַרבעטן פאַר די אינטערעסן און האָפענונגען פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

די מאָטיוון צונויפצורופן אַן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס זיינען אויך געווען די זעלבע ווי די וואָס האָבן געפירט צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

די אומגעהויער גרויסע אומגליקן וואָס האָבן געטראָפן אונזער פאָלק באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, די שרעקלעכע בלוט־בעדער אין אוק־ראַינע און פוילן, די נידעריקסטע באַליידיקונגען און אוממענטשלעכע ליידן פון אונזערע ברידער פון יענער זייט ים, האָבן אַרויסגערופן דעם געדאַנק פון צוזאַמענרופן אַ דעמאָקראַטישן פאָלקס־אידישן קאָנ־גרעס, וועלכער זאָל פאַרטרעטן אַלע שיכטן פון אידישן פאָלק און פאָרמולירן אונזערע טענות און ברענגען אונזערע גערעכטע פאָדע־רונגען פאַר דעם געוויסן פון די פעלקער און פאַר דער וועלט־טריבונע.

ביידע קאָנגרעסן — דער אידישער און דער ציוניסטישער, זיינען די רעזולטאַטן פון אידישע ליידן און ביידע האָבן די זעלבע אויפגאַבע צו פאַרלייכטערן און פאַרבעסערן די לאַגע פון אידן, איינטיילנדיק צווישן זיך די סאָרט אַרבעט, וואָס יעדער אינסטיטוציע דאַרף טאָן.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס טוט די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פון בויען ארץ־ישראל און דער אידישער קאָנגרעס דאַרף זאָרגן פאַר דעם וואוילזיין פון אידן אין די גלות־לענדער.
קיינער קען ניט מיט זיכערקייט זאָגן וועלכע פון די צוויי אויפגאַבן איז וויכטיקער — בויען ארץ־ישראל אָדער זאָרגן פאַר אידן אין גלות. מ׳קען זיך דאָ ניט באַנוצן מיט וואָג און מאָס. ביידע זיינען פון דער גרעסטער וויכטיקייט.

אונזער פאָלק איז צו־לאַנג היימלאָז און מוז האָבן אַ באָדן אונטער זיינע פיס און אַן אייגענעם פלאַץ, וואו ער זאָל זיך קענען אָפרוען

און אויסגלייכן זיינע צעבראָכענע גלידער און זיין צעריסענע נשמה פון דער שווערער גלות־לאַסט.

קיין בעסערע געלעגנהייט ווי איצט איז קיינמאָל ניט געווען און וועט וואַרשיינלעך מער ניט זיין. אידן פאַרשטייען אַז זיי מוזן אָנ־שטרענגען אַלע זייערע כוחות און מיט זייער גאַנצער ענערגיע אויפ־בויען ארץ־ישראל אין אַ קורצער צייט.

מיר טאָרן אָבער אויך ניט איגנאָרירן די מיליאָנען אידן אין די גלות־לענדער איבערהויפּט אין די רעאַקציאָנערע לענדער, וואו זיי שטייען אויס די ערגסטע באַליידיקונגען און די שוידערלעכסטע עינויים, אַלץ מעגלעכס דאַרף געטאָן ווערן צו פאַרלייכטערן זייערע שמערצן און מיר טאָרן ניט פאַרלירן צייט צו ראַטעווען זיי אין זייער אומגליק אונטער אַלע אומשטענדן.

מ׳דאַרף געדענקען, אַז דער גרעסטער טייל אידן וועלן נאָך פאַר אַ לאַנגער צייט מוזן לעבן אין לענדער אויסער ארץ־ישראל. די אומ־געהויער־שווערע אַרבעט צו ברענגען הילף צו זיי קען ניט געטאָן ווערן דורך יחידים. ס׳איז אַן אַרבעט פאַר כלל־ישראל.

ס׳איז מערקווירדיק, אַז דער גרעסטער טייל פוןביידע אָרגאַניזאַ־ציעס — הילף פאַר די גלות־אידן און בנין הארץ — זיינען איינע און די זעלבע מענטשן. ס׳איז דעריבער שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס מיר פאַרשווענדן אונזערע כוחות און צעברעקלען אונזער ענערגיע בכדי צו אַרבעטן פאַר צוויי אָרגאַניזאַציעס מיט צוויי קאָנגרעסן, וואָס איז אַ פאַרשווענדעניש פון ענערגיע, צייט און געלט, און אין דער זעלבער צייט ווערט אויך אָפּגעשוואַכט דער איינדרוק אויף דער אוי־סערלעכער וועלט. ס׳ווילט זיך מיט דעם גאַנצן ערנסט פרעגן: צו וואָס? וועמען ווילן מיר אָפּנאַרן מיט די צוויי באַזונדערע אָרגאַניזאַ־ציעס?

ס׳דערמאָנט זיך מיר: מיט יאָרן צוריק פלעגט פון צייט צו צייט אַריינלויפן אַ אידענע מיט אַ יללה אין דער ישיבה: מיין מאַן איז מסוכן. קינדערלעך, בעט ג־ט פאַר אים, זאָגט תהילים! דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. זי האָט אונז געמאַכט פאַר שווינדלער, מיר זאָלן אָפּנאַרן דעם מלאך־המות, וועלכער האָט געהאַט

אַ שליחות אַוועקצונעמען דאָס לעבן פון חולה. זי וויל מיר זאָלן אים משנה השם זיין, מ׳זאָל צוליגן דעם נאָמען חיים, ווייל שטאַרבן דאַרף דאָך שמואל און דאָס איז גאָר שמואל חיים.

מיר, ישיבה־בחורים, האָבן דאָס איר צוליב געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן. צום באַדויערן, קען איך ניט באַשטעטיקן מיט זיכערקייט אויב אונזער „טריק״ האָט געראַטעוועט דעם חולה.

ס׳איז אָבער גאַנץ זיכער, אַז די אַלע דריידלעך וואָס מיר מאַכן מיט אונזער באַוועגונג, די פאַרשידענע נעמען, היינט ציוניסטן און מאָרגן אידישער קאָנגרעס, וועלן גאָרניט העלפן.

דעם אַסימילאַטאָר, וואָס קען זיך ניט אַרויסרייסן פון זיין פאַר־שקלאַפונג־פּסיכאָלאָגיע, וועט אַ שינוי השם ניט העלפן.

אונזער וועג דאַרף זיין אַן אָפענער, אָן דריידלעך. מיר מוזן טאָן אַלץ וואָס מיר קענען צו פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון אידן אין אַלע לענדער אויף דער וועלט וואו נאָר ס׳איז נויטיק און אין דער זעל־בער צייט אויסלייזן און אויפבויען דאָס לאַנד פון אונזערע אָבות פאַר אונז און פאַר דער צוקונפט.

דאָס דאַרף זיין אונזער פּראָגראַם און דאָס איז דער פאַרלאַנג פון מיליאָנען אידן איבעראַל. די יעניקע, וועלכע זאָרגן באמת פאַר דעם אידישן פאָלק, דאַרפן אַנטייל נעמען און אָט־דער אַרבעט. קיינע פּשרות קענען און דאַרפן ניט געמאַכט ווערן.

מיר טאָרן זיך ניט צעשפּאַלטן אויף צוויי מחנות — קיין שום צוויי רשויות און צוויי באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. מיר זיינען איין פאָלק און דאַרפן בלויז איין קאָנגרעס, וועלכער זאָל אויפנעמען אַלע פּראָבלעמען.

מיר נויטיקן זיך אין איין מעכטיקער קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל פאַרטרעטן אַלע אידן און וועלכע זאָל פריי און אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט אַרויסטרעטן אויף איין טריבונע און פון איין פּלאַטפאָרמע פאַר אַלע אינטערעסן פון דער אידישער אומה.

4־טער יאַנואַר, 1935.

די קעמפּער פאַר אידיש אין ארץ־ישראל

איך צווייפל ניט, אַז צווישן די קעמפער פאַר אידיש און די פּראָ־טעסטירער קעגן די „רדיפות" אויף אידיש אין ארץ־ישראל געפינען זיך ערנסטע און אויפריכטיקע מענטשן וועלכע זיינען באמת באַזאָרגט וועגן דער לאַגע פון אידיש און שטעלן זיך איין פאַר איר כבוד ווי די שפראַך פון מיליאָנען אידן און אין וועלכער ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ באַדייטנדיקע, פילזייטיקע, שיינע ליטעראַטור און זיי גלויבן אַז דערפאַר דאַרף מען אין ארץ־ישראל אַרויסווייזן מער דרך־ארץ פאַר אידיש.

די דאָזיקע ערנסטע קעמפער פאַר אידיש טראַכטן אַז ס'איז אַן עוולה אַרויפצוצווינגען אויף די צענדליקער טויזנטער „עולים", וועלכע קומען יערלעך אַריין אין ארץ־ישראל, אַ פרעמדע שפראַך „העברעאיש", וועלכע זיי פאַרשטייען ניט.

די פירער אין ארץ־ישראל וואָלטן, לויט דער אויפפאַסונג פון די אָנהענגער פון אידיש, געדאַרפט דערמוטיקן די פאַרשפּרייטונג פון אידיש, די שפראַך וועלכע די אַריינגעקומענע ברענגען מיט זיך און שאַפן פאַר זיי צייטונגען און ביכער און אַפילו עפענען קורסן פאַר אידיש אין די שולן פון ארץ־ישראל.

די יעניקע וועלכע זיינען ערנסט און האָבן ניט קיין זייטיקע צע־שטערנדיקע מחשבות און פרעגן ווי דער חכם פון דער הגדה: „מה העדות והחוקים והמשפטים", פאַרדינען אַן ערנסטן און קלאָרן ענט־פער, וואָס קען פאַרמולירט ווערן אין פאָלגנדיקע עטלעכע ווערטער:

קודם־כל ווערט פון פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן אָפּגעלייקנט דער פאַקט, אַז ס'איז פאַראַן וועלכע עס איז אויטאָריזירטע, אָרגאַניזירטע רדיפות דאָרט צו שטערן אָדער אָפּשטעלן די פאַרשפּרייטונג פון אידיש.

אויב עס געפינען זיך ערגעץ עטלעכע קנאים — יונגע מענטשן וואָס אַטאַקירן אַמאָל אַ אידישע פאַרזאַמלונג — ווערט עס געטאָן אויף זייער אייגענער אַחריות און די פירער פון ישוב פאַרדאַמען ענערגיש מיטן גאַנצן האַרצן און אויף דעם שאַרפסטן אופן אַזעלכע דעמאָנסטראַ־ציעס.

דער פֿאַקט איז, אַז אידיש ווערט גערעדט אין די גאַסן פֿון תּל־אביב, ירושלים, חיפה און אין אַנדערע טיילן פֿון לאַנד אומגעשטערט און זיכער שטעלט מען ניט אַוועק קיין פּאָליציי אין פּריוואַטע הייזער צו שטערן דאָס ריידן אידיש.

איך וויל ניט לייקענען דעם אמת, אַז אידיש ווערט ניט שטאַרק דערמוטיקט אין ארץ־ישראל. ס'איז כדאי צו פֿאַרטראַכטן זיך און צו פֿאַרשטיין די סיבה פֿון דער דאָזיקער דערשיינונג.

יעדער איינער מוז צוגעבן, אַז דאָס ווערט ניט געטאָן משנאת המן נאָר מאהבת מרדכי, ס'איז ניט חלילה דער האַס צו אידיש, וואָס באַוועגט די יוגנט דאָרט צו אַנטמוטיקן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אידיש אין ארץ־ישראל — ס'איז זייער פֿלאַמענדיקע ליבע צו העברעאיש, וואָס איז דער סימבאָל פֿון דער שיינער און גלאָררייכער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דעם אידישן פֿאָלק, וואָס באַגייסטערט זיי פֿאַר דער אויפֿלעבונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך.

די אידעאַליסטישע בויער פֿון דעם אידישן לאַנד ווילן זיך אָפּרייסן פֿון דעם גלות־לעבן מיט אַלע זיינע נאַכווייעענישן. זייער וואונטש איז אָפּצוטרייסלען פֿון זיך דעם שטויב פֿון דעם לאַנגן, פֿינסטערן גלות און אָנהויבן אַ נייעם לעבן, באַהעפֿטנדיק זיך מיט דעם אַלטן אידישן מקור.

ניט אַלע ציוניסטישע אָנהענגער שטימען איין מיט דעם געדאַנקענגאַנג. אָבער איין זאַך איז זיכער, אַז ס'איז אַן אומרעכט אָנצורופֿן די קנאים פֿאַר העברעאיש אין ארץ־ישראל מיט אַזעלכע שענדלעכע נעמען ווי פֿאַררעטער און שונאים פֿון אידישן פֿאָלק. פֿאַרקערט — זייער ליבע צום אידישן פֿאָלק איז אַ העכערע, טיפֿערע און שענערע, ווייל זיי גלויבן: אויב שוין יאָ בויען אַ נייעם, שיינעם אידישן לעבן אין זיין היסטאָרישער היים — פֿאַרוואָס ניט גיין אַ שריט ווייטער און צעמענטירן דעם עבר מיט דעם היינט און מיט דעם עתיד דורך אונזער פּראַכטפֿולער שפּראַך פֿון די נביאים און צוזאַמענבינדן די רייכע, הערלעכע פֿאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפֿט פֿון אונזער פֿאָלק?

די זעלביקע קנאים פֿאַר העברעאיש אין ארץ־ישראל, וואָלטן זיי געלעבט אין די גלות־לענדער, וואָלטן זיי מן הסתם געקעמפֿט פֿאַר

אידיש; גערעדט, געלייענט און פאַרשפּרייט די אידישע שפּראַך, ווי אַ קעגנערשאַפט צו די אַנדערע שפּראַכן פון די גלות־לענדער. אָבער פאַרבינדנדיק זייער גורל מיט ארץ־ישראל — פילן זיי, אַז זיי דאַרפן ברענגען אַ קרבן און פאַרבייטן אידיש, די שפּראַך פון גלות, אויף העברעאיש, וואָס איז דער יסוד פון בנין הארץ והאומה.

אַפילו די פייערדיקסטע קנאים פאַר העברעאיש אין ארץ־ישראל דאַרפן ניט קלאַסיפיצירט ווערן ווי שונאים פון אידיש, ווייל זיי אַליין וואָלטן געקעמפט פאַר אידיש לגבי ענגליש, רוסיש, פּויליש און אַנדערע פרעמדע שפּראַכן. דעם איינציקן אויסנאַם מאַכן זיי לגבי העברעאיש און בלויז אין ארץ־ישראל, דאָרט וואו די צוקונפט איז פאַרבונדן מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען ס׳איז פאַראַן די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ נייעם, טיפן, אינהאַלטסרייכן לעבן אין וועלכן העברעאיש דאַרף שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע.

צום באַדויערן, זיינען די מערסטע קעמפער און פּראָטעסטירער, וועלכע טומלען און פילדערן מער און העכער פון אַלעמען, שונאי ציון, און האָבן בייזע און צעשטערנדיקע כוונות. זיי ווילן כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער. דאָס זיינען די פּראָפעסיאָנעלע פאַרביסענע שונאים פון בנין הארץ, וועלכע נוצן אויס יעדע געלעגנהייט צו שטערן דעם בנין פון ארץ־ישראל אַלס אַ אידישע היים און וועלכע קוקן מיט קנאה אויף דעם ישוב וואָס וואַקסט און פאַרגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג און אַ נייער שיינער אידישער לעבן בילדעט זיך און אַנטוויקלט זיך. זיי, די יעניקע וואָס האַסן די אויפלעבונג פון די אידישע האָפענונגען, קענען דאָס ניט צוזען גלייכגילטיק, און האָבן איצט אויפגעכאַפּט דעם קאַמף פאַר אידיש אין ארץ־ישראל, האָפנדיק אַז ס׳וועט אָפּשוואַכן די אַרבעט פון בנין הארץ.

ביי זיי, די אַלטע פאַרביסענע שונאי ציון, איז דאָס ניט אַ פראַגע פון אהבת מרדכי, נאָר דער עיקר — שנאת המן. ס׳איז ביי זיי ניט די פלאַמענדיקע ליבע צו אידיש וואָס באַוועגט זיי צו קעמפן, נאָר דער האַס און שנאה צום ישוב אין ארץ־ישראל און ס׳איז דערפאַר נוצלאָז אַריינצולאָזן זיך מיט זיי און ערנסטע וויכוחים איבער דעם ענין פון אידיש און העברעאיש אין ארץ־ישראל, ווייל דרכם להזיק

— זייער כוונה איז שאַדן צו טאָן און קיין לאָגישע דערקלערונגען וועלן דאָ ניט העלפן.

צו די דאָזיקע קריטיקער, וואָס פרעגן ווי דער צווייטער זון פון דער הגדה, וועלכער איז באַטיטלט מיטן נאָמען „רשע" — „מה העבודה הזאת לכם", ווילט זיך אויסרופן ווי מ'זאָגט אין ענגליש: „הענדס אָף", לאָזט אָפּ. שטייט פון ווייטן און זאָרגט זיך ניט פאַר דעם אידישן לעבן אין ארץ־ישראל.

ס'דערמאָנט זיך מיר אין אַ שאַרפן וויכוח וואָס איז פאָרגעקומען אין 1915 אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה צווישן ד"ר חיים זשיט־לאָווסקי און ד"ר שמריהו לעווין.

דער קליינער ישוב פון ארץ־ישראל איז דאַן אין שטורעם פון דער מלחמה כמעט גענצלעך צעשטערט געוואָרן.

ד"ר זשיטלאָווסקי איז דאַן אַלס מאָדערנער ירמיהו הנביא אַרויס־געקומען מיט קינות אונטער דעם נאָמען „דער דריטער חורבן" און געמאָלט מיט שוואַרצע פאַרבן דעם שרעקלעכן חורבן.

ד"ר זשיטלאָווסקי האָט זיך אונטערשיידט פון דעם פאַרצייטיקן מקונן מיט דעם וואָס ירמיהו איז ניט נאָר געווען אַ מקונן נאָר אויך אַ „מנחם" און האָט געהאַט אַ וואַרעמע טרייסט פאַר זיין פאָלק — „ושבו בנים לגבולם", אידן וועלן זיך נאָך אומקערן אַהיים.

דער מאָדערנער מקונן אָבער האָט אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען און האָט פאַרענדיקט זיין קינה מיט פאָלגנדיקע ביטערע ווערטער: „קיין האַנט וועט זיך מער ניט אויפהויבן צו בויען דעם חורבן".

ד"ר שמריהו לעווין, דער גרויסער, טרייער אידישער פירער און בויער פון ארץ־ישראל, האָט דאַן אין אַ ריי אַרטיקלען אויף זיין שטיי־גער, אין אַ לאָגישן וועג און שטאַרקן אופן צעשלאָגן די אַרגומענטן פון דעם מקונן ד"ר זשיטלאָווסקי.

ער האָט, קודם־כל, אויסגעדריקט זיין טיפע איבערצייגונג, אַז דאָס איז ניט דער סוף פון די אידישע האָפענונגען, אַז עס זיינען פאַראַן גענוג כוחות אַז ארץ־ישראל זאָל נאָך צוריק־קומען צו זיך און אַז דאָס אידישע לאַנד וועט דורך דער אַרבעט פון אירע טרייע קינדער,

וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער אַלע לענדער, נאָך האָבן אַ שיינע און גלאָררייכע צוקונפט.

ד״ר לעווין פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע האַרציקע ווערטער:

„עס ווערט דערציילט, אַז צו יעקב אָבינו׳ס לוויה האָט מען ניט געוואוסט אין וועלכן סדר זאָלן די שבטים טראָגן די מיטה און זיי האָבן דערהערט אַ שטימע: טראָגט אייער טאַטן נאָך דעם גראַד פון אייער ליבע צו אים בשעת ער האָט געלעבט.

„איז חלילה חרוב געוואָרן דער נייער ישוב, בעטן מיר אייך ׳פריינט׳ — פאַרגיסט ניט קיין טרערן, זאָגט ניט קיין קינות. ס׳וועלן קומען די קינדער, זיינע אייגענע קינדער, זיי וועלן אים טראָגן צו זיין אייביקער רו״.

די יעניקע וועלכע האָבן זיך באַצויגן פיינטלעך אָדער קאַלט צום ישוב, זאָלן אויך איצט שטיין פון ווייטן. די אייגענע קינדער וועלן בעסער פאַרשטיין ווי זיך אויפצופירן.

וואָס מיר ווילן זאָגן צו די אידיש־פאַרטיידיקער: ראַטעוועט די אידישע שפּראַך, וואָס איז אייך אַזוי טייער, פון דער סכנה פון ענגליש, רוסיש, פויליש, דייטש, פראַנצויזיש און אַלע אַנדערע שפּראַכן איבער דער גרויסער וועלט. טוט עפּעס, אַז אייערע קינדער זאָלן ריידן, שרייבן און לייענען אידיש. פאַרשפּרייט אידיש צווישן דער יוגנט אין אַלע גלות־לענדער.

אָבער לאָזט דעם קליינעם ישוב פון ארץ־ישראל צו די וועלכע האָבן געבלוטיקט פאַר אים. ארץ־ישראל ליגט אין גוטע און קאָמפּעטענטע הענט. איר דאַרפט ניט פאַרלירן קיין שלאָף. לאָזט דעם ישוב צורו. ער וועט זיין שטעטל אַליין באַשטיין.

22־טער מאַרטש, 1935.

אריה לייב געלמאַן

(זכרונות פון אַ חבר און פריינט)

מיט 23 יאָר צוריק, אַליין נאָך אַ יונגער בחור, אַריבערקומענדיק קיין אַמעריקע אָנגעלאָדן מיט עכטן אידעאַליזם, מיט גרויסע האָפענונגען, שיינע חלומות און דערוואַרטונגען, האָב איך זיך ווי טויזנטער אַנדערע יונגעלייט גלייך אַנטוישט. דער פּראָזאַאישער, פּראַקטישער לעבן אין אַמעריקע מיט אַלע זיינע איבלען און טרוקענע גרויזאַמקייטן האָט מיט זיינע שטיוול צעטראָטן אָן רחמנות אַלע חלומות און אידעאַלן וואָס איך האָב געבראַכט.

אַ גייסטיק דערשלאָגענער, אָן עלנטער, האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון סט. לואיס, און אין אַלע פאַרזאַמלונגס־פּלעצער ניט געפונען קיין רו צו מיין פאַרבלאָנדזשעטער נשמה ביז איך האָב ענדלעך געפונען אַ תיקון.

צופעליקערוויז האָב איך באַגעגנט אַ בלאָנדן יונגענמאַן מיט צאַר־טע, איידעלע געזיכט־שטריכן, וועלכע האָבן דערמאָנט אין די אַמאָליקע אידישע מאַרטירער, מיט פאַר׳חלומ׳טע אידישע אויגן און מיט אַ שטימע וואָס האָט געגלעט און געצערטלט.

דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט אויף מיר געמאַכט אַ מערקווירדיקן שטאַרקן רושם און איך האָב באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש געפילט אַז ער איז פאַרבליבן מיין חבר, מיין פריינט און אין אַ געוויסער מאָס מיין וועג־וויזער. אָט־דער יונגערמאַן, ווי איר שטויסט זיך אָן, איז דער איצט־באַרימטער אידישער פירער ר׳ אריה לייב געלמאַן.

אַ לאַנגע צייט איז שוין אַוועק פון דאַן. מיר האָבן צוזאַמען איבערגעלעבט פאַרשידענע געשעענישן. פון צייט צו צייט האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ געפיל פון גייסטיקער שמחה און נחת־רוח, אַ דער־הויבנקייט און הרחבת הדעת, אָבער דאָס זיינען געווען זעלטענע דער־שיינונגען. צום גרעסטן טייל אָבער זיינען די אַלע יאָרן געווען דורכ־געזאַפּט מיט פאַרדרוס, צער און אַנטוישונג איבער דער ציניִשקייט און ביליקייט פון די אידישע מאַסן און נאָך מער פון די עם־האַרצישע פירער מיט זייער אומוויסנהייט און גראָבקייט, וואָס האָבן געבאַלע־באַטעוועט און געהערשט אויף דער אידישער גאַס.

א. ל. געלמאַן, דער צאַרטער אידעאַליסט און תלמיד־חכם, האָט דערפון זייער געליטן. זיין האַרץ האָט געבלוטיקט, זיין אידישע נשמה האָט וויי־געטאָן און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען איבער די חוצפה׳דיקע, ביליקע באַציאונגען צו תורה, אידישע טראַדיציעס און אידעאַלן און אין אַלגעמיין אויף דעם שרעקלעכן שפל׳דיקן מצב פונעם גייסטיקן אידישן לעבן אין אַמעריקע.

ניט איינמאָל האָט מיין חבר גלמאַן אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר מיר און — איך האָב אים פאַרשטאַנען. ס׳איז מערקווירדיק, ווי זיינער אַ וואונק האָט פאַר מיר אַלץ קלאָר געמאַכט. ס׳איז פאַר מיר געווען גענוג בלויז אַ קוק טאָן אויף אים צו פאַרשטיין וואָס ער פילט.

ער — אַ מענטש מיט הויכע אידעאַלן, מיט אַ ברייטער קענט־שאַפט, מיט אַ טיפער פאַרשטעלונגס־קראַפט וואָס אָנבאַלאַנגט גייסטיקע ענינים — האָט זיך ניט געקענט באַנוגענען מיט קלייניקייטן, מיט שטיקלעך און ברעקלעך, סיי אין תורה, סיי אין געזעלשאַפטלעכע ענינים און סיי אין בנין־ארץ־ישראל. און דערפאַר האָט ער ניט געקענט, ווי אַנדערע אידישע פירער, זיך צופרידנשטעלן מיט קליינע אויפטואונגען און ער פלעגט גאַנץ אָפט אויפהויבן זיין שטימע צו קריטיקירן און מיט זיין שאַרפער סאַטירישער פען אַפילו אָפּשפּאָטן פון זייערע קליינינקע השגות און דערגרייכונגען. די ביליקע אַטמאָס־פערע האָט אים ממש געשטיקט און ער האָט זיך געפילט ווי אַ גע־פאַנגענער.

איצט, ווען מיין געערטער חשובער חבר און פריינט פאַרלאָזט אונז, באַדויער איך וואָס מיר וועלן זיך צייטווייליק צעשיידן. עס וועט ווירקלעך שווער זיין פאַר מיר צו פאַרלירן דעם גייסטיקן פאַרגעניגן זיך דורכצורעדן און פאַרברענגען מיט אַזאַ שיינער פערזענלעכקייט אַזוי אָפט ווי איך וואָלט וועלן. דאָך פריי איך זיך וואָס חבר געלמאַן פאַרלאָזט אונז און מיט דעם אויך די קליינע באַשרענקטע אידישע אַטמאָספערע און ער גייט אַריבער אין אַ ברייטערער סביבה מיט פאַרצווייגטע טעטיקייטן, וואו ער וועט האָבן די געלעגנהייט אויסצו־נוצן זיינע גלענצנדיקע פעאיקייטן און זיין טיפן אידעאַליזם ווי אַ

פירער פון אַ גרויסער פּאַרטיי, וואָס טראָגט מיט זיך זיינע „אַני מאַמינס" און זיינע אידעאַלן.

א. ל. געלמאַן איז דער פּאַסיקער מענטש פאַר דעם פּאַראַנטוואָרט־לעכן אַמט פון פּרעזידענט פון דער מזרחי־באַוועגונג אין אַמעריקע. מיט זיין איידעלן אויסזען וואָס באַצויבערט, מיט זיין וואונדערבאַרער רעדנער־קראַפט, מיט זיין באַגאַבטער פּען, מיט זיין אַלזייטיקן וויסן און בקיאות אין דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן לערנען און אויך אין דער מאָדערנער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור און אַפילו אין וועלטלעכער, מאָדערנער וויסנשאַפט און איבער אַלץ — מיט זיין ערנסטן און אויפריכטיקן אידעאַליזם.

חבר געלמאַן באַזיצט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ נאַציאָנאַלן מזרחי־פירער און זייענדיק אין דער זעלבער צייט אַ מאָדערנער מענטש מיט אַ ליבעראַלן בליק אויפן לעבן, איז ער אַ געווינס פאַר זיין פּאַרטיי.

זייענדיק נאָך אַ גאַנץ יונגער מענטש, פול מיט לעבן און ענער־גיע, וועט ער, האָפנטלעך, ברענגען כבוד און פּרעסטיזש צו דער מזרחי־באַוועגונג און אַליין שטייגן צו אַ הויכער מדרגה.

איצט, ווען ער שיידט זיך מיט אונז חברים און פריינט פאַר פילע יאָרן, שיקן מיר אים אונזער האַרציקע ברכה.

מיר אַלע זיינע פריינט און פאַרערער ווינטשן אים גרויס הצלחה אין זיין נייער הנהגה, וואָס זאָל אים ברענגען גליק פאַר זיך, פאַר זיין טרייער פרוי און פאַר זיינע באַגאַבטע קינדער זכריה עזרא און נחמיה, וועלכע גייען אין זיינע פוס־טריט און אין זיין הויפט־אויפגאַבע — די פאַרווירקלעכונג פון די האָפענונגען פון כלל ישראל.

ס׳איז אונזער אויפריכטיקע האָפענונג, ערנסטער וואונטש און האַרציקע תפילה זיך צו באַגעגענען אין גיכן אין אַ באַפרייטער ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון אונזערע האָפענונגען.

26־טער יולי, 1935.

באַמערקונג: אריה לייב געלמאַן איז אין פאַרלויף פון אַ צאָל יאָרן דער יושב־ראש פון דער אַלוועלטלעכער מזרחי־הפועל המזרחי און ער האָט זוכה געווען צו מאַכן זיין היים אין ירושלים. איך האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן צו באַזוכן אים אין „בית מאיר" אין ירושלים און זיין אַ גאַסט אין זיין היים פאַר שבת אין די יאָרן 1953 און 1959.

פּראָפעסאָר גוסטאַוו קלויזנער

א וואָרט צו דער פייערונג פון זיין 60־יעריקן געבורטסטאָג

דער באַוואוסטער כלל אַז ס'איז ניט מעגלעך אָפּצושאַצן די גרויס־קייט פון אַ מענטשן וועלכער געפינט זיך נאָנט און מ'באַגעגנט זיך אָפט מיט אים — האַלט ניט אויס בנוגע גוסטאַוו קלויזנער. גראָד פאַרקערט: וואָס מער איר געפינט זיך אין זיין סביבה, וואָס אָפטער איר פאַרקערט מיט אים — אַלץ מער ליבע, מער אַכטונג און מער באַוואונדערונג דערוועקט זיך צו אים.

דער באַקאַנטער טראַדיציאָנעלער אויסדרוק „איש האשכולות", אָדער דער פּאָפּולערער וואָרט „אַ מענטש מיט אַלע מעלות", מעג קליג־גען באַנאַל און איבערטריבן צו די מערסטע אַנדערע פּערזאָנען. זאָגט איר דאָס אָבער אויף גוסטאַוו קלויזנער, איז דאָס אויף קיין פאַל ניט איבערגעכאַפּט די מאָס.

דער דאָזיקער מענטש איזווירקלעך געבענטשט פון דער נאַטור מיט אַלץ וואָס איז שיין און גוט: אַ ברייטע האַנט סיי פאַר אַ האַר־ציקן שלום עליכם און סיי פאַר אַ שיינער נדבה, דערצו איז ער אַ טיף־קולטורעלער מענטש, אַ גרויסער בעל־מידות, אַ מזג טוב, אַן אומדערמידלעכער אַרבעטער, אַ פעאיקער פירער, אַ געטרייער, איבער־געגעבענער, שטאָלצער, טראַדיציאָנעלער איד, אַ פלאַם־פייערדיקער ציוניסט און אַ חובב־תורה.

אין אַ גרויסער מאָס זיינען צו אים געקומען זיינע דערהאָבענע מידות פון דער פּאָלקאָמענער שיינער און גוטער דערציאונג וואָס ער האָט גליקלעכערווייז געקראָגן אין זיין יוגנט ווי אַ קינד פון אַ זייער בכבוד'יקער משפחה.

דער באַרימטער היסטאָריקער און גלענצנדיקער מחבר פון אַ סך באַרימטע העברעאישע ווערק, ד"ר יוסף קלויזנער פון ירושלים, וועל־כער איז אַ קוזין פון אונזער גדליה קלויזנער, איז מיט אים דערצויגן געוואָרן אין דעם הויז פון אונזער קלויזנער'ס פאָטער, אין טראָקי, און זיי ביידע צוזאַמען האָבן באַקומען דעם פּאָלקאָמענסטן אידישן און מאָדערנעם חינוך.

פּראָפעסאָר קלויזנער'ס באַרימטקייט און גרויסקייט צווישן ניט־

אידן ווי פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיקס אין דעם קאַטוילישן סט. לואיס אוניווערזיטעט, וואו ער איז שטאַרק באַליבט סיי ביי דעם פאַקולטעט און סיי ביי זיינע הונדערטער סטודענטן, האָט אים ניט אַראָפּגעפירט פון זיין וועג און ער איז פאַרבליבן דער זעלבער ליבער, האַרציקער איד, וואָס האָט ליב דאָס אידישע פאָלק מיט אַלע פעדעם פון זיין נשמה און פילט זיך היימיש און גוט מיט די אידישע מאַסן.

מיר, סט. לואיסער אידן, פילן זיך שטאָלץ און גליקלעך וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן מיט אונז די נאָבעלע פערזענלעכקייט פון גדליה קלויזנער, וועלכער האָט אַ סך בייגעשטייערט צו דעם וואוקס און דער אויפבליאונג פון דער היגער אידישער קהילה.

בעיקר זיינען מיר, זיינע חברים, די סט. לואיסער ציוניסטן, שטאָלץ מיט אונזער חבר און פירער, וועלכער איז דער רוח החיה פון דער באַוועגונג און וואָס אַ דאַנק זיינע אומבאַגרענעצטע פעאיקייטן, זיין איבערגעגעבנקייט, זיין ליבע צו ארץ־ישראל און זיינע גרויסע לייס־טונגען פאַר אונזער אידעאַל, פאַרנעמט דער היגער ציוניסטישער דיסטריקט אַ בכבוד׳יקן אָרט אין אַמעריקע.

ווי זיין אינטימער פריינט און חבר שליס איך זיך אָן אין זיין פייערונג פון זיין 60־טן געבורטסטאָג און פאַראייניק מיינע פּערזענ־לעכע ברכות מיט די האַרציקע גליק־וואונטשן פון אַלע אידן און ניט־אידן אין סט.לואיס און פון אויסער די גרענעצן פון שטאָט.

פּראָפ׳ קלויזנער איז נאָך גאַנץ יונג און איז גרייט אָנצוגיין ענערגיש מיט זיין אַרבעט פאַר יחידים, ציבור און פאָלק ישראל.

מיר ווינטשן אים אַריכת ימים און הצלחה אין אַלע זיינע אונטער־נעמונגען. ס׳איז אונזער האַרציקע ברכה, ער זאָל מיט זיינע אויגן זוכה זיין צו זען די גאולה שלימה פון אונזער פאָלק און דעם בנין פון ארץ־ישראל אַלס די אידישע היים.

פעברואַר, 1936.

באַמערקונג: פּראָפ. ג. קלויזנער האָט געלעבט נאָך איבער 20 יאָר, ביז צו אַ טיפן עלטער. בערך נאָך 15 יאָר האָבן מיר זוכה געווען צו אַרבעטן צוזאַמען פאַר אונזער אידעאַל אונטער זיין גלענצנדיקער פירערשאַפט. צום באַדויערן זיינען זיינע לעצטע עטלעכע יאָר געווען פאַר אים שווערע און ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. ערע זיין אָנדענק, זכר צדיק לברכה.

די אויפגאַבע פון „מזרחי״־פירער

אַלע ווייסן, אַז דער מצב פון דער מזרחי־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע איז ניט זייער גלענצנדיק. ס׳איז אַלעמען גענוי באַקאַנט, אַז די טעטיקייטן און אונטערנעמונגען זיינען ניט דערפאָלגרייך און די פּאָפּולאַריטעט פון מזרחי איז אין דער לעצטער צייט ניט פון אַ הויכן סאָרט.

ניט אַלע אָבער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַרטראַכט וועגן די סיבות וואָס האָבן גורם געווען צו דער שוואַכקייט פון מזרחי.

עס ווילט זיך פרעגן די האַרבע קשיה, וועלכע איז ניט לייכט צו פאַרענטפערן: היתכן? ווייל די לאַגע פון מזרחי שטימט ניט מיט דער לאָגיק און מיט דער ווירקלעכקייט.

מיר וועלן פּרובירן דאָס מאַכן קלאָר: ס׳איז אַלעמען באַקאַנט, אַז די מערסטע אַמעריקאַנער אידן, טראָץ דעם וואָס אויסערלעך מאַכן זיי דעם איינדרוק פון הפקר־מענטשן, וואָס טרעטן מיט די פיס אַלץ וואָס איז הייליק ביים אידישן פאָלק, איז אָבער באמת דער פאַקט, אַז טיף אין זייער באַוואוסטזיין זיינען זיי גוטע אידן.

דער גרעסטער טייל פון זיי באַדויערן וואָס צוליב פינאַנציעלע אומשטענדן, דער שווערער קאַמף פאַר פּרנסה, זיינען זיי געצוואונגען געוואָרן צו זיין אין דער לאַגע וואָס זיי האָבן ניט די מעגלעכקייט זיך אויפצופירן ווי גוטע טראַדיציאָנעלע אידן.

זייער טיפער אידישער קרעכץ קומט אָפּט פון טיפן האַרצן און ס׳איז אַ פאַקט, אַז צו יעדער צייט ווען אַן אַמעריקאַנער איד האָט אַ געלעגנהייט צו טאָן אַ מצוה, האָט ער הנאה דערפון.

איר טרעפט אָפט אין די אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע שולן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אַפילו די אַזוי־גערופענע ראַדיקאַלן. ווען אַן אַמעריקנער איד קען זיך אָפּרייסן פון זיין „ביזי״ לעבן, כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ שול און נעמט אַפילו אַ טיכטיקן אָנטייל אין רעליגיעזע ענינים.

די יעניקע פון אונז וועלכע געדענקען נאָך די פלאַם־פייערדיקע אַפּיקורסים און משכילים פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער און

אויך די בונדיסטיש־ראַדיקאַלע שנויצן־פּרעסער, וועלכע האָבן געמאַכט די צו־להכעיס׳דיקע טענץ יום־כּיפּור צו כּל־נדרי, מוזן צוגעבן, אַז די צייטן האָבן זיך געענדערט און מ׳קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז אַזעלכע פֿאַרשוינען זיינען איצט כּמעט ווי ניטאָ אויף דער אידישער גאַס.

ס׳שטעלט זיך דעריבער די אייזערנע קשיה: פֿאַרוואָס זיינען די זעלבע אידן, וועלכע זיינען רעליגיעז און טראַדיציאָנעל און וועלכע זיינען זיכער באַגייסטערט פֿאַר בנין הארץ, ניט קיין אָנהענגער פֿון מזרחי, וועמענס פּראָגראַם איז צו בויען ארץ־ישראל אויף די יסודות פֿונעם טראַדיציאָנעלן אידנטום פֿאַר וועלכן זיי שטרעבן?

ביז אַ געוויסן גראַד איז דאָס די שולד פֿון די מזרחי־פֿירער, וועלכע האָבן פֿאַרנאַכלעסיקט זייערע פֿליכטן און ניט קלאָר געמאַכט פֿאַר די מאַסן אידן די אמת׳ע פּרינציפּן פֿון דעם מזרחי־פּראָגראַם.

די פֿירער פֿון די אַנדערע ציוניסטישע גרופּן זיינען אויך ניט ריין פֿון אָט־דער שולד. אויך זיי זיינען איינגעשלאָפֿן. די מזרחים אָבער, וועלכע שטייען גאַנץ נאָענט צו די ברייטע מאַסן אָרטאָדאָקסישע אידן, זיינען מער שולדיק, ווייל זיי האָבן אַ בעסערע געלעגנהייט זיך דורכ־צוריידן מיט די מאַסן און זיי דערנענטערן צו דער מזרחי־באַוועגונג.

ווען מ׳טראַכט זיך אַריין אין דאָזיקן ענין, געפֿינט מען אויס, אַז דאָ זיינען פֿאַראַן צוויי סיבות פֿאַר דעם וואָס די מאַסן שטייען אַוועק פֿונעם מזרחי. איין סיבה שטויסט זיי אַוועק און אַ צווייטע שרעקט זיי אָפּ און דערלאָזט זיי ניט זיך אָנצושליסן אין דער מזרחי־באַוועגונג.

ס׳איז גאַנץ זיכער, אַז ביידע סיבות זיינען אַ מיספֿאַרשטענדעניש, אַן איינריידעניש און אַן איינבילדונג. זיי זיינען אָן שום ספק גרונט־לאָז.

די מזרחי־פֿירער ווייסן די אורזאַכן און דאָך האָבן זיי עד־היום ניט געמאַכט קיין ענערגישע און טיכטיקע אָנשטרענגונג זיי צו באַ־זייטיקן דורך אויפֿווייזן און אויפֿקלערן די לעכערלעכקייט פֿון די דאָ־זיקע איינריידענישן און ביז היינטיקן טאָג זיינען די פּרטים פֿון מזרחי־פּראָגראַם ניט קלאָר. און דעריבער האַלטן זיך די אידישע מאַסן — טראָץ דעם וואָס טיף אין האַרצן זיינען זיי סימפּאַטיש צו די פּרינציפּן

פון מזרחי — פונדערוויטנס בלויז דערפאַר וואָס דער פּראָגראַם פון מזרחי ווערט מיסרעפּרעזענטירט דורך די קעגנער פון מזרחי און דערפאַר זיינען די מאַסן מחוץ למחנה.

מיר וועלן איצט אַנאַליזירן די צוויי הויפּט־סיבות וואָס האַלטן צוריק אָט־די צענדליקער טויזנטער טראַדיציאָנעלע אידן אין אַמעריקע, וועמענס פּלאַץ איז די מזרחי־באַוועגונג.

די ערשטע סיבה וואָס שטויסט אַוועק אַמעריקאַנער אידן פון מזרחי זיינען די זכרונות פון געטאָ־לעבן אונטער די שרעקלעכסטע באַדינגונגען.

דורך די צייטן וואָס זיי האָבן געלעבט אין די געטאָס ווי אַרויסגעשטויסענע פון דער אויסערלעכער וועלט, האָט זיך ביי אידן אַנטוויקלט אַ מערקווירדיקער באַגריף פון אידישקייט:

אידן מוזן זיין אַנדערש פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט. אידן דאַרפן אויסזען און זיך אויפפירן אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן שטייגער. דער פּסוק „בחוקותיהם לא תלכו" איז געוואָרן אויסגעטייטשט אויף דעם שטרענגסטן אופן און איז געוואָרן דער עיקר כל העיקרים. האָט דאָס געקענט זיין די לאָגישסטע זאַך אין דער וועלט, דאָס שענסטע און דערהאַבנסטע, האָט אַפילו דער גרונט־געדאַנק געמעגט זיין אַ ריין־אידישער, אָבער אַזוי שנעל ווי די גויים טוען דאָס, איז דאָס אָסור און טריף.

האָבן די גויים געטראָגן שיינע קליידער, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט שיינע מאַניערן — האָבן דאָס די אידן ניט געטאָרט טאָן. און אַזוי האָט זיך ביסלעכוויז אַנטוויקלט דער געדאַנק, אַז אמת־גוטע אידן מוזן בלייבן פאַרווילדעטע און ניט נאָכטאָן די גויים.

פלעגן מיר, ישיבה־בחורים, זיך פאָרשטעלן ר' יהודה הנשיא ווי אַ קרענקלעכן, אויסגעדאַרטן אידן מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות, מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד, געטראָגן אַ לאַנגע זשיפּיצע וואָס האָט זיך געשלעפּט איבער די שטיוול, פאַרבונדן מיט אַ גאַרטל און מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ, אונטער וועלכן ס'האָט אַרויסגעשטעקט אַ פאַר־שמאַלצעוועטע יאַרמולקע, אַ רויטע פאַטשיילע האָט זיך נאָכגעשלעפּט פון דער הינטערשטער קעשענע; האַלטנדיק אין דער האַנט אַ טאַבאַק־

פּושקעלע, האָט ער אַלע פּאָר מינוט אַריינגעשטופּט די פינגער אין טאַבאַק־פּושקעלע נאָך אַ שמעק־טאַבאַק, וואָס ער האָט אַריינגעשאָרט אין די נאָזלעכער און דער טאַבאַק האָט זיך צעשפּרייט איבער זיין באָרד און וואָנצעס.

דאָס איז געווען דאָס בילד פון דעם באַרימטן ר׳ יהודה הנשיא, וואָס די פאַנטאַזיע פון אונזערע ישיבה־בחורים האָט געמאָלן.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ אומגעלומפּערטע פאַנטאַזיע פאַר אַזאַ גרויסער פּערזענלעכקייט? דער ענטפער איז פּשוט: אין דעם איז שולדיק די אַטמאָספערע אין וועלכער מיר האָבן געלעבט.

אונזערע מלמדים, וועלכע זיינען געווען שאַרף אין פּלפּול און אויך אַ טייל פון די עלטערע פאַנאַטישע ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן געהאַט שאַרפע קעפּ צום לערנען, האָבן אין לעבן אויסגעזען און זיך אויפגעפירט נאַכלעסיק. זיי האָבן מבטל געווען אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו היגיענע און פיזישער שיינקייט, ווייל זיי האָבן שטרענג געהאַלטן דעם בחוקותיהם לא תלכו... ווייל די גויים טוען עס.

ס׳האָט ניט געהאָלפן וואָס מיר האָבן געוואוסט אַז ר׳ יהודה הנשיא איז געווען ווי אַ שררה — דער הערשער פון אַ גרויסער אי־דישער קהילה, אַ קרוב למלכות און דערצו נאָך אַ גרויסער עושר. קיין שום טענות האָבן ניט געהאָלפן — אַן ערלעכער איד איז ער דאָך זיכער געווען, טאָ, האָט ער געמוזט אויסזען ווי אַ איד דאַרף אויסזען.

די ישיבה־בחורים האָבן פאַרשטאַנען לויט זייער לאָגיק: וואָס הייסט? רבי — ר׳ יהודה הנשיא — וועלכער האָט מסדר געווען די משנה, וועט דאָך זיך ניט אויפפירן ווי די גויים אָדער די פרייע יונגען. ער האָט זיכער אויסגעזען ווי אונזער רבי אָדער ווי אַן אַנדער פרומער איד, וואָס מיר זען אין דער אידישער געטאָ.

מיר זיינען שוין ברוך השם לאַנג אַוועק פון דער געטאָ און מיר לעבן אין דער פרייער אַנטוויקלטער אַמעריקע, אָבער דער אַלטער געטאָ־באַגריף איז נאָך פאַרבליבן ביי אַ טייל אידן אין זייער באַ־וואוסטזיין.

אַמעריקאַנער אידן מיינען על־פּי טעות, אַז די מזרחים, וועלכע

זיינען רעליגיעזע אידן, האָבן אָט־דעם פאַלשן באַגריף, ווייל זיי ווילן דאָך אָנהאַלטן אידישע טראַדיציעס — און ווער פון די אַמעריקאַנער אידן וועט עס וועלן זיך אָנשליסן מיט די יעניקע וואָס האָבן אַזאַ ווילדן באַגריף?

דערצו איז נאָך צוגעקומען אויף דער אַמעריקאַנער אידישער גאַס דער עסק פון בשר כשר, פון הכשרים פאַר כשר'ע און ניט־כשר'ע פראָדוקטן. אַ צאָל פאַלשע רבנים און רעוורענדס צוזאַמען מיט אייניקע אַזוי־גערופענע אידישע פירער האָבן מיט זייער האַנדלונג קיין כבוד און פרעסטיזש דעם אָרטאָדאָקסישן אידנטום נישט געבראַכט.

די אידישע מאַסן, וועלכע זיינען ניט באַהאַוונט אין אַזעלכע ענינים און קענען ניט מבחין זיין צווישן ערלעכע און פאַלשע רבנים און פירער, זיינען שטאַרק פאַרביטערט קעגן אַלע וואָס האָבן אַ שייכות מיט רעליגיעזע ענינים. ס'איז דערפאַר קיין וואונדער ניט וואָס אַמע־ריקאַנער אידן, איבערהויפּט די יונגע און פּראָגרעסיווע, האַלטן זיך צוריק פון דער מזרחי־גרופּע, ווייל זיי זיינען אונטערן איינדרוק, אַז די מזרחים באַטייליקן זיך אין די אַלע עסקים וואָס ברענגען אומ־כבוד דער אידישער קהילה אין אַמעריקע.

דער אמת איז אָבער אַז דער פּראָגראַם פון מזרחי איז צו ברענ־גען ליכט צו אידן, און טראָץ דעם וואָס דת איז דער באַזיס פון מזרחי־פּרינציפּן, זיינען די פירער מענטשן וואָס פאַרשטייען די נייע וועלט און זיי שטרעבן צו ברענגען אָרדענונג, ערלעכקייט און ערנסטקייט אין אָרטאָדאָקסישן אידנטום.

די מזרחים מאַכן אַן אָנשטרענגונג אויסצורייניקן די אידישע גאַס פון הפקרות און אַריינברענגען אָרדענונג אין דער אָנגעווייטיק־טער בשר כשר־פראַגע און זיי שטייען אין דער שפּיץ פון ניי־אָרגאַני־זירטע וועדים און קערפּערשאַפטן מיט ערלעכע און ערנסטע רבנים און בעלי־בתים מיט דעם צוועק אַז ערלעכקייט און שיינקייט זאָל הערשן אין אידיש־אָרטאָדאָקסישן לעבן.

די מזרחי־פירער פירן אָן אַ ברייטע אַקציע פאַר חינוך: צו עפע־נען איבעראַל שולן פאַר אידישע קינדער, צוגרייטן מאַטעריאַל פאַר דעם חינוך־פּראָגראַם און צוגרייטן פאַסיקע לערער פאַר די חינוך־אינסטיטוציעס.

ס'איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון מזרחי איז — בנין האָרץ על־פּי תורת־ישראל.

די צווייטע סיבה וואָס שרעקט־אָפּ אַמעריקאַנער אידן פון זיך אַנצושליסן אין דער מזרחי־באַוועגונג איז דאָס וואָס די קעגנער פון מזרחי, בעיקר די אַנהענגער פון דעם ראַדיקאַל־ציוניסטישן פליגל — די פּועלי־צעירי־ציון — פּרובירן איינצושמועסן די מאַסן, אַז אויב דער מזרחי וועט האָבן די אויבערהאַנט, וועט מען אין ארץ־ישראל איינפירן די מלקות און די ארבע מיתות בית־דין, שופטים און שוטרים וועלן זיך געפינען אין יעדער שטאָט און וועלן אַכטונג געבן אַז יעדער איד זאָל דאַוונען 3 מאָל אַ טאָג, זאָל לייגן תפילין, טראָגן ציצית און מקיים זיין די תרי"ג מצוות און אויב אַ איד וועט עובר זיין אַן עבירה, וועט מען אים ברענגען צום משפט און אים מקיים פסק זיין.

ס'איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז אַפילו רעליגיעזע אידן שרעקן זיך פאַר אַזאַ סאָרט אינקוויזיציע און אַנטלויפן פון אַזאַ פּראָגראַם.

די דאָזיקע טענות און אַרגומענטן הערט מען אָפט אויף דער אידישער גאַס. די מזרחי־פירער הערן אויס די נאַרישע רייד און שמייכלען, אָבער זיי טוען נישט קיין שום זאַך אָפּצולייקענען די דאָזיקע אויסגעטראַכטע „באָבע־מעשות" און איבערצייגן די מאַסן אַז דאָס איז פאַלש, איבערטריבן און אַז ס'איז ניטאָ קיין גרונט זיך צו שרעקן פאַר אַ מזרחי־פּראָגראַם.

זייערע פּרינציפּן פאַר בנין האָרץ, וועלכע שטרעבן צו דעם סלאָ־גאַן פון „ארץ־ישראל לעם־ישראל על־פּי תורת־ישראל", זיינען די רעאַליזירונג פון דער לעכצונג צו דער גאולה און די פאַרווירקלעכונג פון דעם חלום פון פילע דורות אידן פאַר בנין ארץ־ישראל לויט דער אידישער טראַדיציע.

ס'איז די שטרעבונג פון די אַנהענגער פון מזרחי, אַז דאָס אי־דישע לאַנד זאָל זיין אַן עכטע אידיש־טראַדיציאָנעלע היים, אַז די אַטמאָספערע זאָל זיין אידיש. די מזרחים האָפן און טוען אַלץ, אַז די אָפיציעלע ארץ־ישראל, ווי די אידישע אַרמיי, אַלע פאָלקס־אינסטי־טוציעס און דער עפנטלעכער אידישער לעבן אין זייער לאַנד זאָלן זיך פירן לויט די אידישע טראַדיציעס.

ס׳איז די האָפענונג פון די מזרחים, אַז אַלץ קען דערגרייכט ווערן דורך דעמאָקראַטישע מיטלען און עס וועט באַשטימט ווערן פון דעם גרעסטן טייל פון דער באַפעלקערונג, אַז שבת זאָל דערקלערט ווערן אַלס דער אָפיציעלער רו־טאָג און אַז כשרות זאָל אָפּגעהיט ווערן אין עפנטלעכע פלעצער.

די הויפּט־אויפגאַבע פון מזרחי איז, אַז חינוך הבנים, די דער־ציאונג פון דער יוגנט, זאָל זיין טראַדיציאָנעל־אידיש, אַז תורה זאָל פאַרשפּרייט ווערן אין דעם הייליקן לאַנד.

דאָס ווערט פּלאַנירט ניט חלילה צו פאַרכאַפּן ביד חזקה, ווי אַ קליינער טייל פאַנאַטיקער אין ארץ־ישראל וואָלטן געוואָלט, נאָר אויף אַן עכט־דעמאָקראַטישן וועג: דורך עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, דורך דער פּרעסע, דורך די געזעצלעכע קערפּערשאַפטן פון לאַנד, און בעיקר דורך די חינוך־אינסטיטוציעס פון מזרחי און אַנדערע טראַדי־ציאָנעלע לערן־אַנשטאַלטן, וואו עס ווערט געלערנט תורה.

די מזרחים האָפן און זיינען זיכער, אַז נצח ישראל לא ישקר, איבערהויפּט אין דעם לאַנד פון עבר און עתיד פון אידישן פאָלק.

די מזרחי־פירער מוזן טאָן אַלץ אָפּצוואַרפן דעם פאַלשן בלבול וועגן אַרויפגעצוואונגענער פרומקייט אויף פריוואַטע מענטשן. עס מוז קלאָר פאַרשטאַנען ווערן, אַז דער מזרחי־פּראָגראַם איז געשאַפן נישט פאַר יחידים, נאָר פאַר דעם כלל, פאַר דעם ציבור.

אין דער זעלבער צייט דאַרפן די אָנהענגער פון מזרחי פּראָפּאַ־גאַנדירן דעם נאָבעלן, רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן אַרט־לעבן אין אַמע־ריקע און איבערהויפּט אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין ארץ־ישראל.

נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין מזרחי אין דער לעצטער צייט. עס ווילט זיך גלויבן, אַז ס׳האָט אַ באַדייטנדיקע שייכות מיט דעם וואָס מיין חבר און פריינט ר׳ אריה לייב געלמאַן האָט איבער־גענומען די פירערשאַפט פון אַמעריקאַנער מזרחי־באַוועגונג.

מר געלמאַן, וואָס איז אַ טיף־רעליגיעזער איד, איז אָבער אויך אַ מאָדערנער, ליבעראַלער מענטש און ער פאַרשטייט די נשמה פון די אידישע מאַסן. ס׳איז צו האָפן, אַז ווען דער מזרחי־אידעאַל וועט קלאָר ווערן פאַר די אַמעריקאַנער אידן, וועלן זיי אָן צווייפל זיך

דערגרעגנטערן און פילע פון זיי וועלן זיך אַנשליסן אין דער אָרגאַניזאַציע וואָס פאַראייניקט דעם אידעאַל פון בנין הארץ מיט דער טיפער ליבע און אַכטונג צו דער אידישער תורה און טראַדיציע.

19־טער פעברואַר, 1937.

25 יאָר עקזיסטענץ פון סט. לואיסער מאַקאַבייער

ס'איז שווער פאַר מיר צו שרייבן וועגן אָט־דער גרופּע מיט אַ רואיק געמיט, ווייל צו ענג איז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פאַרבונדן מיט מיין פערזענלעכן אינטימען לעבן, מיט מיינע הייליקע וואונטשן, געפילן און אידעאַלן. מיינע יוגנט־חלומות זיינען ענג פאַרקניפּט מיט די היגע מאַקאַבייער.

ווען איך בלעטער מיין טאָג־בוך פון די פאַרגאַנגענע 25 יאָר, לייען איך דאָרט טאָג־איין, טאָג־אויס, וועגן פאַרזאַמלונגען, טעטיקייטן און פערזענלעכע איבערלעבונגען, וואָס האָבן אַן ענגע שייכות מיט די מאַקאַבייער.

ניט אַלץ איז פון אינטערעס פאַר די לייענער, אָבער פאַר מיר פערזענלעך איז דאָס אַן אוצר פון זכרונות און פון גייסטיקע טיףרירנדיקע איבערלעבונגען.

מיט 25 יאָר צוריק, אין יאָר 1912, אַריבערקומענדיק קיין סט. לואיס פון רוסלאַנד אַ נאַאיווו, יונג בחור׳ל, אָנגעלאָדן מיט ערנסטן אידעאַליזם, מיט חלומות, האָפענונגען און דערוואַרטונגען און אַריינפאַלנדיק אין דעם פּראַקטישן, פּראָזאַאישן לעבן אין אַמעריקע מיט אַלע זיינע איבלען און גרויזאַמקייטן, האָב איך זיך געפילט עלנט און דערנידערט. אַן אַנטוישטער האָב איך זיך געבלאָנקעט פון אָרט צו אָרט, זוכנדיק שפּייז פאַר מיין בלאָנדזשענדיקער נשמה — אָבער אָן דערפאָלג.

ענדלעך, עטלעכע חדשים נאָך מיין קומען אין אָט־דער שטאָט,

האָב איך באַזוכט דעם אידישן צענטער, דעמאָלט 9־טע און קאר, דער פּלאַץ פון אַלע אידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, און האָב צו־פעליק אַריינגעשפּאַצירט אין אַ צימער, וואו עטלעכע יונגע אידישע בחורים האָבן ערנסט דעבאַטירט וועגן אַ ניי־געגרינדעטן מאַקאַבייער־קלוב. די יונגעלייט זיינען אַלע געווען אַמעריקאַנער געבוירענע און ענגליש־ריידנדיקע.

צום אָנהויב האָב איך זיך פאַרהאַלטן סקעפּטיש צו דער דאָזיקער מאָדנער קליינער גרופּע. אָבער ביסלעכווייז בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין איר מיט מיין גאַנצן לייב און לעבן.

מיט דער צייט האָבן זיך נאָך יונגע בחורים, ערשט־אַריבערגע־קומענע פון דער אַלטער היים, צווישן זיי אַ צאָל ערנסטע און אינטעלי־גענטע, אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע און דאָס לעבן פון דעם מאַקאַ־בייער קלוב האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן אויף אַן אינטערעסאַנטן און אַפילו שטורעמישן אופן. מיר האָבן דאָרט געפונען שפּייז פאַר אונזער נשמה און רו פאַר אונזער אומרואיקן יונגן גייסט.

מיין ערשטע לעקציע פאַר דער מאַקאַבייער־גרופּע האָב איך גע־האַלטן שבועות אויף דער טעמע „שבועות און די העברעאישע שפּראַך”.

אַ באַוועגונג האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן העברעאישע קורסן פאַר דערוואַקסענע, וועלכע די מערסטע חברים האָבן באַזוכט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געגרינדעט געוואָרן אַ קולטור־קאָמיטעט. אַלס פאָרזיצער האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט ענטוזיאַזם און מיטן גאַנצן פייער פון מיין יונגן לעבן.

די הויפּט־אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט איז געווען צו צוגרייטן קולטורעלע צוזאַמענקונפטן מיט רעפעראַטן און וויכוחים אויף אידישע קולטורעלע ענינים.

אַ וויכטיקע אַרבעט האָט אונזער קאָמיטעט דורכגעפירט זאַמלענ־דיק אונטערשריפטן פון אידן פאַר אַ פּעטיציע, אַז די לייבערערי אין אַ אידישן געגנט זאָל עפענען אַ העברעאישע אָפּטיילונג. מיר האָבן אויך אויסגעאַרבעט אַ רשימה פון העברעאישע ביכער און זשורנאַלן.

די אָנפירער פון דער לייבערערי האָבן אונזער פאַרלאַנג דערפילט און האָבן פאַר אונז געשאַפן אַ העברעאישע אָפּטיילונג.

צום באַדויערן און צו דער שאַנדע פון סט. לואיסער אידן, זיינען די ביכער זעלטן באַנוצט געוואָרן. זיי זיינען געשטאַנען אין די שאַפעס עלנט ווי אַן עדות צו דער עמהאַרצות פון די קינדער פון עם־הספר און זיינען ניט באַרירט געוואָרן.

מיט אַ צייט שפּעטער זיינען די אידישע און העברעאישע ספרים אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער לייברערי, אַ געגנט וואוהין אידן האָבן זיך אַריבערגעצוגן, אָבער אויך דאָרט זיינען די ביכער פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן פון אידישע לייענער. נאָך אַמאָל האָבן די ביכער געמופּט אין אַ נייער אידישער סביבה — אַן דערפאָלג. ענד־לעך זיינען זיי אַוועקגענומען געוואָרן אין אַ ווינקל פון דער גרויסער צענטראַלער ביבליאָטעק און זיי וואַרטן נאָך עד היום אויף אַ תיקון. די דאָזיקע אידישע און העברעאישע ביכער זיינען ווירקלעך אַ סימבאָל פונעם וואַנדערן פון אידישן פאָלק.

אין יאָר 1917 האָבן זיך אַ צאָל פון אונזערע טעטיקע חברים אַנגעשלאָסן אין דעם אידישן לעגיאָן, אָרגאַניזירט ביי דער ענגלישער רעגירונג צו קעמפן פאַר כיבוש ארץ־ישראל.

דער אומפאַרגעסלעכער שבת אָוונט, ווען מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט זיך צו געזעגענען מיט אונזערע 8 העלדישע חברים, ליגט טיף אין זכרון. איך האָב געהאַט די זכיה, אין נאָמען פון אונזער גרופּע, וועלכע האָבן איבער פאַרשידענע סיבות נישט געקענט נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון אונזערע העלדישע חברים, צו פּרעזענטירן אונזערע העלדישע מאַקאַבייער מיט אונזער ווייס־בלויער פאָן. מיינע געפילן אין דאָזיקן היסטאָרישן, הייליקן מאָמענט — ווער קען עס באַשרייבן?

די דעמאָנסטראַציע וואָס איז פאָרגעקומען ווען די אידישע סט. לואיס האָט באַגלייט אונזערע לעגיאָנערן, איז געווען רירנדיק און הייליק. טויזנטער מענער און פרויען מיט פאָנען, מיטן געזאַנג פון התקוה, מיט טרערן אין די אויגן און האַרציקע געפילן געמישט מיט זאָרג פאַר דעם וואוילזיין פון אונזערע חברים און די שטאָלצע פרייד פון דעם וואָס מיר האָבן זוכה געווען אַז אַ אידישער לעגיאָן זאָל קעמפן פאַר דער אויסלייזונג פון ארץ־ישראל — האָבן אַרויסבאַגלייט אונזערע חברים און האָבן מיט ציטערנדיקע און פלאַטערנדיקע הער־צער מיטגעשיקט זייער ברכה.

אין יאָר 1918 האָב איך געהאַט דעם כבוד צו רעפּרעזענטירן די מאַקאַבייער ווי דער דעלעגאַט צו דער היסטאָרישער „גאולה"־קאָנ־ווענשאָן פון אַמעריקאַנער ציוניסטן אין פּיטסבורג.

ס'איז מערקווירדיק, אַז טראָץ דער טיפער באַגייסטערונג און פייערדיקער התלהבות וואָס האָבן דאַן געהערשט אַדאַנק דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָבן דאָך אַלע ציוניסטן אין סט. לואיס ניט געפונען פאַר נויטיק צו שיקן אַפילו איין דעלעגאַט צו דער היסטאָרישער גאולה־קאָנווענשאָן.

איך געדענק נאָך מיט וועלכער ביטערער איראָניע און אַנטוישונג דער וועלט־באַרימטער לואיס ד. בראַנדייס, דער אַמעריקאַנער סופרים קאָורט ריכטער און ציוניסטישער פירער האָט מיר אויפגעשריבן לזכרון די פאָלגנדיקע ווערטער:

„צו דעם איינציקן דעלעגאַט פון סט. לואיס, לואיס ד. בראַנדייס".

די מאַקאַבייער גרופּע האָט פונקציאָנירט רעגלמעסיק במשך אַ צייט, אָבער די שטורעמדיקע צייט און די זאַטע פּראָספּעריטי־יאָרן האָבן אָפּגעשוואַכט די מאַקאַבייער אַלס אַ גרופּע. די מערסטע חברים האָבן געהייראַט, געבויט זייערע היימען; אייניקע האָבן זיך פינאַנציעל אַרויפגעאַרבעט. אַ קליינע צאָל פון די לעגיאָנערן זיינען פאַרבליבן אין ארץ־ישראל.

נייע חברים האָבן זיך אָנגעשלאָסן, אָבער פון אַ גאַנץ אַנדערן טיפּ. די מאַקאַבייער גרופּע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ענגן קרייז פון געשעפטסלייט און בכבודיקע בירגער, וועלכע זיינען טעטיק אין לאָקאַלע אינסטיטוציעס. אָבער אַלע זיינען נאָך אַלץ פאַרבונדן מיט דעם אידעאַל און אַרבעט פון בנין ארץ־ישראל.

איצט, ווען די מאַקאַבייער גרופּע פייערט איר 25־יעריקע עק־זיסטענץ, פילט זיך אַ כבוד און אַ שטאָלץ צו זיין איינער פון די גאַנץ ערשטע, וועלכע האָבן געהאָלפן שאַפן און שמידן די אידעאַלן פון דער דאָזיקער גרופּע.

די מאַקאַבייער זיינען אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט אַ כוח אין לאָקאַלן אידישן לעבן און אַ שטאַרקע זייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַ גרויסע צאָל פון זיי פאַרנעמען בכבודיקע אַמטן ווי פירער פון ציוניזם, אידישן קאָנגרעס און אין פילע אינסטיטוציעס.

צו מיינע טייערע געשעצטע חברים, מיט וועמען איך האָב איבער־געלעבט מיינע יוגנט־חלומות, צוזאַמען געבלוטיקט אויף דעם אידישן חורבן און זיך געפרייט אויף דעם בנין און צוזאַמען געאַרבעט פאַר דעם וואוילזיין פון אונזער פאָלק, ווינטש איך אַריכת ימים און גליק; מיר זאָלן זוכה זיין צוזאַמען צו פייערן די גאולה שלימה פון אונזער פאָלק און אונזער לאַנד.

10־טער דעצעמבער, 1937.

מדינת ישראל און אַמעריקאַנער אידן

ס'איז איצט מער קיין סוד ניט, אַז זינט דער גרינדונג פון מדינת ישראל מיט 4 יאָר צוריק, געפינען זיך די מערסטע אַמעריקאַנער אידן אין אַ מצב פון בלבול הדעות.

עס איז מערקווירדיק, אַז דער אויפקום פון דער אידישער מדינה האָט דעם שטאַרקסטן איינדרוק געמאַכט דווקא אויף די קאַלטע, „פאַר־בלאָנדזשעטע”, די יעניקע אידן וואָס האָבן זיך געשעמט מיט אידיש־קייט.

זיי דווקא זיינען מיט דער גרינדונג פון דער אידישער מלוכה געוואָרן שטאָלצע אידן. זיי טרעטן איצט מיט געהויבענע קעפּ, מיט אויסגעגלייכטע רוקנס און שעפּן נחת פון דעם גרויסן נס — קיבוץ גליות.

אַ היפּשע צאָל פון די דאָזיקע בעלי־תשובה זיינען געוואָרן אמתע מתמידים און זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיטן גאַנצן ערנסט אין אַלץ וואָס איז אידיש. פילע פון זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין לערנען אידישע געשיכטע און שטודירן די אוצרות פון אידישן עבר. זיי זוכן און פאָרשן די מקורות פון תורה, געוויינטלעך אין ענגלישער איבערזעצונג, בכדי אָנצוזאָגן וואָס זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַרנאַכ־לעסיקט.

מ'קען לייכט באַמערקן אַ גרויסע ענדערונג אין זייערע אויגן,

זייערע געזיכטער און אין זייערע באַוועגונגען. דער אידישער שטאָלץ שיינט אַראָפּ פון זיי און זיי דריקן אויס זייערע געפילן פון שטאָלץ אַפילו צו ניט־אידן.

צום באַדויערן מוז מען אָבער מודה זיין, אַז גראָד די „בעסערע״ אידן, די יעניקע וועלכע זיינען איבערגעגעבן בלב ונפש צו דעם רעיון פון גאולת הארץ והאומה, פילן זיך איצט אין אַ מצב פון אַפּאַטיע און אומקלאָרקייט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געטראַכט: אונזער חלום פון שיבת ציון איז דאָך פאַרווירקלעכט געוואָרן. אידן שטראָמען צו זייער באַנייטער היימלאַנד. טאָ וואָס ווייטער בלייבט איצט צו טאָן?

מיט דער גרינדונג פון מדינת ישראל זיינען אַרויפגעשוואומען נייע פּראָבלעמען: די שייכות פון מדינת ישראל מיט די אידן פון חוץ לאָרץ, דער בלבול פון די שונאי־ציון, וועלכן זיי פאַרשפּרייטן, אַז אידן זיינען מער ניט קיין לאָיאַלע אַמעריקאַנער צוליב דער אידישער מדינה און אַנדערע פּראָבלעמען. מ׳מוז צוגעבן, אַז די היסטאָרישע געשעעניש האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דעם לעבן פון אַמע־ריקאַנער אידן. אידישע פאַראַנטוואָרטלעכע פירער דאַרפן זיך פאַר־טראַכטן וועגן דעם מצב פון אַמעריקאַנער אידן.

עס פאָדערט זיך ווירקלעך ערלעכע און גאונישע פירערשאַפט צו קריסטאַליזירן דעם דאָזיקן היסטאָרישן פּעריאָד און קומען צו דער ריכטיקער אַנטשיידונג.

ס׳איז צו האָפן, אַז דאָס אַלט־יונגע אידישע פאָלק מיט טויזנטער יאָרן דערפאַרונג אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער, וועט געפינען דעם ריכטיקן וועג און ענטפער אויך צו די היינטיקע פּראָבלעמען.

אויב די גרינדונג פון דער אידישער מדינה האָט מיט זיך גע־בראַכט פּראָבלעמען פאַר די אַמעריקאַנער אידן, איז אָבער, צו אונזער גליק און צופרידנקייט, די דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש אַ ווירק־לעכער אוצר פון ליכט פאַר אידישע קינדער.

דאָס שאַפן אַ אידישע מדינה איז אַן אמתע גאולה און האַרציקע פרייד פאַר דעם יונגן אידישן דור אין אַמעריקע.

ווער פון אונז אידישע לערער און עלטערן ווייסט ניט ווי שווער עס איז געווען צו דערקלערן דעם מצב פון אידן צו אונזערע יונגע

קינדער; די פּראָבלעמען פון זאָגן זיי דעם גאַנצן ביטערן אמת און ניט פאַרלירן זייער אַכטונג און ליבע צום אידישן פאָלק.

ווי לאַנג קען מען דערציען שטאָלצע דורות אידן מיט אַ לאַנגער קייט פון יסורים, גזרות רעות, דערנידערונגען און אומצייליקע קרבנות און ערגער פון אַלץ — אָן אַנטקעגנשטעלן זיך און אָן אַ קאַמף?

ווי לאַנג קענען נאָרמאַלע אַמעריקאַנער קינדער זיך צופרידן־שטעלן מיט בלויז זכרונות פון דעם גאַנץ ווייטן עבר, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען פאַר פילע הונדערטער יאָרן איז די אידישע לאַגע פינסטער און צרות און ליידן באַגלייטן־אידן דור נאָך דור אָן אויפהער?

האָבן מיר זוכה געווען, אַז דער נס פון מדינת ישראל זאָל פאַר־קומען אין אונזער צייט פאַר אונזערע אויגן.

מיר האָבן איצט צום ערשטן מאָל במשך צוויי טויזנט יאָר די געלעגנהייט צו דערציילן אונזערע קינדער וועגן די איצטיקע מכבים, די גרויסע העלדן פון ישראל פון אונזער צייט, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן גרויסע, שטאַרק־באַוואָפנטע כוחות און זיי באַזיגט.

די ניסים פון אונזערע צייטן פאַרשטאַרקן דעם גלויבן און די ניסים ונפלאות פון די ספרי־קודש פון די אַלטע צייטן און דערמיט ווערט לייכטער דער גאַנצער פּראָצעס פון אידישן חינוך אין אַמעריקע.

לויט דעם תלמודישן כלל פון „מצוה גוררת מצוה", ווען אידישע קינדער זיינען שטאָלץ מיט זייער אָפּשטאַם, וואַקסט ביי זיי דער חשק צו לערנען און וויסן אידישע געשיכטע און מיט דעם אויך די דינים און מנהגים פון זייער פאָלק און ס'איז פאַראַן די מעגלעכקייט אַז אַ צאָל פון זיי, די בעסערע, די פעאיקערע, זאָלן אויך האָבן דעם פאַר־לאַנג צו שטודירן די רייכע קולטורעלע אוצרות פון אידישן פאָלק.

דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט מדינת ישראל איז פאַר אַן עכטער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע ניט אָפּצושאַצן. אַ גרויסער טייל משפחות האָבן שריפטלעכע פאַרבינדונגען מיט קרובים און פריינט אין ישראל, אייניקע האָבן אַ געלעגנהייט צו באַזוכן מדינת ישראל און אַ קליינע צאָל איז גרייט זיך דאָרט צו באַזעצן. דאָס אַלץ דערהויבט דעם גייסט פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קינד.

גליקלעך איז דער דור פון דערוואַקסענע וואָס האָט צו דעם זוכה געווען; פיל מער איז דער גליק און דער זכות פון די אידישע קינדער

וועלכע האָבן זוכה געווען געבוירן צו ווערן, אָנפאַנגען זייער לעבן אַלס דער ערשטער דור פון דער גאולה און דערצויגן צו ווערן אין דער היסטאָרישער תקופה פון גאולת ישראל. דאָס איז אַ זכיה וואָס אידישע קינדער האָבן ניט געהאַט פאַר צוויי טויזנט יאָר.

אונזערע קינדער זיינען דער ערשטער דור פון דער גאולה און די ערשטע שטאָלצע אידן צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן די אתחלתא דגאולה און אויפקום פון מדינת ישראל.

מיר קומען איצט צום סאַמע־עיקר. מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז דער דאָזיקער האָניק־חודש וועט ניט אייביק דויערן. ס׳איז די מענטשלעכע נאַטור, אַז אַפילו די העכסטע באַגייסטערונג האַלט ניט אָן זייער לאַנג.

די צייט דערנענטערט זיך, ווען אידן איבער דער וועלט וועלן זיך צוגעוואוינען צו דער עקזיסטענץ פון דער אידישער מדינה און וועלן אויף דעם קוקן ווי אויף אַ געוויינטלעכער און נאַטירלעכער דערשיינונג.

מיר ווילן האָפן, אַז דער בונד צווישן אידן אין ישראל און אידן פון אַנדערע לענדער וועט בלייבן אייזן־שטאַרק און אַז אידן פון אַמע־ריקע וועלן נאָכפאָלגן און העלפן אין דעם וואוקס און פראָגרעס פון דער אידישער מדינה. אָבער דער פייער פון ענטוזיאַזם וועט נאַטירלעך ביסלעכווייז אָפּגעקילט ווערן.

ווען דער דאָזיקער מאָמענט וועט קומען וועלן אונזערע אידישע שלמה׳לעך און מלכה׳לעך, אָדער ווי זיי רופן זיך דאָ אין אַמעריקע מיט גוי׳אישע נעמען, ניט מער שטאַרק באַגייסטערט ווערן פון דער גרויסער געשעעניש. זייערע אויגעלעך וועלן מער ניט שיינען ווי איצט מיט דעם הייליקן פייער פון שטאָלץ פאַר די אידישע העלדן.

דער חלום פון שיבת ציון וועט דאַן זיין בלויז דער עבר און אַלץ וועט פונקציאָנירן אויפן נאַטירלעכן וועג. דעמאָלט וועט דער פּראָבלעם פון אידישן חינוך אין אַמעריקע זיין אַן ערנסטער און שווע־רער.

די רפואה דערצו ליגט אין אונזערע הענט איצט און דאָס איז, אַז דער איצטיקער דור זאָל אין זיך איינזאַפּן אַזוי פיל ליבע און אַכ־טונג צום אידישן פאָלק און שעפּן אַזוי פיל פון די אוצרות פון תורה

און חכמה, אַז ס'זאָל זיין גענוג איבערצוגעבן צו די קומענדיקע דורות.

דער איצטיקער אַמעריקאַנער יונגער דור, וועלכער האָט זוכה געווען צו זען די ניסים פון דער גאולה און די גרינדונג פון מדינת ישראל און לעבט אין אַן אַטמאָספערע פון העלדנטום און היסטאָרישע געשעענישן, קען און מוז דערצויגן ווערן אַלס גוטע, שטאָלצע, נאַציאָנאַלע אידן און זיין די טרעגער פון תורה אין דער צוקונפט.

דער היינטיקער דור דאַרף אַרויסקומען שטאַרק בכדי ער זאָל האָבן כוח איבערצוגעבן אַכטונג צום אידישן פאָלק פאַר די קומענדיקע דורות.

אַ גרויסע אַחריות ליגט אויף דעם היינטיקן דור אידן אין אַמעריקע. לאָמיר האָפן, אַז דער דור וועט זיך אויפהויבן צו דער פאַסיקער הויך פון זיין פליכט.

סעפטעמבער 1952 — 5־טער יאָר למדינת ישראל.

שיבת ציון

אַ לעבעדיקער גרוס און איינדרוקן פון אַ באַזוך אין מדינת ישראל

איך בין זיך מודה ומתוודה, אַז די איינדרוקן וועלכע איך טייל זיך מיט אייך קומען ניט פון אַ נאַטירלעכן באַאָבאַכטן, ניין! דאָס שרייבט אַ איד, וועלכער האָט געַ'חלומ'ט און געבענקט נאָך ארץ־ישראל פון זיין קינדהייט, איבער פערציק יאָר.

איך פיל זיך אין דעם מצב פון אַ געטרייען זון, וועלכער איז געווען אין דער פרעמד און נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט זיך אומגעקערט צו זיין מוטער וואָס האָט שטאַרק געבענקט נאָך איר קינד.

פאַר מיינע אויגן שוועבט נאָך די ישראל'דיקע בלוי־ווייסע פאָן, וואָס האָט זיך פלוצלונג אַנטפּלעקט מיט איר גאַנצער פראַכט ווי דער סימבאָל פון דער אידישער מדינה, זיצנדיק נאָך אין אַעראָפּלאַן, דערנענטערנדיק זיך צו לוד, דעם אידישן פלי־פעלד. דאָס האָט מיך אַזוי

אַנטציקט, אַז אַ היסטערישער אויסגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין ברוסט און פריידיקע, הייסע טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן אָן אויפהער.

איך זע נאָך פאַר מיינע אויגן די קלאָרע בלויע וואַסערן פון ים כנרת, די געדיכטע, מינעראַל־פעטע וואַסרן פון דעם ים המלח ביי סדום, די מאַיעסטעטישע הרי יהודה און הרי ירושלים, דעם בלויען דורכזיכטיקן, אומבאַוואָלקנטן הימל פון ישראל און פילע, פילע אַנדערע אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע היסטאָרישע פלעצער ווי דער הר ציון און הר הערצל און די אַלע האַרציקע איבערלעבונגען. בלויז אַ האַרץ פון שטיין קען בלייבן גלייכגילטיק און אומפּאַרטייאיש.

עס ווילט זיך איצט, ווען איך בין צוריק אין אַמעריקע, אויסגיסן מיין האַרץ און טיילן זיך מיט מיינע אַמעריקאַנער ברידער, כאָטש טיילווייז, מיט דעם וואָס איך האָב דאָרט געזען, געהערט און געפילט אין די 5 וויכטיקסטע און שענסטע וואָכן פון מיין גאַנץ לעבן.

דאָס איז באמת געווען גאָר אַ קורצע צייט פאַר מיר און מיין ליבער פרוי און פאַר מיין טאָכטער און איידעם, וועלכע וואוינען אין ירושלים און האָבן זיך געפרייט מיט אונזער באַזוך, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין געשעענישן פון דעם מאָמענט וואָס מיר האָבן באַטראָטן דעם הייליקן באָדן ביז דער שטונדע פון פאַרלאָזן און מאָמענט ווען אונזער אַעראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן אָפּצופליען קיין חוץ לארץ.

דאָס לאַנד

דאָס לאַנד פון מדינת ישראל איז קליין אין שטח. די לענג פון צפון צו דרום איז אַרום 260 מייל מאַקסימום און פון מערב צו מזרח ניט מער ווי אַרום 70 מייל און אַ טייל פיל ווייניקער. דאָך מאַכט עס דעם איינדרוק פון אַ גרויס לאַנד, אַדאַנק די רייכע פאַרשידנאַרטיקייטן: די הויכע בערג אין גליל גרייכן ביז אַרום 4,000 פוס די הויך אָבער דערפאַר איז דאָס פלאַך־לאַנד ביים ים המלח דאָס נידעריקסטע אין דער וועלט.

דער קלימאַט איז דעריבער אויך פאַרשידנאַרטיק. בלויז אַ פּאָר שטונדע רייזע מיטן באָס ענדערט זיך דער קלימאַט פון זייער הייס

צו גאַנץ קיל. ווען אין תל־אביב איז מורא׳דיק הייס, איז אין ירוש־לים אָנגענעם קיל.

מ׳קען צו יעדער צייט פון יאָר געפינען אין ארץ־ישראל אַן אָרט צו פילן זיך באַקוועם און אָנגענעם. אויך די לאַנדשאַפט איז פאַר־שידנאַרטיק און קאָלירפול. אַט באַווייזן זיך פאַר אייערע אויגן פעטע פעלדער, פרדסים, גערטנער, פרוכטבאַרעביימער, פראַכטפולע בלומען און באַלד, אַביסעלע ווייטער, שפרייטן זיך אויס פאַר די אויגן לאַנגע שטרעקעס פון הויכע זאַמדיקע בערג און נאַקעטע פעלזן ווי אין אַ מדבר.

דער אמת איז, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען אַ וויסטעניש פון נאַקעטע בערג, פעלזיקע שטיינער און זאַמד. אונזערע חלוצים זאָלן געבענטשט זיין, די פרומע ווי די פרייע, האָבן מיט ליבע און געטריישאַפט שווער און ביטער געהאָרעוועט און פאַר־וואַנדלט דעם גרויסן מדבר אין אַ גן־עדן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן דורך די אידעאַליסטישע חלוצים מיט דער הילף פון די פאָנדן, גע־שאַפן דורכן קרן קיימת און אַנדערע פאָנדן מערסטנס ביי אַמעריקאַנער אידן.

גרויסע פּלענער ווערן געמאַכט צו פאַרוואַנדלען דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ פרוכטבאַרער מדינה אין דער נאַטער צוקונפט.

די באַפעלקערונג

דער גרעסטער טייל פון דעם איבער אַ מיליאָן און אַ האַלב אין ישראל, זיינען, טראָץ אַלע שוועריקייטן גליקלעך און צופרידן. ס׳איז ניט קיין אונטערשייד צו וועלכן זרם זיי באַלאַנגען. עס איז גוט זיי צו זען ווי זיי טרעטן מיט פעסטע טריט און אויפגעהויבענע קעפּ.

די עקסטרעם־פרומע אין זייערע חסידישע שטריימלעך, לאַנגע קאַפאָטעס מיט גאַרטלען, לאַנגע בערד און פאות, פילן זיך אין דער היים. זייער צופרידנקייט און באַגייסטערונג אַנטפּלעקט זיך אין זייערע באַוועגונגען. מ׳קען קלאָר זען דערביי דעם פּסוק „כל עצמותי תאמר־נה״, זייער שמחה און גליק וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו לעבן אין הייליקן לאַנד.

אויך די גאַנץ פרייע אין זייערע קורצע הייזקעס פילן זיך דאָ

ווי אמת׳ע בני־חורין — שטענדיק מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן און גאַנץ אָפט מיט אַ זמרל און אַ טענצל.

די אידישע קינדער אין ישראל — די טייערע, חנ׳עוודיקע און געראָטענע — זיינען אַן צווייפל די שטאָלצסטע און גליקלעכסטע אידישע קינדער אין דער וועלט.

עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אַ צאָל אידן, מערסטנס פון די נייע עולים, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט שווערע טענות קעגן די ישראל־פירער. דאָס זיינען גראָד די יעניקע וואָס האָבן אַממערסטן געליטן אין די גלות־לענדער און וועלכע האָבן זיך על־פּי נס געראַטעוועט פון די גאַז־אויוונס. זיי האָבן דערוואַרט, אַז נאָך די שרעקלעכע ליידן און יסורים וועלן זיי אויפגענומען ווערן מיט אָפענע אָרעמס און וועלן באַזאָרגט ווערן מיט באַקוועמע הייזער, גוטע שפּייז און אַלע אַנדערע באַקוועמלעכקייטן.

צום באַדויערן, איז זייער חלום און דערוואַרטונג ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. פילע טויזנטער פון זיי האָבן זיך טאַקע פיין איינגעאָרדנט, אָבער אַ סך מער געפינען זיך צום באַדויערן אין אַ זייער ניט־צופרידנשטעלנדיקן מצב און זיי ליידן נויט און שרעקלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן אין זייערע אָרעמע צריפים און זיי, די אָרעמע, פאַרלירן זייער געדולט.

זיכער זיינען אין דעם ניט שולדיק די פירער פון מדינת ישראל, וועלכע זיינען מאַכטלאָז צו פאַרבעסערן זייער לאַגע אָן דער גענוגנדיקער הילף פון אידן איבער דער וועלט און בעיקר פון אַמעריקאַנער אידן, וועלכע, מיט עכטער אַנשטרענגונג, זיינען בכוח צו פאַרבעסערן די שרעקלעכע לאַגע פון די אומגליקלעכע איינוואַנדערער.

שבת, כשרות און אַנדערע רעליגיעזע ענינים

פון די 5 שבתים וואָס מיר האָבן געוויילט אין מדינת ישראל, האָבן מיר פאַרבראַכט 3 אין ירושלים, וואו אונזער טאָכטער און איידעם וואוינען, איין שבת אין רמת־גן — אַ פאַרשטאָט פון תל־אביב — און איינעם אין אַ רעליגיעזן קיבוץ, כפר דרום.

דער שבת אין ירושלים האָט נישט צו זיך קיין גלייכן איבער דער

גאַנצער וועלט. ער איז כולו קודש. אַלע געשעפטן שליסן זיך פרייטיק נאָכמיטאָג, די אויטאָבוסן און טעקסיס ווערן אָפּגעשטעלט, די אַמור־זירונגס־פּלעצער און טעאַטערס עפענען זיך ניט ביז מוצאי שבת.

פרייטיק נאָכמיטאָג זעט מען איבעראַל ווי מענער און פרויען איילן זיך אַהיים טראָגנדיק בלומען לכבוד שבת. אַ טראָמפּעט ווערט געבלאָזן אַ צייט פאַר ליכט־בענטשן, אָנזאָגנדיק, אַז די שבת־פריג־צעסין קומט, און די שולן ווערן אָנגעפּאַקט מיט מתפללים.

איך האָב געפונען די גרויסע שול „ישורון" אין ירושלים פרייטיק אָוונט אָנגעפילט מיט מתפללים ווי די אַמעריקאַנער שולן צו „כל־נדרי".

שבת פרי זיינען אַרום 40 כהנים אַרויפגעגאַנגען דוכנ׳ען צו שחרית און מוסף. אַ גרויסער עולם פאַרזאַמלט זיך צום בלאַט גמרא, עין יעקב, משניות און אויך צו הערן באַלערנדיקע מאָדערנע לעקציעס, פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ ווערט געלערנט אין אַ פליסיקן העברעאיש אין דער ספרדישער הברה.

אין רמת־גן, וואוהין מיר זיינען געווען איינגעלאַדן צו אַ בר־מצוה־פייערונג, איז שבת די גרויסע שול געווען געפּאַקט, ווי אין די אַלטע צייטן אין רוסלאַנד, און ס׳האָט זיך געפילט אמת־שבת׳דיק.

אין קיבוץ כפר דרום, וואוהין מיר זיינען געווען איינגעלאַדן דורך פריינט פון סט. לואיס, ווערט דער שבת אָפּגעהיט און געפּראַוועט פולקאָם.

מ׳האָט אונז געזאָגט, אַז אַפילו אין די „פרייע" קיבוצים ווערט דער שבת אָפּגעהיט אַלס אַ רו־טאָג, אַלע זיינען שבת׳דיק געקליידט און פייערן דעם שבת מיט גוטע מאָלצייטן און בלומען — אויף זייער אופן.

דער ענין פון כשרות אין ישראל איז שטאַרק איבערטריבן אין אַמעריקע. פאַראַן אין ישראל גענוג כשר׳ע רעסטאָראַנען פאַר אַלע וועלכע ווילן עסן כשר. רעליגיעזע אידן אין אַמעריקע קענען פיל מתקן זיין, ניט דורך פּראָטעסט־מיטינגען אין אַמעריקע, נאָר דורך אַקטיווע מעשים אין ישראל.

די שאַרפע פּראָבלעמען פון רעליגיעזן חינוך און גיוס נשים, וועגן וואָס עס טומלט זיך אין אַמעריקע, האַלט ביי אַ צופרידנשטעלנ־דיקער אָנטשיידונג.

העברעאיש און קולטור

דער צווייטער גרעסטער נס נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל, איז די אויפלעבונג פון העברעאיש אַלס די לעבעדיקע, טאָג־טעגלעכע שפּראַך.

מ׳ווערט ממש אַנטציקט ווען מ׳הערט ווי יונג און אַלט איבעראַל באַנוצן זיך מיט העברעאיש. עס לעבט ממש אין דער לופט, אויף די ווענט און אין די גאַסן. העברעאיש אין מדינת ישראל איז ווי ענגליש אין ענגלאַנד און פראַנצויזיש אין פראַנקרייך.

ס׳האָט זיך מיר געוואָלט אַרומכאַפּן און צודריקן צו זיך דעם אַלטן פּאַטריאַרכישן רב, וועלכער האָט אין דער ישורון שול יעדן פרימאָרגן אין אַ לעבעדיקן, שיינעם העברעאיש אין דער ספרדישער הברה דערקלערט אַ שווערע סוגיא אין דער גמרא; און אויסקושן די אברים׳לעך פון דעם קליינעם חנ׳עוודיקן אינגעלע אין אַ פּאַרק אין תל־אביב, ווען ער האָט מיר דערקלערט זיין שפּיל אין אַ נאַטירלעך־פליסיקן, קינדערשן העברעאיש.

די פּראַכטפולע אויסדרוקן פון תנ״ך, תלמוד, מדרשים און פון אַנדערע אַלטע הייליקע מקורות זיינען אין מדינת ישראל לעבעדיק געוואָרן און ווערן באַנוצט טאָג טעגלעך דורך די אויטאָבוסן־שאָפערס, באַרבערס און אויף אָפישן און טירן פון געשעפטן.

די טעגלעכע צייטונגען און זשורנאַלן פון אַלע מינים און ספרים — די ספרי קודש און אויך ספרי חול — וואָס ווערן פאַרקויפט אין מדינת ישראל מער ווי ערגעץ אַנדערש, באַרייכערן די העברעאישע שפּראַך.

די פּאָליטישע לאַגע

פאַר אַ זייטיקן באַאָבאַכטער זעט אויס דער קאַמף צווישן די פילע פּאַרטייען אין ישראל — אַ שאַרפער און ביטערער. אָבער ווען מ׳איז לענגער אין לאַנד געפינט מען אויס, אַז ס׳איז ניט שרעקלעך.

קיין סקאַנדאַלן זיינען אין כנסת ניט פאָרגעקומען. די שווערסטע פּראָבלעמען ווערן באַהאַנדלט מיט ישוב הדעת, לויט אַלע פאַרשריפטן פון דעמאָקראַטיע.

דער לעבעדיקער, שאַרפזינקער כנסת־פאָרזיצער שפּרינצאַק איז

פעאיק אויסצוגלייכן אַלע סכסוכים. אַלע באַאַמטע און רעגירונגס־אַנגעשטעלטע זיינען ערלעך און איבערגעגעבן באמונה צו זייערע פליכטן.

די אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן ליגן אין גוטע, קאָמפּעטענטע הענט. דאָס אידישע מיליטער און די קאָמאַנדירן פון דער אַרמיי זיינען אינטעליגענט און פּאַטריאָטיש. די יונגע זעלנער, מענער און פרויען, האָבן צוטרוי צו די מיליטערישע כוחות און זיינען פעאיק צו האַנדלען שנעל און זיכער, פונקט ווי זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין די שלאַכטן קעגן גרויסע באַוואָפנטע כוחות.

עס פּאַסירן פון צייט צו צייט קליינע צוזאַמענשטויסן ביי די גרענעצן, אָבער כמעט שטענדיק קומט דער ישראל־צד אַרויס דער זיגער.

יעדנפאַלס איז עס אַ פאַקט, אַז ניט נאָר זיינען די זעלנער אומ־דערשראָקן און מוטיק, נאָר אַלע אידן אין ישראל ווייסן ניט פון קיין מורא און פחד.

די אידישע רעגירונג טוט אַלץ אָנצוהאַלטן רואיקייט און אָרדע־נונג; זי דערלויבט ניט קיין איבערטריבענעם שאָוויניזם און באַהאַנדלט אַלע איינוואוינער פון ישראל מיט צדק און יושר אָן אונטערשייד פון ראַסע און גלויבן.

מוסדות און אָרגאַניזאַציעס

מדינת ישראל, און איבערהויפּט ירושלים, איז פאַרפלייצט מיט כל־מיני אינסטיטוציעס; מערסטע פון זיי — אין אַ גלענצנדיקן מצב. איר באַגעגנט אויף יעדן שריט שולן, בתי־ספר, ישיבות, בתי־חולים, בתי־יתומים, מושבי־זקנים, ווי אויך דערציאונגס־אַנשטאַלטן פאַר תורה און מלאכה, היימען פאַר קינדער און דערוואַקסענע אד"גל.

כמעט אַלע מוסדות זיינען געגרינדעט געוואָרן און ווערן אויפ־געהאַלטן פון פאָנדן, געזאַמלט מערסטנס ביי אַמעריקאַנער אידן דורך מיטגלידער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס ווי הסתדרות, פּיאָנערן־פרויען, הדסה, מזרחי, הפועל המזרחי, מזרחי־פרויען, אַלגעמיינע ציוני־סטן, בני־ברית, ווי אויך דורך די עקסטרעם־רעליגיעזע גרופּן ווי אגודת־ישראל און פועלי־אגודת־ישראל.

עס זאַמלען אויך פאַנדן מיטגלידער פון לאַדזשעס, לאַנדסמאַנ־שאַפטן און אַנדערע אומפּאַרטייאישע גרופּן.

מיר האָבן באַזוכט אַ סך אַנשטאַלטן און געפונען די מערסטע פון זיי אין די הענט פון באַגאַבטע אָנפירער, איבערגעגעבענע בלב ונפש.

די קיבוצים פון פאַרשידענע זרמים זיינען וואונדערבאַר. זיי זיינען ניט נאָר פון די לינקע אַרבעטער־גרופּן — ווי פילע מיינען — נאָר אויך פון די רעליגיעזע הפועל המזרחי און פון די זייער פרומע אגודת־ישראל־גרופּן און חסידישע קאָאָפּעראַטיוון. די מערסטע פון זיי זיינען דערפאָלגרייך.

די איבערגעגעבנקייט פון די מיטגלידער איז אומשאַצבאַר. אין די דאָזיקע קיבוצים און מושבים לעבן די חברים און חברות באמת לויט דעם „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״. דאָס איז ווירק־לעך אַ פּרעכטיק קאַפּיטל פונעם ישוב ארץ־ישראל.

ווי דער פּרעזידענט פון סט. לואיסער מזרחי האָב איך, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, געהאַט אַ ספּעציעלן אינטערעס צו זען און שטודירן די אַרבעט און דערגרייכונגען פון אונזער באַוועגונג און דעם פּראָג־רעס פון דער רעליגיעזער תורה־אַנטוויקלונג בכלל אין מדינת ישראל.

פיל צייט האָב איך גענומען צו דיסקוטירן די דאָזיקע ענינים מיט מיין אַלטן פריינט און חבר ר׳ אריה לייב געלמאַן, יושב־ראש פון מרכז העולמי, וועלכער האָט זוכה געווען זיך צו באַזעצן מיט זיין פאַמיליע אין ירושלים, אויך מיט מר שרגאי, דער ערשטער שטאָט־מעיאָר פון ירושלים, משה שאַפּיראָ, אַ שר אין דער רעגירונג, און אַנדערע וויכטיקע פירער פון מזרחי און הפועל המזרחי.

מיר האָבן אויך באַזוכט אַ צאָל מוסדות און רעליגיעזע קיבוצים: כפר בתיה אין רעננה, די שענסטע און גרעסטע קינדער־היים גע־גרינדעט דורך די מזרחי־פרויען אין אַמעריקע, ישיבת תורה ומלאכה אין כפר אברהם, ישיבת בני עקיבא און די פּראַכטפולע קינדער־היים „יקיר״, ביידע אין כפר הרואה לזכרון פון דעם הייליקן, באַרימטן רב הכולל הרב ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל; אויך אַ צאָל קיבוצים פון הפועל המזרחי ווי בארות יצחק, כפר דרום, כפר חסידים און אַנדערע, וואו מיר האָבן געשעפּט פיל נחת.

ס׳איז ניט מעגלעך אַריינצוגיין אין פּרטים פון אַלע אויפטואונגען

פון די רעליגיעזע ציוניסטן. די דערגרייכונגען שליסן איין קיבוצים, מושבים, קינדער־היימען, הייזער פאַר אַרבעטער, יוגנט־אַנשטאַלטן, עלעמענטאַרע בתי־ספר, מיטל־שולן, לערער־סעמינאַרן, גני־ילדים, ישיבות, מקוואות, אַנשטאַלטן פאַר חיזוק התורה, קולטור־צענטערן, באַנקן און אַנדערע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס און אַלע סאָרטן געשעפט־פּראָיעקטן, קאָאָפּעראַטיוון און שיכונים פון מאָדערנע, באַקוועמע וואוינונגען.

צו דעם דאַרף מען נאָך צושטעלן די וויכטיקע פּאָליטישע אַרבעט אין דער כנסת און אין רעגירונגס־אָפּטיילונגען, בכדי צו העלפן אינעם קאַמף פאַר אַ רעליגיעזער מדינת ישראל.

אין דער צייט ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, זיינען נאָך דער מזרחי און הפועל המזרחי צוויי באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, כאָטש די אידעאָלאָגיעס פון ביידע פּאַרטייען גייט צוזאַמען.

פאַראַן פאַמיליע־צוזאַמענשטויסן צווישן מזרחי און הפועל המזרחי פון צייט צו צייט. ס'איז אָבער זיכער, אַז עס וועט געפונען ווערן אַ וועג אויף אויסצוגלייכן די פּרטים וואָס צעטיילן די צוויי פּאַרטייען און פאַראייניקן אָט־די ביידע רעליגיעזע גרופּן אין איין שטאַרקער, איינפלוסרייכער באַוועגונג אין דער נאָנטער צוקונפט.

די עקאָנאָמישע לאַגע

איך האָב דעם דאָזיקן שווערן, אומאָנגענעמען פּראָבלעם איבערגעלאָזט אויף צום סוף פון מיין באַריכט, ווייל איך האַלט, אַז די־אָ פראַגע איז די וויכטיקסטע און אַנגעווייטיקטסטע אינעם לעבן פון מדינת ישראל אין איצטיקן מאָמענט און ס'איז כדאי צו געדענקען, אַז די לייזונג פון דאָזיקן פּראָבלעם איז אין די הענט פון אַמעריקאַנער אידן.

מיר האָבן אין די 5 וואָכן פון אונזער באַזוך אין מדינת ישראל געלעבט ניט ווי אַמעריקאַנער טוריסטן, פאַר וועמען מען גרייט־צו פון אַלעם גוטן, אַז זיי זאָלן לעבן רחבות'דיק און ס'זאָל זיי ניט פעלן קיין זאַך אין שפּייז און אין באַקוועמלעכקייטן, טראָץ דעם שווערן לעבן פון דער באַפעלקערונג.

איך און מיין פרוי האָבן באַשלאָסן אויפצופירן זיך ווי די איינ־וואוינער פון ישראל: עסן די זעלבע אָרעמע, באַשרענקטע שפּייזן און ניט באַנוצן זיך מיט די ספּעציעלע פּריווילעגיעס פון אַמערי־קאַנער טוריסטן. מיר האָבן געטאָן אַלץ צו פירן דעם זעלבן אָרט־לעבן ווי די אידן אין ישראל, וואָס ליידן אין דער דאָזיקער שווערער צייט.

מיר זיינען דערפאַר קאָמפּעטענט צו ריידן און שרייבן אין דעם ענין פון עקאָנאָמישן לעבן פון דער ארץ־ישראל־באַפעלקערונג אין דער צייט פון אונזער באַזוך.

צום באַדויערן איז עס אַ טרויעריקער פאַקט, אַז דער איצטיקער לעבן פאַר דער ישראל־באַפעלקערונג איז זייער אַ שווערער.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ אַריינצוגיין אין די איינצלהייטן פון די סיבות צו דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע און פאַרוואָס עס פעלן ממש אויס די נויטיקסטע שפּייז און דירות. דער פאַקט איז, אַז כמעט אַלע פאַמיליעס אין ישראל לעבן אין גרויס דחקות און אָן דער עלע־מענטראַסטער, נוטיקסטער באַשפּייזונג.

צוזעענדיק זייער לאַגע האָבן מיר געפילט ביטער קעגן אונזערע אַמעריקאַנער אידן, באַזונדערס קעגן די טענות פון די רעליגיעזע אידן בנוגע פרומקייט אין ארץ־ישראל.

די פּראָטעסטן אין אַמעריקע קעגן די ניט־כשר׳ע רעסטאָראַנען אין ישראל זיינען געווען ווי זאַלץ אויף די וואונדן. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט די ביטערע איראָניע פון דעם וואָס אַמעריקאַנער אידן, די זאַטע וואָס זיצן אויפן גרויסן, פעטן סיר הבשר האָבנדיק פון כל־טוב — קריטיקירן די הונגעריקע ישראל־באַפעלקערונג אין דעם ענין פון כשרות און שמירת־שבת.

צום אַלעם ערשטן וואָלטן די זעלבע פּראָטעסטירער געדאַרפט זען אַז די באַפעלקערונג אין ישראל זאָל האָבן אַ שטיקל פלייש, אַן עוף און אַן איי כּאָטש לכבוד שבת.

טראָץ דער איצטיקער שווערער לאַגע אין מדינת ישראל, איז די באַפעלקערונג פול מיט בטחון אַז אַלע פּראָבלעמען וועלן מיט דער צייט געלייזט ווערן, אַז ישראל וועט זיין אַ וואונדערבאַר אידיש לאַנד, מיט וועלכן אידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן זיין שטאָלץ.

דערווייל אָבער מוזן אַמעריקאַנער אידן זיך אָנשטרענגען צו געבן

פיל הילף סיי צו יחידים און משפחות אין ישראל און סיי באַדייטנדיקעביישטייערונגען צו די פאָלקס־פאָנדן, קויפן באָנדס, זאַמלען גרעסערע סומען פאַר דעם קרן קיימת און קרן היסוד און שטאַרקן די הענט פון אונזערע טייערע ברידער און שוועסטער אין מדינת ישראל.

סעפּטעמבער 1953, ערב ראש השנה ה׳תשי״ד — 6־טער יאָר למדינת ישראל.

מדינת ישראל און רעליגיע

צום אַלעם ערשטן מוז אויפגעקלערט ווערן אַ קאַרדינאַלער טעות וועגן דער באַדייטונג פון רעליגיע אין ישראל.

די יעניקע וואָס באַקעמפן אידישע טראַדיציעס אין ישראל ווילן באַוואוסטזיניק אָדער אומוויסנדיקערהייט פאַרבלענדן די אויגן פון די מאַסן און זיי איינשמועסן, אַז אויב רעליגיעזע אידן וועלן האָבן די אויבערהאַנט אין מדינת ישראל, וועט מען אַוועקנעמען די פרייהייט פון די איינוואוינער און אַרויפצווינגען אויף אַלעמען צו זיין פרום און מענטשן וועלן באַשטראָפט ווערן פאַר עובר זיין אויף די געבאָטן.

דער אמת איז, אַז אויסער דער קליינער צאָל פאַנאַטיקער ווי די „נטורי קרתא״ איז קיינער פון די רעליגיעזע אידן וואָס באַטייליקן זיך אין בנין הארץ, האָט ניט אין געדאַנק אַרויפצוצווינגען פרומקייט אויף איינצלנע מענטשן.

זיי פאַרשטייען, אַז דער וועג פון דערנענטערן אידן צום אידישן דת און טראַדיציעס איז אַ לאַנגזאַמער און רעזולטאַטן קענען דערגרייכט ווערן דורך אויפקלערונג.

דער זיכערסטער מיטל דערצו איז: חינוך הבנים פון דעם יונגן דור און דורך לעקציעס, פאַרזאַמלונגען און שטודירן די רייכע אוצרות פון אידישן תורה־לערנען.

רעליגיעזע ציוניסטן גלויבן, אַז פילע טויזנטער אידן וואָס לעבן אין ישראל זיינען טיף אין האַרצן לאָיאַל צו טראַדיציע, נאָר צוליב פאַרשידענע אומשטענדן זיינען זיי אַוועק פון אידישקייט און אַז מיט ערנסטער מי פון די רעליגיעזע פירער קען מען זיי צוריקברענגען צום אידישן מקור.

די איינציקע פּאָזיטיווע שטעלונג, וואָס די טראַדיציאָנעלע אידן האָבן בנוגע דעם לעבן פון מדינת ישראל איז, אַז דער אָפיציעלער פֿאָלקס־לעבן אויסער פּריוואַטע היימען, ווי למשל די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, די מיליטערישע מחנות, פּובליק־פּלעצער און מסחר, זאָלן זיך פירן אויף אידישע טראַדיציאָנעלע יסודות און אָפּהיטן כשרות, שבת, יום־טוב און ענלעכע פונדאַמענטאַלע טראַדיציאָנעלע רעגולאַציעס.

רעליגיעזע אידן פון אַלע לענדער פילן אַז זיי האָבן אַ רעכט און אַ חוב צו פאָדערן, אַז מדינת ישראל זאָל זיין אַ „אידיש" לאַנד ניט ווייניקער ווי די פרייע אַמעריקאַנער רעפּובליק איז אַ קריסטלעך לאַנד און אַז אידישע טראַדיציעס זאָלן זיין די יסודות פון דער אָפּי־ציעלער מדינת ישראל.

מיר האָבן אויף אַן אַנדער אָרט אָנגעוויזן אַז טראָץ דער פונאַנ־דערטיילונג פון רעליגיע און שטאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דער גייסט פון אַמעריקאַנער לעבן אַ קריסטלעך־רעליגיעזער און אַז נאָך היינט עקזיסטירן שטרענגע געזעצן קעגן פאַרשוועכן די זונטיק־רו. די אַטמאָספערע פון זונטיק און די קריסטלעך־הייליקע פייערטעג הערשט אויף אַ ווירקזאַמען אופן.

ס'איז דעריבער ניט צופיל צו פאָדערן אַז דער אָפּיציעלער היי־ליקער אידישער שבת, דער יום מנוחה, זאָל רעספּעקטירט ווערן און זאָל אין דער אידישער מדינה אָפּגעהיט ווערן אין דער עפנטלעכקייט.

אויך די אַנדערע הייליקע טעג — די אידישע ימים טובים — וועלכע, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער אָרט, זיינען סימבאָלן פוןביידע — רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט — זיי דאַרפן געפייערט ווערן און אָפּגעהיט ווערן אויף אַ פעסיקן טראַדיציאָנעלן אופן.

דאָס פאַמיליע־לעבן, וואָס איז דער שטאָלץ פון אידן במשך אַלע דורות און אויף וועלכן ניט־אידן האָבן אונז מקנא געווען פאַר דער שיינקייט, ריינקייט און צניעות, וואָס איז צעשטערט און פאַרשוועכט געוואָרן אין די גלות־לענדער אין דער לעצטער צייט, דאַרף נאָך אַמאָל אויפגעלעבט ווערן און אַלע יעניקע וואָס ווילן אָנהאַלטן די שיינקייט פון אידישן פאַמיליען־לעבן, זאָלן האָבן די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן אין זייער אייגן לאַנד.

דער אידישער טיש, וואָס איז במשך פון אַלע דורות געהאַלטן געוואָרן ריין פון אַלע אומריינע שפּייזן און וועלכער איז פאַראומרייניקט געוואָרן מיט טריפה מאכלים צוליב די אומשטענדן אין די גלות־לענדער לעבנדיק ווי אַ מינדערהייט און ניט קענענדיק ביישטיין דעם נסיון פון דער מערהייט — אַט־דער אידישער טיש דאַרף על־פּי יושר קריגן זיין תיקון אין ארץ־ישראל און צוריק ריין ווערן אָפיציעל.

עס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע זינד, ווען אידן וועלכע זיינען געווען אָפּגעהיט אין כשרות אונטער די שווערסטע באַדינגונגען און האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם אין אַנדערע לענדער בכדי ניט צו פאַראומרייניקן זייערע קערפּערס און נשמות מיט טריפה׳נע מאכלים — זאָלן איצט, אין ארץ־ישראל, געשטרויכלט ווערן און זיך אומריין מאַכן מיט פאַרבאָטענע מאכלים אין דעם אייגענעם אידישן לאַנד.

אויב געוויסע אידן זיינען שוין צופיל ציוויליזירט פאַר אַזעלכע „נאַרישקייטן״, דאַרפן אַמוויניקסטן די אָפיציעלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, ווי די אַרמיי, די פּובליק־אינסטיטוציעס און די רעסטאָראַנען זיין כשר.

טראַדיציאָנעלע אידן גלויבן, אַז אַזעלכע מינימאַלע פאָדערונגען אַלס געזעצן קענען ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרלעצונג פון דע־מאָקראַטישע פּרינציפּן.

יעדער פּריוואַטער מענטש האָט אַ רעכט אַפילו אין ארץ־ישראל זיך אויפצופירן ביי זיך אין דער היים ווי אים געפעלט, און קיינער האָט ניט קיין רעכט צו דיקטירן די אויפפירונג פון יחידים פּריוואַט.

די געזעלשאַפט האָט אָבער אַ פּולקאָמע רעכט און פליכט צו פאַר־זיכערן, אַז די יעניקע אידן וואָס ווילן לעבן אַ אידיש־טראַדיציאָנעל לעבן אין אַ אידיש לאַנד, זאָל ניט געשטערט ווערן און געשטרויכלט ווערן דורך אָפיציעלן הילול־שבת און פאַרשוועכונג פון אַנדערע פונ־דאַמענטאַלע רעגולאַציעס אויף דער אידישער גאַס אין אידישן לעבן.

עס טאָר ניט געמאַכט ווערן דער זעלבער פאַטאַלער טעות וואָס די ערשטע אידישע אימיגראַנטן קיין אַמעריקע האָבן געמאַכט, וועלכע האָבן אויסגערעכנט: אַזוי ווי אַמעריקע איז דאָך אַ פרייע מדינה,

איז על־פּי שכל אַלץ פריי, און מען דאַרף זיך אויך באַפרייען פון דעם יאָך פון תורה און מצוות.

זיי, די אומוויסנדיקע אידישע אימיגראַנטן, האָבן באַשלאָסן אָנ־צוהויבן אַ ניי לעבן וואָס זאָל זיין פריי פון היטן שבת און יום־טוב, פריי פון אַלע טראַדיציעס וואָס זיינען הייליק געווען ביי אידן אין אַלע דורות.

אַט־דער פאַלשער שריט איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר אידישקייט אין אַמעריקע. עס האָט גענומען עטלעכע דורות צוזאַמען מיט דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע אין איראָפּע דורך דער צייט פון דער מורא׳דיקער וועלט־מלחמה און די אומבאַשרייבלעכע בלוטיקע האַנדלונגען פון היטלערן און די נאַציס ימח שמם, אַז אַמעריקאַנער אידן זאָלן איינזען דעם מורא׳דיקן טעות וואָס זיי האָבן געמאַכט און ביסלעכווייז זיך צוריק־געקערט צום אידישן מקור.

דער דאָזיקער פאַטאַלער טעות טאָר ניט געמאַכט ווערן איצט ווען אידן גייען צוריק אַהיים אין אידישן לאַנד, כאָטש ס׳איז אַ דע־מאָקראַטיש לאַנד, ס׳טאָר אָבער ניט זיין קיין הפקר־לאַנד.

ווען די ערשטע אַמעריקאַנער אידישע אימיגראַנטן האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון אידישקייט, האָבן זיי געהאַט דעם תירוץ, אַז אַמעריקע איז אַ ניט־אידיש לאַנד און זיי, אַלס אַ קליינע מינדערהייט צווישן אַזויפיל ניט־אידן, מוזן נאָכטאָן די באַפעלקערונג בכדי צו קענען עקזיסטירן און מאַכן אַ לעבן. זייער אויפפירונג קען מען אפשר פאַר־טיידיקן און זיי דן זיין לכף זכות.

דער תירוץ פון אַמעריקאַנער אידישע אימיגראַנטן פאַלט אינ־גאַנצן אַוועק פאַר די עולים און דער באַפעלקערונג אין מדינת ישראל. זיי זיינען זייערע אייגענע בעלי־בתים און אַ באַפעלקערונג פון 90 פראָצענט אידן מיט אַ אידישער רעגירונג און קיין שום שטערונג איז דאָרט ניטאָ פון ניט־אידן.

די באַפעלקערונג פון מדינת ישראל טאָר ניט פאַרוואָרפן די היי־ליקע טראַדיציעס, דעם שבת און יום־טוב. זיי, וועלכע האָבן זוכה געווען צו קומען אַהיים, דאַרפן פאַרשטאַרקן זייער בונד מיט דעם אידישן עבר און מיט זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער.

אידישע
דערציאונג
אין
אַמעריקע

ציוניסטישע באַגייסטערונג און חינוך

שוין אַ לאַנגע צייט, אַז דער נאַציאָנאַלער געפיל האָט ניט געשלאָגן אַזעלכע טיפע וואָרצלען ווי אין דער איצטיקער צייט.

די אידישע מאַסן זיינען היינט דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן, ערנסטן, נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און מיט אַ שטאַרקן געפיל פון ליבע און אַכטונג צו אַלץ וואָס איז אידיש.

דער פּראָצעס פון פאַראייניקן און פאַרשטאַרקן אַמעריקאַנער אידן פון אינעווייניק אַדאַנק דער ציוניסטישער באַוועגונג, גייט שוין אָן אין פאַרלויף פון עטלעכע צענדליק יאָרן מיט גרויס דערפאָלג. די ביטערע לאַגע פון אידן אין דער לעצטער צייט האָט דער באַוועגונג געגעבן אַ שטויס פאָראויס. דאָס וואָס די שונאי ישראל האָבן זיך לעצטנס פאַרמערט און אויפגעהויבן זייערע קעפּ, האָט נאָך מער אויפגעוועקט דאָס אידיש-נאַציאָנאַלע געפיל און פאַרשטאַרקט די אַחדות פון אידישן פאָלק.

דער ציוניזם, וואָס איז אין צענטער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָט פאַרכאַפּט די אידישע גאַס, די אויגן פון מיליאָנען אידן זיינען געווענדעט צו ארץ-ישראל אַלס זייער איינציקע האָפענונג.

ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אין די ציוניסטישע רייען פון אַלע שאַטירונגען פילט זיך אַ לעבעדיקע טעטיקייט נישט בלויז אין געלט-זאַמלונג, נאָר אויך אויף דעם געביט פון קולטור.

דאָס איז אַ נייע ווענדונג אין ציוניזם. די פירער הויבן אָן צו פאַרשטיין, אַז ניט נאָר זיינען פאָנדן נויטיק פאַר דעם בנין הארץ, נאָר אויך דאָס האַרץ און באַגייסטערונג פון די אידישע מאַסן און אַז דאָס קען דערגרייכט ווערן דורך לערנען און אויפקלערן דעם ציון-אידעאַל און געדאַנקען-גאַנג. ווייל נאָר אויף אַזאַ וועג קען דער ציוניזם ווערן געקרוינט מיט די נויטיקע רעזולטאַטן פאַר דעם בנין פון פאָלק און לאַנד.

אַט-דער נייער גייסט צייכנט זיך אויס אין די אַרבעטער און די פירער פון דער באַוועגונג. די פאַרזאַמלונגען ווערן דורכגעפירט

אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופן; די מיטינגען זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ געזונטן, באַלערנדיקן ציוניסטישן גייסט; עס ווערן אַפילו געמאַכט פאַרזוכן צו גרינדן און אָנפירן יוגנט־פאַראיינען צו שטודירן אידישע פּראָבלעמען און אָנטיילנעמען אין אַקטיווער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל.

צום גרויסן באַדויערן, קענען די אָנשטרענגונגען און שווערע אַר־בעט קיין דערפאָלג ניט האָבן. ווייל דער גאַנצער בנין איז אָן אַ פעסטן פונדאַמענט. די ברייטע פּראָפּאַגאַנדע, די אַלע גייסטרייכע פאַרזאַמלונ־גען, אַפילו די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָבן בלויז דאַן אַ ווערט, ווען דער יסוד איז שטאַרק און פעסט און ווען די קערנדלעך פון אַ גוטער אידישער דערציאונג געפינען זיך אין אידישע הערצער, דאַן ערשט קומט די פּראָפּאַגאַנדע און צעבלאָזט דעם פונק און דערוואַרעמט דאָס אידישע האַרץ און באַגייסטערט פאַר אַקטיווע מעשים.

ווען עס פעלט אָבער אַ אידישע דערציאונג, ווען דער באַגריף פון אידישער טראַדיציע איז פרעמד, ניט וויסנדיק וועגן אידישע אוצרות פון תורה און חכמה און ניט זייענדיק באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אידישער מסירת־נפש פאַר אידנטום, דאַן מאַכט ניט אויס ווי גרויס און ברייט די פּראָפּאַגאַנדע איז. ס'איז ווי מ'זאָל אַקערן און פאַרזייען אַן אומפּרוכטבאַרן, טרוקענעם באָדן — אַזוי איז די ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ציוניזם בלויז אַ געקינצלטער מיטל און די באַ־גייסטערונג קען אָנהאַלטן בלויז אַ קורצע צייט.

דאָס איז וואַרשיינלעך די סיבה וואָס די אידישע גאַס איז פאַרפלייצט מיט „באַלפור־ציוניסטן" און אַפילו צווישן די פירער גע־פינען זיך אַ צאָל מהיכי־תיתי־ציוניסטן, וואָס זייער באַגייסטערונג פאַרן ציוניזם איז דער רעזולטאַט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע פון 1917, וואָס האָט זיי באַוועגט זיך אָנצושליסן אין די רייען פון די בויער פון ארץ־ישראל; ווייל מ'קען זיך דאָך ניט העלפן... אויב די גויים ווילן אָוועקגעבן ארץ־ישראל צו אידן, קען מען דאָך ניט זיין אומדאַנקבאַר און מ'ווערט באַגייסטערט פאַר דער אונטערנעמונג.

די גזירות רעות און ביטערע צייטן וואָס ווייזן זיך פאַר אידן אין אייראָפּע, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, האָבן אויך אויפגעוועקט אַ טייל אַמעריקאַנער אידן, צו וועמען דער געדאַנק פון ציוניזם איז געקומען פון עצבות פון אידישן אומגליק. וואָס קען מען טאָן? מ'מוז

דאָך ערגעץ געפינען אַ פּלאַץ פאַר אידן וועלכע דאַרפן פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך ראַטעווען פון אַ ביטער־שווערער לאַגע!

דער ציוניזם — די אויפבויאונג פון ארץ־ישראל — איז פאַר די דאָזיקע ציוניסטן ניט קיין אידייע וואָס קומט פון אינערלעכער באַגייסטערונג, נאָר פּשוט ווייל מ׳דריקט פון דרויסן. דאָס איז אַ ניט־נאָרמאַלער און אומנאַטירלעכער געפיל פאַר אַן אידעאַל. דאָס זיינען ציוניסטן אָן אַ אידישן פונדאַמענט און אָן אַ יסוד וואָס קומט דורך אידישן חינוך.

אידן וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ נאָרמאַלע, געזונטע אידישע דערציאונג, האָבן אַ גאַנץ אַנדערן באַגריף וועגן בנין ארץ־ישראל. ביי זיי איז עס אַ געפיל פון שטאָלץ, אַ שטרעבונג פאַר אַ גלאָררייכער צוקונפט און דער אָנהויב פון אַ ניי קאַפּיטל פון פרוכטבאַרע היסטאָרישע דערגרייכונגען פאַר דער אידישער אומה.

ס׳איז מערקווירדיק און אומפאַרשטענדלעך דאָס וואָס אונזערע ציוניסטישע פירער — די פלאַם־פייערדיקע אידישע פאַטריאָטן — נעמען זיך ניט די קלענסטע מי אויפצופאַסן אַז זייערע אייגענע קינדער זאָלן קריגן אַ פונדאַמענטאַלע אידישע דערציאונג.

די דאָזיקע דערשיינונג דערמאָנט אין דעם פאַרשוין וואָס האָט באַזוכט אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן און דאָרט געזעען אַלערליי חיות, שלאַנגען און פייגל און זיך ניט געקענט גענוג אָנדערציילן די וואונדער פון די פּיצינקע פייגעלעך, וואָס מ׳קען זען בלויז דורך אַ מיקראָסקאָפּ. ווען מ׳האָט אים אָבער געפרעגט אויב ער האָט געזען דעם ריזיקן עלעפאַנט, האָט ער זיך מודה געווען אַז ניין, דעם עלעפאַנט האָט ער ניט באַמערקט.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט די גרויסע ציוניסטישע טוער: זייערע אויגן זיינען אָפן ברייט, זיי זעען די טויזנטער־יעריקע אידישע פאַרגאַנגענהייט, זיי קוקן ווייט און זעען די גלאָררייכע ווייטע צוקונפט; אָבער דאָס וואָס טוט זידאין דער קעגנוואַרט און אין זייער אייגענער סביבה — באַמערקן זיי ניט.

זיי פאַרנאַכלעסיקן זייערע אייגענע קינדער און אייניקלעך און גיבן זיי ניט די געלעגנהייט און מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע און די רייכע אוצרות פון דער קולטור פון זייער פאָלק.

די דאָזיקע טענות קענען מיר, נאַטירלעך ניט האָבן צו די אַזוי־גערופענע פילאַנטראָפּישע ציוניסטן, ביי וועמען דער ציוניזם איז בלויז אַ מין צדקה, צו העלפן די אומגליקלעכע אידן פון אייראָפּע, וואָס מוזן אַנטלויפן פון זייערע היימען און געפינען ערגעץ אַ מקום מנוחה.

די דאָזיקע ציוניסטן האָבן גאָרניט צו טאָן מיט די אַלע זאַכן וואָס זיינען שייך צום אידישן גייסט, אידישער געשיכטע און טראַדיציעס.

דאָ רעדט זיך וועגן די באַוואוסטזיניקע ציוניסטן, די ערנסטע, וואָס פאַרשטייען דעם ציוניזם אין זיין גאַנצער טיפקייט.

זיי ווילט זיך פרעגן ווי אַן ערנסטער, אַלטער אָרטאָדאָקסישער רב האָט געפרעגט זיינע בעלי־בתים אין שול: „לפני מי אתם מתפללים”? און מערקווירדיק — ער האָט ניט געמיינט זיי צו פרעגן אויב זיי ווייסן פאַר וועמען זיי שטייען ווען זיי דאַוונען. ניין, די פראַגע איז געווען: „פאַר וועמען דאַוונט איר?” — ווער וועט דאַוונען נאָך אייך ווען איר וועט דאָ ניט זיין? האָט איר געלערנט אייערע קינדער און אייניקלעך צו דאַוונען?

עס ווילט זיך, פונקט ווי דער רב, פרעגן די איבערגעגעבענע, אידעאַליסטישע פירער: ווער וועט אָנפירן אייער אידעאַליסטישע אַרבעט אין קומענדיקע דורות? פאַרוואָס פאַרנאַכלעסיקט איר די יוגנט, די צוקונפטיקע פירער?

די אַמעריקאַנער אידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן זיינען לכל הדעות אין אַ נידעריקן מצב, אָן אַ סדר; זיי זיינען ממש אין אַ הפקר־צושטאַנד.

די פּראָפעסיאָנעלע כלל־טוער זיינען ניט שטאַרק באַזאָרגט איבער דעם צושטאַנד פון אידישער דערציאונג דאָ אין לאַנד. אַלץ וואָס זיי קענען פאַרשטיין און באַגרייפן איז קערפּערלעכע נויט: רחמנות אויף אָרעמע, קראַנקע, זקנים, יתומים און אַלמנות. זיי באַמיען זיך צו געבן זיי הילף פּערזענלעך און דורך אַנשטאַלטן.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די אָרגאַניזירטע פעדעראַציעס און צענטראַלע צדקה־קערפּערשאַפטן געשאַפן גרויסע פאָנדן פאַר אידן פון

די איירָאָפּעאישע לענדער, וועלכע ליידן פון די אַנטיסעמיטישע עלע־מענטן. אַ היפּשער פאָנד ווערט געשאַפן פאַר בנין ארץ־ישראל אַלס אַ לאַנד פאַר די וואַנדערער וואָס זוכן אַ מקום־מקלט.

עס איז אָן צווייפל, אַז אַמעריקאַנער אידן אָן אונטערשיידן פון זייערע אידעאָלאָגיעס און באַגריפן פאַרדינען אַ יישר כוח און לויב פאַר זייער וואונדערבאַרער הילף צו זייערע ליידנדיקע ברידער.

צום באַדויערן, איז דער געפיל פון גייסטיקער נויט פאַר די אויסגעהונגערטע, אויסגעצערטע אידישע נשמות, אין די הערצער פון אַ גרויסן טייל וויכטיקע אידישע פירער אין אַמעריקע אינגאַנצן פרעמד און זיי קימערט ניט דער גייסטיקער געפאַלענער מצב.

די איינציקע וואָס קענען און דאַרפן פאַרשטיין, פילן און אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון דערציען אידישע קינדער אין אידישן גייסט, זיינען די ערנסטע, הייסע נאַציאָנאַלע אידן, און זיי דאַרפן זיין אין די ערשטע רייען פון די אַקטיווע טוער פאַר חינוך הבנים.

געוויס ווייסן מיר וועגן דער שווערער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט פון די ציוניסטישע עסקנים, וואָס טראָגן דעם שווערן יאָך פון בודזשעטן פאַר דעם קרן קיימת, קרן היסוד, מעמבערשיפּ קאַמפּיינס און די נויטיקע פּראָפּאַגאַנדע דורך וואָרט און שריפט.

ווען מ׳נעמט אָבער אין באַטראַכט, אַז די גאַנצע אומגעהויער־שווערע אַרבעט פון בנין ארץ־ישראל האָט ניט קיין זין אָן אַ אידיש פאָלק — מוז מען זיך פאַר אַ ווײַלע אָפּשטעלן און זיך פרעגן: „למי אנו עמלים?״ פון וועמענס וועגן איז די גאַנצע אַרבעט?

קודם־כל דאַרף דער ציוניסטישער עסקן און סתם נאַציאָנאַלער איד טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך אַז זיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך און די קינדער פון זיינע פריינט זאָלן קריגן אַ פונדאַמענטאַלן אידישן חינוך.

דאַן מוזן די פילע טויזנטער אָנגעשלאָסענע ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען — רעכטס, לינקס און צענטער — אַלע אָן אונטערשייד און אָן אויסנאַם, טאָן זייער חוב מיט אַלע מעגלעכקייטן צו העלפן אַוועקשטעלן די חינוך־מוסדות אין אַמעריקע אויף אַ געזונטן, פעסטן באָדן פינאַנציעל און גייסטיק און דערהויבן דעם מצב פון די בתי־

ספר, פאַר אַנפאַנגער, העכערע און גאַר הויכע, ס'זאָל זיין אַ כבוד און שטאָלץ פאַר דעם אַמעריקאַנער אידנטום און אַ ברכה פאַר דעם אידישן פאָלק.

12־טער יאַנואַר, 1934.

די שולדיקע אין נידעריקן מצב פון חינוך

די הויפּט־שטערונג צו דער דערהויבונג פון דעם ניט־גלענצנדיקן מצב פון אידישער דערציאונג אין אַמעריקע, איז וואַרשיינלעך דאָס וואָס די סיבות אָדער סימפּטאָמען פון דער קראַנקייט ווערן ניט פאַרשטאַנען.

די אידישע מאַסן, וועלכע זיינען אומצופרידן מיט די רעזולטאַטן און זיינען אַפילו אויפגערעגט צוליב דעם שפּל'דיקן מצב פון חינוך, פאַרגעסן, אָדער פאַרשטייען ניט, אַז זיי אַליין זיינען די הויפּט־שולדיקע און זיי פּרובירן אַרויפצוואַרפן די שולד אויף אַנדערע.

דער ערשטער קרבן איז דער לערער. זיי, די לערער, זאָגט מען, זיינען ניט פּאַסיק פאַר זייער פאַך; זיי זיינען אומוויסנד, פריי, ניט ערנסט אין זייער אַרבעט אאַז״וו.

נאַטירלעך, איז פאַראַן אַ געוויסער גראַד אמת אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג. פּונקט ווי אין וועלכער עס איז אַנדערער פּראָפעסיע, געפינען זיך אַ קליינע צאָל לערער, וועלכע האָבן ניט די פּעדאַגאָגישע פעאיקייטן אָדער זיינען צוליב אַנדערע סיבות ניט גענוג פּאַסיק פאַר זייער וויכטיקער מיסיע פון דערציען דעם יונגן דור. דאָס איז אָבער זיכער ניט אמת וועגן דער גרויסער מערהייט לערער. דער רוב פון די לערער אין די אָרגאַניזירטע פאָלק־שולעס און תלמוד־תורה'ס זיינען פעאיק פאַר זייער אַרבעט און איבערגעגעבן בלב ונפש. מאַנכעס מאָל אַרבעטן זיי מיט מסירת־נפש אונטער די ערגסטע באַדינגונגען פאַר דעם מינימאַלסטן לוין. ס'איז זיכער, אַז ווען ס'וואָלט זיך וועגדן אין די לערער, וואָלטן געווען בעסערע רעזולטאַטן.

די מנהיגים, די חינוך־פירער, ווערן אויך גאַנץ אָפּט געטאַדלט. מ׳באַשולדיקט זיי, אַז זיי זיינען ניט ערנסט, פאַרשטייען ניט די וויכ־טיקייט פון חינוך, זוכן בלויז כבוד און זייער אייגענעם נוצן און אַז די לאַגע פון אידישער דערציאונג ליגט זיי ניט אין דער לינקער פּאה — און דערפאַר איז דער מצב אַזוי געפאַלן.

געוויס זיינען אַ צאָל פירער פון אָרטאָדאָקסישע אינסטיטוציעס ניט פּאַסיק און ניט ערליך. ס׳איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז צייטנווייז ווערן באַנוצט ניט זייער זויבערע מעטאָדן אין כלל־אַרבעט. דאָך ווילט זיך גלויבן, אַז די טוער פון חינוך זיינען פון אַ בעסערן סאָרט און זיי זיינען ערנסט און אויפריכטיק, ווייל דער עלעמענט וואָס איז פאַר־אינטערעסירט אין חינוך איז אַ בעסערער. דאָס איז מערסטנס אַן אויפריכטיקער קלאַס מענטשן, וואָס איז איבערגעגעבן און געטריי צו דער אַרבייט — און דער נידעריקער מצב פון חינוך איז ניט זייער שולד.

די גרעסטע עוולה איז דאָס, וואָס דאָס אידישע קינד אין אַמעריקע ווערט געמאַכט פאַרן שעיר לעזאזל, אויף וועמען מ׳וואַרפט די זינד.

ווען מ׳זאָגט מיר אַז אידישע קינדער אין אַמעריקע זיינען טעמפּ, אומפעאיק, שלעכט, פאַרדאָרבן; אַז זיי זיינען אַמעריקאַנער באמת, האָבן גוי׳אישע קעפּ און נאָך אַזעלכע „קאָמפּלימענטן" — פאַרליר איך מיין געדולד און ווער שטאַרק אויפגערעגט אויף די אָפּשיילעכע ליגנס און העסלעכע בלבולים אויף אומשולדיקע קינדערלעך, וואָס קענען זיך נישט פאַרטיידיקן.

איך האָב במשך פילע יאָרן געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן אידישע קינדער אין אַמעריקע, איבערהויפּט זינט איך בין אָפיציעל אָנגעשטעלט אַלס מנהל פון די סט. לואיסער תלמוד־תורה׳ס, און איך האָב דעם פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט זיי יעדן טאָג. מיר שיינט אַז ס׳איז ניט פאַראַן קיין גרעסערער עונג רוחני ווי צו זיין אין זייער סביבה.

איך האָב וועגן זיי אַ גאָר הויכע מיינונג. די מערסטע פון זיי זיינען געהאָרכזאַם, פעאיק, קלוג, ערנסט, ערלעך און אומשולדיק.

זיי זיינען אָן צווייפל אַזוי גוט, אָדער נאָך בעסער, ווי מיר זיינען געווען אין זייער עלטער.

עס איז מיין ערנסטע איבערצייגונג, אַז ווען זיי וואָלטן געהאַט די מעגלעכקייט און געלעגנהייט צו לערנען אידישע לימודים אין אַ ריין־אידישער אַטמאָספערע — ווי דאָס איז געווען מיט אונז — וואָלטן זיי דערגרייכט אַ גאָר־הויכע מדרגה אין לערנען. איך קען מיט זי־כערקייט זאָגן, אַז די שפּל׳דיקע לאַגע פון היגן חינוך איז ניט די קאָנסעקווענץ פון שלעכטקייט און אומפעאיקייט פון די קינדער.

ווער דען איז שולדיק אין דעם נידעריקן מצב פון חינוך אין אַמעריקע? די ערנסטע, אמת׳ע סיבות זיינען פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. צום אַלעם ערשטן קומט די באַשרענקונג פון צייט וואָס ווערט באַנוצט פאַר אידישע לימודים, און וואָס איז דאָס וויכטיקסטע — די ניט־אידישע אַטמאָספערע.

נאָכדעם ווי די קינדער האָבן געהאָרעוועט דעם גרעסטן טייל פון טאָג אין די פּאָלקס־סקולס און צו דעם נאָך גאַנץ אָפט געטאָן סקול־אַרבעט אין דער היים, ווען זיי קומען אין די אידישע שולן שפּעט נאָך מיטאָג אָדער אין אָוונט צו לערנען, זיינען זיי, נאַטירלעך, אויס־געשעפּט און מיד פאַר אידישן לערנען. אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז ניט קיין וואונדער, אַז די מערסטע קינדער קענען ניט דערגרייכן צופרידנשטעלנדיקע רעזולטאַטן.

מיר קענען ניט מאַכן קיין פאַרגלייך צווישן דעם לערנען פון יאָרן צוריק אין דער אַלטער היים, אין אַ אידישער געטאָ־אַטמאָספערע און דערצו איז דער גאַנצער טאָג געווען פריי — מיט דער נייער צייט אין אַמעריקע, אין אַ פרייער, ניט־אידישער סביבה און מיט אַ זייער באַגרענעצטער, בין־השמשות׳דיקער צייט פאַר די אידישע לימודים.

געוויס האָט די גאַס אַ טיפן איינפלוס אויף דעם אידישן קינד. אויך די שיינע, גרויסע און לופטיקע קלאַס־צימערן פון די פּאָלקס־שולן קאָנקורירן זייער שטאַרק מיט די מערסטע אָרעמע, חושכ׳דיקע תלמוד־תורה־חדרים׳לעך; און דאָס מאַכט נאָך שווערער צו דערוועקן דרך־ארץ און ליבע צו תורה ביים אידישן קינד.

די רעזולטאַטן וואָלטן אָבער געווען בעסער — טראָץ די אַלע

שוועריקייטן — ווען די עלטערן פון די קינדער וואָלטן בייגעשטייערט זייער חלק צו דער אַרבעט.

צום באַדויערן, איז פאַראַן אַ מורא׳דיקע סתירה צווישן דער אידישער היים און דער תלמוד־תורה. דאָס אידישע הויז איז פונקט דער היפּך פון דער אידישער שולע: וואָס דער לערער פּרובירט איינצופלאַנצן אין קינד, צעברעכן עס די עלטערן אין דער היים.

ס׳איז זייער נויטיק צו וויסן, אַז דער אידישער דת און אידישע טראַדיציעס שפּילן אַ גאָר גרויסע ראָלע אין פּראָגראַם פון לערנען. אידישער חינוך איז ניט אַ טרוקענער לימוד, אויסצולערנען אַ שפּראַך און אַביסל אידישע געשיכטע. די אידישע רעליגיע האָט פון אָנפאַנג פון דער אידישער געשיכטע ביז היינט צו טאָג געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין אידישן לעבן. אידישע דערציאונג אָן טראַדיציע האָט קיין זין ניט. דאָס אידישע קינד דאַרף וויסן די יסודות פון דעם אידישן דת, וועלכער ציט זיך ווי אַ שנור דורך אַלע יאָרן און אַלע דורות. ער מוז זיין געניט באַקאַנט מיט דער מסירת־נפש וואָס אידן האָבן דורכגעמאַכט אין זייער לאַנגער געשיכטע.

ווען מיר נעמען צום ביישפּיל דעם שבת: דער לערער פּרובירט איינצופלאַנצן אין קינד׳ס האַרץ אַ ליבע צום הייליקן שבת. ער קלערט אויף די וויכטיקייט פון דעם יום־מנוחה און וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע מתנה עס איז פאַר אידן. די קינדער פאַרזאַמלען זיך אין זייערע שולן פרייטיק צו נאַכטס און שבת פרי און דאַווענען בציבור, זינגען זמירות און פילן זיך שבת׳דיק. קומען אָבער די קינדער אַהיים מיט אַ פריילעכן, קלינגענדיקן „גוט שבת“ און באַמערקן, אַז אין הויז איז גאַנץ ווייט פון צו זיין שבת׳דיק. דער פאָטער איז פאַרביזנעוועט און די מאַמע איז גאַנץ וואָכעדיק. שטעלט זיך פאַר די אַנטוישונג פון דעם קינד. די שווערע אַרבעט וואָס דער לערער האָט אַריינגעלייגט איז אינגאַנצן פאַרלוירן.

דאָס זעלבע פּאַסירט מיט די אידישע ימים־טובים — מיט דעם אויסנאַם פון ראש־השנה און יום־כיפור — און מיט אַלע טראַדיציעס ווי תפילין, ציצית, מזוזות, חמץ, אתרוג־בענטשן אאַז״וו, וואָס די

קינדער לערנען וועגן זיי אין תלמוד־תורה און פון וועלכע די גרעס־טע מערהייט פון די עלטערן האָבן אַפילו קיין באַגריף ניט.

ניט נאָר העלפן ניט די טאַטעס און מאַמעס צו פאַרשטאַרקן די לערע וואָס די קינדער קריגן, נאָר גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז די זעלבע עלטערן, אַפילו די בעסערע, וועלכע ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען אידישקייט, באַציען זיך צום שבת, יום־טוב און אַנדערע אידישע טראַדיציעס לייכטזיניק און מיט אַ שמייכל פון ביטול.

אַ גאַנץ אינטערעסאַנט אַרטיקל איז דערשינען אין „הדואר", וואו צבי שאַרפשטיין — דער באַוואוסטער פּעדאַגאָג און מחבר פון אַ גרויסער צאָל טעקסט־ביכער פאַר קינדער, ברענגט אַרויס דייטלעך דעם איינפלוס וואָס עלטערן האָבן אויף קינדער־דערציאונג.

מר. שאַרפשטיין דערציילט, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט אַ רשימה פון פּאָפּולערע העברעאישע ווערטער אין פאַרשידענע שטעט צו עק־זאַמינירן די נייע תלמידים אין די תלמוד־תורה׳ס און זיי פרעגן עטלעכע הונדערט העברעאישע ווערטער וואָס ווערן באַנוצט ביי אידיש־ריידנדיקע עלעמענטן.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז בלויז 13 ווערטער זיינען פאַר־שטאַנען געוואָרן פון דער מאַיאָריטעט, צווישן וועלכע „משוגע" און „חזיר" האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן.

קינדער וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די גרעסטע צאָל העברעאישע ווערטער — צווישן וועלכע ס׳געפינען זיך די נעמען פון אידישע ימים־טובים און טראַדיציאָנעלע אַרטיקלען — זיינען געווען די יעניקע, וואָס קומען פון היימען וואו די עלטערן פירן אַ טראַדיציאָ־נעלן אידישן לעבן.

מ׳קען, נאַטירלעך, ניט דערוואַרטן פון מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן ניט אָפּגעהיט שבת און יום־טוב, אַז פּלוצלונג זאָלן זיי ווערן שבת׳דיקע אידן און זיין אָפּגעהיט אין אַנדערע רע־ליגיעזע רעגולאַציעס. וואָס מ׳קען אָבער יאָ דערוואַרטן איז, אַז זיי זאָלן זיך באַציען צו זייער לאַגע מיט אַ געפיל פון באַדויערן.

זאָלן זייערע קינדער זעען, אַז זיי זיינען זיך מצער אויף דעם חילול־שבת און אין דער זעלבער צייט דאַרפן די עלטערן אויסדריקן זייער פאַרגעניגן וואָס זייערע קינדער ווייזן אַ נויגונג צוריק צו גיין

צו אידישע מקורות. דאָס וואָלט פאַרלייכטערט די אַרבעט פון די לערער און געשטאַרקט זייער איינפלוס.

מיר אַלע געדנקען נאָך די טענות פון עלטערן צו זייערע קינדער, ווען זיי, די עלטערן האָבן זיך באַקלאָגט, אַז ווען זיי זעצן זיך צום טיש שבת און יום־טוב און זייער זונדעלע דזשעק אָדער סעם איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַ פאַרשמאַיעטער פון גאַס און זיך אַוועקגעזעצט ביים שבת׳דיקן טיש אומגעוואַשן און מיט אַ בלויזן קאָפּ ווי אַ גוי. איצט האָט זיך די זאַך געענדערט. די קינדער פון די תלמוד־תורה׳ס און ישיבות פאָדערן קדושה און אידישקייט און זייערע עלטערן פאַר־שווערכן אַלץ וואָס איז הייליק ביי זיי.

זאָלן זיך די אידישע טאַטעס און מאַמעס פאַרטראַכטן וועגן דעם און צוריק אַרויף אויף דעם אידישן וועג. זאָלן זיי געדענקען דעם „והשיב לב אָבות על בנים ולב בנים על אבותם״... דאָס וועט גוט זיין פאַר זיי, פאַר זייערע קינדער און פאַר דער צוקונפט פון אידישן פאָלק.

ס׳איז זייער וויכטיק, אַז אין דער אידישער היים זאָל אָפט גע־רעדט ווערן וועגן אידישן חינוך, וועגן די לערער און פּראָגראַם פון די לימודים מיט גרויס דרך־ארץ און אַכטונג און אויב מעגלעך — פון צייט צו צייט פאַרהערן די קינדער אין לערנען און אין אַלגעמיין אַרויסווייזן דעם אינטערעס פון די עלטערן אין די דערגרייכונגען פון זייערע קינדער, פונקט ווי אין די רעזולטאַטן פון זייערע לימודים אין פּאָבליק־סקול.

דאָס וועט אויפוועקן אינטערעס, ליבע און רעספּעקט פון דעם אי־דישן קינד צו זיין שולע, צו די לערער און אידישן חינוך.

דאָס ערגסטע איז, נאַטירלעך, וואָס אַ גאַר גרויסע צאָל אידן שיקן אינגאַנצן ניט זייערע קינדער אין אַ אידישער חינוך־אינסטי־טוציע, אָדער זיי באַנוגענען זיך מיט אַ שטונדע אָדער צוויי פון דער זונטיק־שולע. צום באַדויערן איז אָט־דער קלאַס די גרויסע מערהייט.

אַזעלכע עלטערן באַגייען אַ פאַרברעכן ניט נאָר קעגן דעם אידישן פאָלק, נאָר אויך קעגן זייערע אייגענע קינדער.

עלטערן דערציען זייערע קינדער און שיקן זיי אַרויס אין דער

גרויסער וועלט אַריין צוגעגרייט מיט אַלץ וואָס איז נויטיק פאַר דעם קאַמף פון לעבן.

מיר אידן האָבן אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: צוגרייטן אונזערע קינדער פאַר אַ טאָפּלטן קאַמף — אַלס מענטשן און אַלס אידן. שווער איז אונזער קאַמף און מיר זיינען פאַרפליכטעט צו צוגרייטן אונזערע קינדער אויך פאַר דעם ספּעציעלן קאַמף אַלס אידן.

ווען מיר וועלן זיי ניט דערציען אַלס גוטע, שטאָלצע אידן, וועלן זיך געפינען אַנדערע, וואָס וועלן זיי דערמאָנען אַז זיי זיינען אידן און זיי וועלן ליידן פיל מער ווי די באַוואוסטזיניקע אידן, ניט וויסנדיק פון די אידישע אוצרות און ניט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס זיי ליידן.

איצט איז אַ צייט ווען מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט שונאים. אונזער וואָפן איז אונזערע קינדער, וועלכע מוזן ווערן צוגעגרייט אין די אידישע חינוך־אינסטיטוציעס.

ניט די לערער, ניט די מנהיגים און ניט די קינדער קענען אין דעם העלפן אין אַ גענוגנדיקער מאָס, ווי עס קענען דאָס טאָן די אידישע טאַטעס און מאַמעס.

3־טער אַפּריל, 1936.

די אידישע יוגנט

די גרויסע געשעענישן און איבערקערענישן אין דער וועלט אין די לעצטע יאָרן, וועלכע זיינען אַן און פאַר זיך פון וויכטיקע היסטאָרישע ווערטן, דאַרפן אויך דינען ווי אַ מוסר־השכל פאַר אונז אידן וואָס קענען זייער פיל לערנען פון זיי.

די פונדאַמענטאַלע ענדערונגען און רעוואָלוציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פאַרשידענע לענדער — סיי אין די פאַשיסטישע ווי איטאַליע, דייטשלאַנד און אַנדערע, וואָס זיינען אַוועק עקסטרעם־רעכט, און סיי אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד, וואָס איז פאַרלאָפן אַ היפשן מהלך לינקס, און איןביידע פאַלן פאַרשקלאָפט די מאַסן — אָט־די

אַלע איבערקערענישן זיינען געמאַכט געוואָרן מערסטנס דורך דער יוגנט.

די פירער פוןביידע עקסטרעמע באַוועגונגען, רעכטס און לינקס, האָבן סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיק דורכגעטראַכט זייער וועג בכדי אַריינצוקריגן די יוגנט, וועמענס מוט, קוראַזש, איבערגעבנקייט און זעלבסט־אָפּפערונג האָט ניט קיין גרענעץ.

דער שרעקליכער, בלוטיקער בירגער־קריג, וואָס בושעוועט אין שפּאַניע, באַווייזט ווי גרענעצלאָז ס'איז די אָפּפערוויליקייט פון דער יוגנט. ביידע קעמפנדיקע מחנות זיינען זיך ממש מקריב פאַר זייערע אידעאַלן. בלוט גיסט זיך ווי וואַסער. די קעמפערליידן די שרעק־לעכסטע און אוממענטשלעכע עינויים בכדי צו דערגרייכן דאָס וואָס זיי, די יונגע קעמפער, גלויבן, איז דער ריכטיקער וועג.

נאַטירלעך, קענען מיר ניט באַרעכטיקן די באַרבאַרישע מעשים וואָס ווערן געטאָן אין נאָמען פון אידעאַל, איבערהויפּט זיינען מיר אידן קעגן אונטערדריקונג וואָס ווערט געטאָן לויט דער אָנווייזונג פון דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע.

געוויס איז דער באַרימטער שריפטשטעלער סינקלער לואיס גערעכט ווען ער דריקט זיך אויס וועגן דער פאַשיסטישער יוגנט אומגעפער: „די דאָזיקע יוגנט איז זייער אַלט, צוויי טויזנט יאָר אַלט. זיי קעמפן פאַר די זעלבע פינסטערע אידייען פון פאַרשקלאַפונג. פאַ־שיזם און נאַציזם זיינען די זעלבע צוריקגעשטאַנענע געדאַנקען פון די יעניקע, וועלכע האָבן געלעבט נאָך פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג. די דאָזיקע יוגנט אין אונזער צייט איז אָנגעשטעקט מיט די פאַרשימלטע און אָפּגעלעבטע אידייען פון קנעכטשאַפט און פאַר־שקלאַפונג פון דער מענטשהייט".

אָבער וואָס אונזער מיינונג זאָל ניט זיין וועגן די אידעאַלן פאַר וועלכע זיי קעמפן — דער פאַקט איז, אַז די יוגנט איז אונטער אַלע אומשטענדן מעכטיק און פעאיק דורכצופירן דורך קאַמף זייערע פאַר־לאַנגען.

אַלע פעלקער פון אַלע לענדער האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע וויכטיקייט און די אומגעהויער־גרויסע ראָלע וואָס די יוגנט שפּילט

אין זייער לעבן. זיי האָבן זיך ניט פאַרלאָזט אויף זייערע רעגירונגען, אַרמייען און געזעצן, וועלכע וואָלטן געקענט דורכפירן זייערע פאַר־לאַנגען מיט אַ שטאַרקער האַנט. דאָס איז ניט גענוג געווען פאַר זיי. צו דעם האָבן זיי אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כוחות צו דערנענטערן צו זיך די יוגנט צו געווינען זייער גוטן ווילן.

די דאָזיקע יוגנט, וועלכע באַשטייט פון מיליאָנען יונגע מענטשן, זיינען גרייט אָוועקצוגעבן זייערע לעבנס פאַר דער זאַך אין וועלכער זיי גלויבן. ווייל גרויס און מעכטיק איז דער כוח און ס׳איז ניט אָפּ־צושאַצן די אָפּפערוויליקייט און קוראַזש פון דער יוגנט.

מיר אידן האָבן שווער געזינדיקט אין אָט־דער הינזיכט פון דער־ציען און דערנענטערן אונזער יוגנט צו זיך. ווען מ׳נעמט אין באַ־טראַכט, אַז מיר פאַרמאָגן ניט קיין אייגן לאַנד, קיין רעגירונג און קיין אַרמיי און אונזער עקזיסטענץ הענגט אָפּ פון אונזער אינערלעך־גייסטיקן כוח, איז אונזער זינד פיל גרעסער, ווייל וואָס זיינען מיר און ווי לאַנג קענען מיר אָנהאַלטן אויב אונזער יוגנט איז ניט מיט אונז.

ס׳איז כדאי איצט, אין דעם ליכט פון וועלט־געשעענישן, אַ טראַכט טאָן ווי מיר האַלטן אין אונזער באַציאונג צו אונזער יוגנט.

גליקלעכערווייז האָט אַ קליינע גרופּע פון יונגע אידעאַליסטן באַוויזן מסירת־נפש פאַר אונזער פאָלק. די דאָזיגע יוגנט האָט גע־שאַפן חלוצים, פּיאָנערן און קעמפער, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר די אינטערעסן פון אידישן פאָלק און פאַר דעם בנין פון ארץ־ישראל. זיי האָבן אויך געשאַפן אַן אינטערעס פאַר דער אויפלעבונג פון אידישן נאַציאָנאַליזם אין די גלות־לענדער.

צום באַדויערן אָבער איז אַ גאַר גרויסע צאָל פון דער אידישער יוגנט אַוועק אין פרעמדע פעלדער; אונזער יוגנט פאַרנעמט אַ וויכ־טיקן פּלאַץ ביי פילע פעלקער אין פאַרשידענע לענדער, זיי קעמפן אויף אַלע פראָנטן און פאַר אַלע אידעאַלן — אָבער ניט פאַר די אינטערעסן פון זייער אייגן פאָלק.

ס׳איז וויכטיק צו געדענקען, אַז די שולד איז ניט זייערע. זיי, די אידישע קינדער, זיינען ניט דערצויגן געוואָרן ליב צו האָבן זייער פאָלק און צו זיין איבערגעגעבן צו אידישע טראַדיציעס, און דערפאַר

זיינען אַ סך פון זיי דורכגעדרונגען מיט האַס און יעדנפאַלס מיט אינדיפערענץ צו די אינטערעסן פון זייער פאָלק.

די אידישע יוגנט אין אַמעריקע איז נאָך מער אָפגעפרעמדט פון זייער פאָלק. בלויז אַ קליינע, אומבאַטייטנדיקע צאָל איז לאָיאַל צום אידנטום. דאָס זיינען די יעניקע וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין תלמוד־תורה׳ס און ישיבות. מערסטנס זיינען זיי קינדער פון עלטערן וואָס פירן זיך טראַדיציאָנעל.

דער רוב מנין ורוב בנין פון אונזער יוגנט אין אַמעריקע זיינען פרעמד פון אַלץ וואָס איז אידיש און ווייזן ניט אַרויס קיין אינטערעס און ווילן צו קעמפן פאַר אידישע אידעאַלן.

די אידישע קינדער, פונקט ווי די מערסטע ניט־אידישע, שעפּן זייער באַגייסטערונג פון ספּאָרט, לייכטזיניקע שפּילן און ביליקע אַמו־זירונגען און האָבן בכלל ניט קיין פּרעטענזיעס צו העכערע אידעאַלן. די טעאַטערס, די ראַדיאָ־פּראָגראַמען און פּעריאָדיקאַלס פון נידעריקן סאָרט שפּייזן די יוגנט פון אַמעריקע מיט אַ ברייטער האַנט. דאָס אַלץ איז זייער שעדלעך פאַר דער אַלגעמיינער יוגנט.

מיר אַלס אידן, וואָס האָבן ספּעציפישע אינטערעסן, זיינען אין אַ פיל גרעסערער סכנה אין די פּרטים פון אונזערע טראַדיציעס, וואָס ווערן פאַרנאַכלעסיקט און די שבתים און ימים־טובים פאַרשוועכט.

אין פריערדיקע יאָרן, אין די לענדער וואו אידן האָבן געלעבט ווי אַ קאָמפּאַקטע קהילה, האָבן זיי געהאַט פאַרבינדונגען צווישן זיך: קליינע קינדער, בחורים, מיידלעך, מיטל־יעריקע און עלטערע — אַלע האָבן געהאַט זייער אידישן קרייז.

אין אַמעריקע זיינען אָבער די פאַרבינדונגען צווישן זיך אָפּגע־האַקט געוואָרן. דאָס טראַדיציאָנעלע אידנטום באַשטייט פון צוויי עקס־טרעמע עלטערס: דער זיידע און דאָס אייניק.ל. דער עלטערער דור, וואָס איז אַריבערגעקומען אַ פאַרטיקער איד, קעמפט פאַר זיין אידיש־קייט און גייט קעגן שטראָם; פון דער צווייטער זייט באַווייזט זיך לעצטנס אַ יונגער אַמעריקאַנער דור — קינדער וואָס באַזוכן תלמוד־תורה׳ס און קריגן אַ אידיש־טראַדיציאָנעלע דערציאונג.

די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען קומען זיך צוזאַמען און פאַרשטייען

זיך. עס פעלט אָבער דער מיטעלער לינק, וועלכער וואָלט געקענט און געדאַרפט צוזאַמענברענגען און באַפעסטיקן די עלטערע און די יונגע און פאַראייניקן די דריי דורות אין אַ שטאַרקער, פעסטער קייט.

אַ רעוואָלוציע, אַ דערוואַכונג, מוז קומען פאַר אַמעריקאַנער אידן. עס דאַרפן פאַרגרעסערט ווערן אַלע חינוך־אינסטיטוציעס. די יוגנט דאַרף דערצויגן ווערן אין אידישן גייסט און צוגעגרייט ווערן אָנ־צופירן דעם שווערן קאַמף פאַר דעם קיום פון אידישן פאָלק סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין די תפוצות פון דער וועלט.

דאָס מוז זיין די אויפגאַבע פון אַלעמען, ווייל בלויז מיט אַ שטאַר־קער, געזונטער און איבערגעגעבענער יוגנט איז דאָס אידישע פאָלק שטאַרק און מעכטיק.

16־טער סעפטעמבער, 1936.

די אויפגאַבן און פּראָגראַמען פון חינוך

די צאָל פון די פאַרשידנאַרטיקע חינוך־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע איז גרויס. ניט נאָר אונטערשיידן זיך די מיינונגען פון די פאַרשידענע פּאַרטייען, גרופּן און רעליגיעזע באַוועגונגען איבער די אויפגאַבן און פּראָגראַמען פון אידישער דערציאונג, נאָר אַפילו יעדער איד האָט זיך זיין בליק אויפן חינוך און זיין פּערזענלעכע מיינונג וואָס עס דאַרף מיט די קינדער געלערנט ווערן.

מיט יאָרן צוריק, אין דער אַלטער היים, איז דער מאָטיוו און פּראָגראַם פון חינוך געווען קלאָר פאַר יעדן. די עלטערן פון די תל־מידים האָבן געוואוסט וואָס זייערע קינדער קריגן אין חדר אָדער אין דער ישיבה.

ס׳איז געווען געגעבן באַקאַנט, אַז דער דרדקי־מלמד לערנט אַלף־בית און עברי; נאָכהער קומט חומש; דער גמרא־מלמד האָט זיך געהאַט זיין סדר הלימוד און די תלמידים אין די ישיבות האָבן זיך געלאָזט שווימען אין ים־התלמוד און אין פּוסקים.

די יעניקע קינדער וואָס האָבן געהאַט פעאיקייטן, אַ גוטן קאָפּ צום לערנען און דערצו אויך חשק און ווען זייערע מלמדים האָבן באַזיצט די קענטעניש און ליב געהאַט זייער פּראָפעסיע — האָבן די תלמידים געמאַכט גרויס דערפאָלג. די גרעסטע צאָל קינדער האָבן זיך באַנוגנט מיט וואָס זיי האָבן געקענט זיך אויסלערנען. אָבער דער פּראָגראַם און די אויפגאַבע זיינען געווען קלאָר און דייטלעך.

אין דער איצטיקער מאָדערנער צייט איז דער ענין פון חינוך שטאַרק פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. נייע געדאַנקען און מעטאָדן פאַר חינוך זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אויך די אומשטענדן זיינען גאַנץ אַנדערע, און ס׳איז שווער צו זאָגן מיט באַשטימטקייט וואָס צו טאָן.

נעמענדיק אין באַטראַכט די איצטיקע קאָמפּליצירטע לאַגע, זיינען אַפילו די געשולטע מחנכים און לערער ניט זיכער וועלכער וועג ס׳איז דער ריכטיקער.

די עסקנים פון אידישער דערציאונג זיינען פּילייכט ערנסט, אָבער זיי קענען זייער ווייניק העלפן אין דעם פאַרפּלאָנטערטן ענין פון חינוך. שוין אָפּגערעדט פון די עלטערן — זיי האָבן דאָך זיכער ניט די מעגלעכקייט און די ידיעות אָנצואווייזן דעם פּאַסיקן וועג צו דערפאָלגרייכע רעזולטאַטן.

דער פאַקט איז, אַז ניט נאָר רעליגיעזע באַוועגונגען אונטערשיידן זיך אין פּראָגראַם, נאָר יעדער קהילה, קאָנגרעגיישאָן און שול אונטער־שיידט זיך אין אַ סך פּרטים סיי אין סדר הלימוד, אין צייט פון לערנען און סיי אינעם תכלית פון דעם חינוך, לויט די אומשטענדן און באַ־גריפן פון יעדער גרופּע.

ס׳איז אוממעגלעך אַרומצורעדן אָט־די אַלע פאַרשידענע מיינונגען און באַגריפן פון איצטיקן חינוך אין אַמעריקע. ס׳איז אָבער מעגלעך און נויטיק זיך אָפּצושטעלן בקיצור אויף די פונדאַמענטאַלע חילוקי דעות און אויף די יסודות וואָס אונטערשיידן די פאַרשידענע גרופּן און זייער בליק אויף דעם תכלית און אויפגאַבע פון אידישער דער־ציאונג און די פאַרשידנאַרטיקע פּראָגראַמען.

צוליב באַקוועמלעכקייט און קלאָרקייט וועלן מיר איינטיילן די וועגן פון חינוך אין 9 גרופּן וואָס עקזיסטירן אין דער צייט ווען אָט־די שורות ווערן געשריבן: 1. קאָמוניסטישע שולעס. 2. אידישיסטישע

שלום־עליכם־שולן. 3. אַרבעטער־רינג־שולן. 4. אידיש־נאַציאָנאַלע פאָלקס־שולן. 5. חדרים און פריוואַטע שטונדע־געבער. 6. זונטיק־שולן. 7. העברעאישע בתי־ספר. 8. תלמוד־תורה׳ס און ישיבות. 9. די נייע גאַנצן־טאָג ישיבות קטנות אָדער אַקאַדעמיעס.

איניקע פון זיי זיינען גרויס און שטאַרק, אַנדערע קליין און אָרעם. אין די קומענדיקע שורות וועל איך פּרובירן ווי ווייט ס׳איז מיר באַקאַנט דערקלערן זייערע אויפגאַבן און פּראָגראַמען און געבן אַ קורצן פּירוש אויף זיי.

1. קאָמוניסטישע אידישע שולעס

די אויפגאַבע פון די דאָזיקע שולעס איז צו דערציען אַ דור פון קאָמוניסטן. זייער פּראָגראַם באַשטייט אויסשליסלעך פון אַזעלכע לי־מודים, וואָס מאַכן די קינדער אויפמערקזאַם אויף דער „פאַרפוילט־קייט״ פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און וועקן אויף אין דעם יונגן קינדערשן הערצל אַ האַס צו דער עקזיסטירנדיקער געזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג, אַנשטרענגענדיק זיך אַנצושטאָפּן די מוחות און הערצער פון די קינדער, אַז קאָמוניזם איז דער איינציקער וועג פון גאולה פאַר דער וועלט און דער מענטשהייט.

טראָץ דעם וואָס די קאָמוניסטישע שולעס טראָגן דעם נאָמען „אידישע שולעס״, גאַנץ אָפט מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות ווי „אידישער צענטער״, „אידישע שולע״ — איז דער פאַקט אַז דאָס איינציקע וואָס איז אידיש איז די שפּראַך. קיין שום לימוד פון אידן און אידישקייט ווערט דאָרט ניט געלערנט. פאַרקערט, אַלץ ווערט געטאָן צו באַאיינפלוסן די יונגע קינדער פיינט צו האָבן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט אידישער טראַדיציע. זיי פּרובירן דורך „אידיש״־ריידן איינצופלאַנצן אין די צאַרטע קינדערלעך די גאַנצע קאָמוניס־טישע תורה, וועלכע שליסט איין גיפט און שנאה צו יעדער רעליגיע.

די אידישע קאָמוניסטן האָבן די ספּעציעלע אויפגאַבע, צו פאַר־סמ׳ען די אידישע מאַסן מיט מורא׳דיקן האַס צו זייער דת און אויך צו אידן אַלס פאָלק און די אידישע שולע ווערט אויסגענוצט פאַרן דאָזיקן צוועק.

צום גליק איז זייער אונטערנעמונג ניט דערפאָלגרייך און די צאָל פון זייערע תלמידים איז אומבאַדייטנד. ווייל די אידישע מאַסן וויסן זייערע וועגן און פאַרשטייען זיך צו דערוויטערן פון זיי.

2. אידישיסטישע „שלום־עליכם״־שולעס

די אויפגאַבע פון דער אידישיסטישער שולע איז צו מאַכן פון אידיש דעם יסוד כל היסודות. אידיש איז — לויט דער אויפפאַסונג פון די אָנהענגער — אַלץ וואָס ס'איז נויטיק צו זיין אַ איד. ס'איז די פאַרגאַנגענהייט, די קעגנוואַרט און די צוקונפט פון אידישן פאָלק.

די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, די אַלע גרויסע ווערק וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער העברעאישער שפּראַך — דאָס אַלץ ווערט לגמרי איגנאָרירט.

רעליגיע און טראַדיציאָנעלע לימודים האָבן ניט קיין פּלאַץ אין דעם פּראָגראַם פון די אידישיסטישע שולעס. די לערער און מחנכים האַמערן איין זאַך — אידיש; טראָץ דעם וואָס די אומשטענדן זיינען קעגן דעם.

זיי, די דאָזיקע פירער, גלויבן, אַז אידיש־ריידן און אידיש־לייענען וועט געגנוג זיין צו גאַראַנטירן דעם קיום פון אידן אין דער צוקונפט.

ס'איז צום באַדויערן, וואָס די דאָזיקע פאַרבלאָנדזשעטע אידישיסטן האָבן אויסגעקליבן דעם טייערן, פּאָפּולערן שלום עליכם אַלס זייער שטערן.

שלום עליכם איז, ווי באַקאַנט, זיין גאַנץ לעבן געווען אַ וואַרעמער טראַדיציאָנעלער און נאַציאָנאַלער איד. ער האָט אַליין געשריבן אין העברעאיש און זיינע ווערק זיינען איבערגעזעצט אין אַ פּראַכטפולן העברעאיש דורך זיין איידעם דער באַרימטער העברעאישער שריפטשטעלער בערקאָוויץ.

עס זעט אויס אַז זיין מזל איז אַריינצופאַלן אין די הענט פון קעגנער פון אידן און אידישקייט. ווי באַקאַנט איז שלום עליכם דער ליבלינג פון די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד און איז כמעט דער איינציקער באַדייטנדיקער אידישער שריפטשטעלער וואָס איז דאָרט דערלויבט.

3. אַרבעטער־רינג־שולעס

אויך אין אָט־די שולעס פאַרנעמט אידיש דעם אויבן־אָן. זיי באַנוצן זיך מיט אידישע ביכלעך מיט עכט־אידישע פאָלקס־ווערטער ווי הינטעלע, קעצעלע, טעפעלע אד״גל. אָבער ווי ס׳זעט אויס, זיינען די פירער און לערער פון די דאָזיקע שולעס ניט אַזעלכע שרעקלעכע קנאים פאַר אידיש ווי זיי זיינען אין די שלום־עליכם־שולעס.

דער פּראָגראַם איז אַ פּאַרעווער — ניט מילכיג, ניט פליישיק. אַ נייטראַלער. קיין זאַך ווערט ניט געטאָן צו ווירקן אויף די קינדער צו ווערן וואַרעמע אידן, אַלס קינדער פון ראַדיקאַלע עלטערן, ווערט מיט זיי געלערנט אידישע געשיכטע אויף אַ וועג וואָס די אידישע פאַרגאַנגענהייט זאָל זיי חלילה ניט באַגייסטערן. דער בנין פון ארץ־ישראל ווערט דערמאָנט אויף אַ וועג, אַז די קינדער זאָלן חלילה וחס ניט ווערן באַגייסטערט פאַר אַ אידישער היים. זייער הויפּט־אויפגאַבע איז — די קינדער זאָלן זיך קענען צוזאַמענריידן מיט זייערע אינטער־נאַציאָנאַלע עלטערן. אויב דאָס ווערט דערגרייכט איז אַ גרויסע פראַגע.

4. נאַציאָנאַלע אידישע פאָלקס־שולן

דאָס זיינען דערציאונגס־אַנשטאַלטן פון דעם „נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־פאַרבאַנד״, פּועלי־ציון און פּיאָנערן־פרויען. ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אין אָט־די שולן ווערט אָנגעפּירט אַ פּראָגראַם פון אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־כאַראַקטער: וואַרעמע נאַציאָנאַליסטישע אידייען, בנין ארץ־ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות, לויט דעם פּראָגראַם פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, לויט דער אויפפאַסונג פון דעם לינקן פליגל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. העברעאיש ווערט אָנערקענט ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך צוזאַמען מיט אידיש. ווי גוטע נאַציאָנאַלע אידן נעמט דער פּראָגראַם אַריין די לימודים פון אידישע ימים־טובים און אַ געוויסן רעספּעקט פאַר אידישע טראַדיציעס. די לימודים פון רעליגיעזן כאַראַקטער ווערן אָפּט באַרירט, אָבער ווי עס זעט אויס איז נאָך דער וועג ניט געפונען געוואָרן ווי צו האַנדלען מיט די דאָזיקע לימודים.

5. חדרים און פּריוואַטע שטונדע־געבער

די עלטערן פון די קינדער וואָס באַנוצן זיך מיט אַט־דעם אַלטן דרך פון דערציאונג, זיינען אַליין די „מחנכים״ און מאַכן זיך זייער אייגענעם פּראָגראַם לויט זייער פאַרלאַנג פאַר זייערע קינדערס אידישער דערציאונג.

די מערהייט שטעלן זיך צופרידן מיט אַביסל עברי, און די הויפּט־אויפגאַבע איז נאַטירלעך אויסצולערנען די אינגלעך אַביסל אידישקייט און זיי צוגרייטן פאַר זייערע בר־מצוה־פייערונגען.

ס'איז אוממעגלעך צו ריידן וועגן אַ פּראָגראַם פאַר דער דאָזיקער גרופּע, ווייל ס'איז אַ פּריוואַטער ענין. די לערער און מלמדים זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך צו קיין פירערשאַפט; יעדער מלמד אָדער שטונדע־געבער טוט וואָס עלטערן פאַרלאַנגען.

6. די זונטיק־שולע, באַקאַנט אַלס סאַנדיי־סקול

לויט דער צאָל תלמידים איז די דאָזיקע גרופּע אָן צווייפל די גרעסטע. מערסטנס דערפאַר, ווייל דער פּראָגראַם און די צייט פון לערנען איז דער קירצסטער און דער לייכטסטער — ממש אַ „תורה כולה על רגל אחת״.

אָנגעהויבן די־אָ שולעס האָבן די רעפאָרם־אידן, וועלכע האָבן — לויט זייער אויפפאַסונג פון פאַרקירצן, אויסטריקענען און אויסדאַרן אידישקייט — אויך פאַרקירצט דעם שולחן־ערוך פון קינדער־דערציאונג.

פון די אַלע אומענדלעכע אוצרות פון אידישן גייסט וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין אַלע דורות, באַנוגנט מען זיך מיט אַ פּראָגראַם פון אַ שטונדע־צוויי אַ וואָך.

אַלץ וואָס איז נויטיק איז צוזאַמענגענומען אידישע קינדער אין דעם „הייליקן״ זונטיק און באַנוצן זיך מיט אַ קליין אויסגעדאַרט ענגליש ביכל, וואָס שליסט איין אין זיך די גאַנצע תורה פון די שאַפונגען פון די חכמי ישראל — אויסלערנען די גאַנצע תורה.

מ'דערציילט אויך די קינדער אַ פּאָר מעשיות, אויך עטוואָס וועגן

די אידישע „האָלידעיס״ צוזאַמען מיט אַ פּאָר לידלעך, מערסטנס אין ענגליש — און מיט דעם ענדיקט זיך דער גאַנצער חינוך־פּראָגראַם.

צום גליק האָבן לעצטנס אָנגעהויבן בלאָזן וואַרעמע ווינטן אַפילו אין די רעפאָרם־טעמפּלען. די העברעאישע שפּראַך איז כשר געוואָרן און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ ברייטערער פּראָגראַם פאַר אַ קליינער צאָל תלמידים, וועלכע באַזוכן קורסן אין העברעאיש, חומש, אַ פּאָר מאָל אַ וואָך.

יעדנפאַלס איז די סאָנדיי־סקול צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אין די רעפאָרמער און קאָנסערוואַטיווע קרייזן און האָט לעצנסט אויך אַריינגעדרונגען אין דער פעסטונג פון אָרטאָדאָקסישע שולן מיט דעם הכשר פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים.

7. העברעאישע בתי־ספר

די אויפגאַבן און שטרעבונגען פון די מחנכים פון די בתי־ספר זיינען הויכע און דערהאַבענע. די עסקנים און די לערער זיינען אי־דעאַליסטן און גלויבן אין דער אויפלעבונג פון העברעאיש טראָץ אַלע שוועריקייטן.

זיי גלויבן אין דער שיטה פון עברית־בעברית און שטרענגען אָן זייערע כוחות אַז די תלמידים זאָלן אויסלערנען די שפּראַך צו־זאַמען מיט די אַלטע און נייע אוצרות וואָס זיינען געשאַפן אין העב־רעאיש.

דער פּראָגראַם איז אַ רייכער און שליסט איין תפילות, תנ״ך, געשיכטע, חכמת־ישראל, דקדוק, העברעאישע ליטעראַטור, דינים ומנ־הגים, ארץ־ישראל וכדומה.

די קריטיק וואָס ווערט אויסגעזעצט קעגן די העברעאישע שולן איז, אַז דער פּראָגראַם איז צו־רייך און איז ניט צוגעפּאַסט פאַר אַמעריקאַנער אומשטענדן און איז דערפאַר אומדורכפירבאַר.

די סטאַטיסטיק ווייזט, אַז אַן אַמעריקאַנער דורכשניטלעך קינד באַזוכט די שול אַרום 2 יאָר. אַראָפּרעכענענדיק די טעג וואָס די שולעס זיינען געשלאָסן, בלייבט ווייניק צייט פאַר אַזאַ רייכן פּראָגראַם. דער רעזולטאַט איז, אַז אין מערסטע פאַלן ווערט אַזאַ סאָרט פּראָגראַם

אַ פאַרלוסט פון צייט, ווייל דאָס ביסל העברעאיש וואָס די תלמידים האָבן מיט גרויס שווערקייט זיך אויסגעלערנט ווערט שנעל פאַרגעסן און די אַנדערע פונדאַמענטאַלע ידיעות ווי עברי, חומש, אידישע טראַדיציעס, האָבן די קינדער ווייניק געקראָגן צוליב דער באַגרע־נעצטער צייט פאַר אַט־די לימודים.

ס׳איז אָבער פאַראַן אַ וואונדערבאַרע געלעגנהייט פאַר אַ באַגרע־נעצטער צאָל פייאיקע קינדער, וועלכע זיינען פון דער נאַטור באַגאַבט מיט זעלטענע אייגנשאַפטן און האָבן חשק צו לערנען. פאַר זיי זיינען די העברעאישע בתי־ספר אַ וואונדערבאַרע געלעגנהייט צו דערגרייכן אַ הויכע שטופע פון אידיש וויסן.

די עלטערן פון אַזעלכע געבענטשטע קינדער זאָלן טאָן אַלץ צו דערמוטיקן זייערע קינדער צו באַזוכן אַזעלכע בתי־ספר און דער־גרייכן אַ הויכע מדרגה פון אידיש וויסן.

8. מאָדערנע תלמוד־תורה׳ס

דאָס איז די גרעסטע גרופּע חינוך־אינסטיטוציעס נאָך סאַנדיי־סקול. עס רעדט זיך דאָ וועגן די אָרגאַניזירטע שולן, וועלכע ווערן באַזוכט פון קינדער יעדן טאָג אין די נאָכמיטאָג־שטונדן. זיי ווערן קאָנטראָלירט און אָנגעפירט פון פאַכמענער. אין די דאָזיקע שולן איז איינגעפירט אַ סיסטעמאַטישע אָרדענונג אין לערנען דורך פּראָפע־סיאָנעלע, קאָמפּעטענטע לערער אונטער דער השגחה פון אַ מחנך.

דער פּראָגראַם בשטייט פון אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אידישער דערציאונג, אין אַ וועג וואָס זאָל אַפּעלירן צום מוח און האַרץ פון אַמעריקאַנער קינד.

עס מוז פאַרשטאַנען ווערן, אַז די אידישע תורה, די ימים־טובים, די דינים און מנהגים און דאָס גאַנצע טאָג־טעגלעכע אידישע לעבן זיינען ענג צוזאַמענגעבונדן און צוזאַמענגעקניפּט און ס׳איז אוממעגלעך זיי פונאַנדערצוטיילן.

יעדער פּאַרזון וואָס ווערט געמאַכט פונאַנדערצורייסן די ידיעות פון דת און נאַציאָנאַליזם, איז אַ צעברעקלונג פון אידישן חינוך. דער וועג צו לערנען אידישע קינדער בלויז רעליגיע אָדער בלויז

פּאַלסטימלעכן נאַציאָנאַליזם, איז אַ פאַרקריפּלונג פון די קינדערישע נשמות.

די אויפגאַבע פון די מאָדערנע תלמוד־תורה׳ס איז צו דערציען אידישע קינדער אַלס גוטע ,ערלעכע מענטשן, טרייע בירגער פון לאַנד און וואַרעמע, טראַדיציאָנעלע אידן און אַז זיי זאָלן זיין צוגע־פּאַסט אַנטיילצונעמען אין דעם טראַדיציאָנעלן לעבן ביי זיך אין הויז, אין שול, אין גאַס און אין אַלע אַקטיוויטעטן צו העלפן פאַר־שענערן און פאַרבעסערן דעם אידישן לעבן.

דער פּראָגראַם שליסט איין: תפילות, תנ״ך, העברעאיש אַלס שפּראַך, די באַדייטונג פון שבת, ימים־טובים, נאַציאָנאַלע טעג, בנין ארץ־ישראל, דינים ומנהגים, רש״י, משנה און גמרא פאַר העכערע קלאַסן.

דער גייסט פון די תלמוד־תורה׳ס איז אַן עכט־אידישער. די ימים־טובים ווערן געפייערט דורך די תלמידים לויט טראַדיציע. די קינדער ווערן דערצויגן צו טאָן כלל־אַרבעט, געבן צדקה און אַרבעטן און זאַמלען פאַר בנין ארץ־ישראל.

נעמענדיק אין אַכט די באַשרענקונג אין צייט, מוז מען אין אַ סך פאַלן מקריב זיין העברעאיש און זיך באַנוצן מיט ענגליש.

די דאָזיקע חינוך־אינסטיטוציעס ליידן גאַנץ אָפט פינאַנציעל און זיכער זיינען אין זיי פאַראַן פּראָבלעמען פון לערער, פון אָרגאַניזירן קלאַסן פון פאַרשידענע קינדער לויט דער עלטער, דאָס פאַרפעלן צו באַזוכן פון די קינדער און נאָך אַ סך פּראָבלעמען. עס פאָדערט זיך פיל געדולד און שווערע אַרבעט פון די עסקנים און די לערער אַרויסצוקריגן געוואונטשטע רעזולטאַטן.

אַ גרויסע צאָל פון די חינוך־אינסטיטוציעס אין די קאָנגרע־גיישאָנס — אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיווע — זיינען אין דאָזיקן קלאַס. די רעזולטאַטן פון אַזעלכע שולן הענגען פיל אָפּ פון די רבנים, ראַביים און מחנכים פון די שולן.

9. גאַנצן־טאָג־שולן, ישיבות קטנות און אַקאַדעמיעס

אין דער צייט ווען די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן, פאַרשפּרייט זיך אַ באַוועגונג צו עפענען און אַנטוויקלען חינוך־אינסטיטוציעס

וואָס שליסן איין אַלע לימודים אונטער איין דאַך. אידישע קינדער וועלן קריגן זייער אַלגעמיינעם שטודיום לויט דעם פּראָגראַם פון די פּאַבליק סקולס צוזאַמען מיט אידישע לימודים.

אַזעלכע אַקאַדעמיעס אָדער ישיבות קטנות געפינען זיך שוין איצט, הגם נאָך אין אַ קליינער צאָל, און ווערן אָנגעפירט דורך מחנכים פון אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן.

אַ גרויסע שטערונג צו אַ שנעלער אַנטוויקלונג פון אַזעלכע שולן איז די הוצאות פון אַזאַ ברייטן פּראָגראַם, וואָס זיינען קאָלאָסאַלע, צוליב דעם וואָס מ'מוז אויך דעקן די שכירות פון די לערער פון דעם ניט־אידישן פּראָגראַם.

ס'איז אויך פאַראַן אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע פון געוויסע אידישע פירער, בעיקר אין דעם רעפאָרם־לאַגער, אָפּצוזונדערן אידישע קינדער און שאַפן פאַר זיי „פּאַראָקיעל סקולס".

אין איצטיקן מאָמענט האָבן בלויז אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן געמאַכט אַט־דעם געוואָגטן שריט. עס הערן זיך אָבער לעצטנס קלאַנגען, אַז אויך די רייכע קאָנסערוואַטיווע קהילות פון לאַנד דיסקוטירן די מעגלעכקייט צו עפענען אַזעלכע שולן.

די רעזולטאַטן זיינען דערווייל אויסערגעוויינלעך לויבנסווערט. די תלמידים פון אַזעלכע מוסדות ווייזן אַרויס גרויסע דערגרייכונגען סיי אין די לימודים און סיי אין זייער באַציאונג צו אידישע טראַדיציעס.

ס'איז אָן צווייפל, אַז די פאַרשפּרייטונג פון די דאָזיקע אַנשטאַלטן וועט דערהויבן דעם אידישן חינוך אין אַמעריקע צו דער העכסטער מדרגה.

15־טער יאַנואַר, 1937.

אונזער אַרמיי

באַלד צוויי צענדליק יאָר זיינען אַוועק זינט ס'האָט זיך פאַרענדיקט די שרעקלעכע וועלט־מלחמה, וועלכע איז אויסגעקעמפט געוואָרן צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע.

דער סוף פון דער בלוטיקער מלחמה האָט געזאָלט זיין דער

אָנפאַנג פון אַ שענערער, ליכטיקער און יושר׳דיקער וועלט. וואָס האָט אָבער אין דער ווירקלעכקייט פּאַסירט אין דער דאָזיקער קורצער צייט?

נאָך קיינמאָל אין דער וועלט־געשיכטע איז ניט געווען די וועלט אַזוי אומזיכער פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע ווי זי איז עס איצט. די גאַנצע אַזוי־גערופענע ציוויליזירטע וועלט איז כמעט אָן אויסנאַם איצט מער ווי ווען עס איז פריער שטאַרק פאַרנומען מיט זייער נאָבעלער און הייליקער אויפגאַבע — גרייטן זיך פאַר אַ נייער בלוטיקער מלחמה.

קיינמאָל איז ניט געווען אַזאַ שרעקלעכע מהומה, אַ ווילדע בהלה פאַר די הכנות צו מאָרד און חורבן, ווי אין דער איצטיקער צייט.

די לענדער וואו די בלוטיקע דיקטאַטאָרס געוועלטיקן גרייטן זיך אָפן אָנצופאַלן אויף די קלענערע און שוואַכערע פעלקער און זיי איינשלינגען.

זיי דאַרפן אַפילו ניט האָבן קיין תירוץ און קיין אויסרייד פאַר זייערע מעשים. זיי ברויכן אַפילו ניט האָבן די פּאָליטישע דריידלעך. זייער חוצפּה און אומפאַרשעמטקייט האָט דערגרייכט די נידעריקסטע מדרגה. אָפן און אָן בושה שטייען זיי פאַר דער ציוויליזירטער וועלט אין 20־סטן יאָרהונדערט מיט זייער אָפּשטויסנדיקער נאַקעטקייט. אָן קיין שום המצאות אָדער פאַלשע פּאָליטישע מאַכינאַציעס האָבן זיי, די בלוטיקע דיקטאַטאָרס, אויסגעגראָבן דעם ווילדן און אוממענטש־לעכן געזעץ פון די באַרבאַרישע צייטן — אַז מאַכט איז רעכט, און האָבן פאַרוואָרפן די ציוויליזירטע מאָראַלישע געזעצן פון יושר און גערעכטיקייט.

זיי באַרעכטיקן זייערע אָנפאַלן, מאָרד, צעשטערונג און רויב מיט דעם וואָס זיי זיינען שטאַרק און מעכטיק; זיי האָבן צוגעגרייט אַ ריזיקע אַרמיי, אַ מורא׳דיקע מאַכט אויפן ים און אין דער לופט און פאַרמאָגן אַ ריזיקע צאָל מאָרד־מכשירים — און אַלץ איז זיי דערלויבט.

אַ גוטן ביישפּיל האָט געוויזן מוסאָליני, דער דיקטאַטאָר פון איטאַליע, מיט זיין פאַרכאַפּן דאָס אומשולדיקע, רואיקע לאַנד עטיאָ־פּיע. פּונקט ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען די דעמאָלטיקע מעכטיקע רוים האָט חרוב געמאַכט לענדער, האָט אויך די איצטיקע רוים חרוב געמאַכט אַ פריי, רואיק לאַנד, אויסגעמאָרדעט דאָס אומ־

שולדיקע עטיאָפּישע פאָלק, אויסגעשאָסן און אויסגעקוילעט די העל־דישע זין פון דעם לאַנד, וועלכע האָבן געוואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן און פאַרטיידיקן זייער היימלאַנד קעגן די אַטאַקירער, וואָס זיינען זיי באַפאַלן צו רויבן זייער לאַנד און זייער פרייהייט.

דאָס ערגסטע אָבער איז, וואָס די ציוויליזירטע פעלקער פון דער מאָדערנער יושר׳דיקער וועלט זעען אַלץ און שווייגן און שרעקן זיך אַפילו אויפצוהויבן אַ פינגער אין פּראָטעסט.

נאָך חוצפה׳דיקער פון מוסאָלינין איז דער נייער המן־היטלער פון דייטשלאַנד, דער ערגסטער שונא ישראל, וואָס באַקעמפט אַלץ וואָס איז יושר׳דיק און גערעכט.

מיט זיינע גראָבע שטיוול טרעט ער אויף אַלע מענטשלעכע גע־זעצן פון פרייהייט, און מיט דעם אויסרייד צו באַפרייען דאָס דייטשע פאָלק, האָט ער פאַרשקלאָפט זיין אייגן פאָלק און זיי, די דייטשן, פאָלגן אים נאָך בלינדערהייט.

היטלער גרייט זיך פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט אָנצו־הויבן אַ מורא׳דיקע, שרעקלעכע מלחמה, וועלכע וועט וואַרשיינלעך חרוב מאַכן לענדער און פעלקער און באַקערן איראָפּע אין אַ גיהנום פון שווערד און בלוט.

מיר אידן שטייען מיט פלאַטערדיקע הערצער און אונזער שרעק איז אומגעהויער, ווייל מיר ווייסן פון ביטערער דערפאַרונג, אַז די ערשטע קרבנות זיינען אידן, איבערהויפּט ווען דער המן האָט אָפן דערקלערט זיין פּראָגראַם להשמיד ולהרוג.

די דעמאָקראַטישע לענדער, שרעקנדיק זיך פאַר דעם מורא׳דיקן אַפּעטיט פון די ווילדע דיקטאַטאָרס, האָבן זיך אויך אַריינגעוואָרפן מיט דער גרעסטער התלהבות אין דער הייליקער אַרבעט פון צוגרייטן די אַרמייען און די מכשירים פון טויט און חורבן.

דאָס טרויעריקסטע איז, וואָס די דערציאונג פון דער יוגנט איז אין די הענט פון אַזעלכע מחנכים וואָס פאַר׳סמ׳ען די קינדערישע נשמות מיט האַס און שנאה, מיט אַ לוסט צו נקמה און מאָרד.

דער נייער דור פון יעדן לאַנד אין דער וועלט ווערט איצט דערצויגן אין אַן אַטמאָספערע, וואו מלחמה איז פאַרהייליקט; טויטן

מענער, פרויען און קינדער פון שונא איז פאַררעכנט פאַר אַ הייליקער מצוה און לויבנסווערטיקע העלדישקייט.

ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן וואָס די אַרמייען וועלן אויפטאָן אין דער נאָנטער צוקונפט. ס׳שווידערט פון דעם געדאַנק וואָס די מענטשהייט איז מסוגל צו טאָן, נאָכפאָלגנדיק די תורה און די אידעאָלן פון קריג, מאָרד און רויב אין וועלכע די יוגנט ווערט דערצויגן אין אַלע לענדער און אויך אין די דעמאָקראַטישע מדינות אינעם 20־טן יאָרהונדערט.

די געציילטע בעסערע מענטשן, וועלכע האָבן אָפענע אויגן און זעען דעם קומענדיקן חורבן, זיינען מאַכטלאָז. ס׳איז איצט אַ גרויסע סכנה אַרויפצוברענגען אויף די ליפּן דאָס וואָרט שלום. יעדער איינער וואָס איז קעגן מלחמה ווערט באַטיטלט אַלס פאַררעטער.

די וועלט איז איצט איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן, פינסטערן וואָלקן פון שרעק, אימה פאַר דער צוקונפט און מיט ביטערע געפילן פון האַס און נקמה.

שטייען מיר אידן אין סאַמע־מיטן פון דער בהלה אין יעדן לאַנד און מיר זיינען ניט־ווילנדיק פאַרמישט אין דער מהומה פון דעם געיעג פאַר מאָרד און צעשטערונג. מיר שטוינען ווי די קריסטלעכע פעלקער, די אָנהענגער פון קריסטלעכן גלויבן, וואָס פּריידיקט אומבאַגרענעצטע מענטשן־ליבע און שווינענדיקע הילף צו אַלע מענטשן־קינדער; די נאָכפאָלגער פון דעם „דערלייזער" און „משיח", וועלכער האָט געשאַפן דעם סלאָגאַן: „ווען מ׳פּאַטשט דיר אויף איין באַק — שטעל אונטער די צווייטע.

אָט די זעלבע קריסטלעכע פעלקער גרייטן זיך פאַר אוממענטשלעכער, אַכזריות׳דיקער אַרבעט פון מאָרדן מענטשן און צעשטערן ג־ט׳ס וועלט.

אַלס אידן, וואָס זיינען די ערשטע צוליידן אַפילו אין פרידלעכע צייטן, פילן מיר און באַגרייפן מער ווי אַנדערע דעם שווידער פון קריג.

מיר זיינען נאָך אַלץ אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אָן אַ רעגירונג און זיינען ניט קיין מיטגלידער אין דער ליג פון נאַציעס. אונזער שטימע ווערט ניט געהערט — און דאָך וואָלט זיך וועלן צו טאָן עפּעס וואָס

צו לינדערן דעם וועלט־שמערץ און מאַכן אַן אָנשטרענגונג אָפּצושטעלן די ווילדע משוגעת, אין וועלכער די וועלט געפינט זיך איצט.

מיר, די אייניקלעך פון די נביאים, וועלכע האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אויפגעהויבן זייער שטימע און מוטיק געקעמפט קעגן מאָרד, רויב און אומגערעכטיקייט, דאַרפן איבערנעמען זייער הייליקע אַרבעט. מיר אידן, ביי וועמען די גרעסטע און הייליקסטע ברכה איז שלום; וואָס בעטן אין אונזערע תפילות טעגלעך פאַר שלום און פרידן, לעכצן מיט אַלע אונזערע כוחות פאַר שלום און בעטן אַז ליבע און אַכטונג זאָל הערשן צווישן די פעלקער פון ג־ט׳ס ערד.

צום באַדויערן, זיינען מיר צו־שוואַך עטוואָס צו טאָן דירעקט צו באַאיינפלוסן די פאַר׳עשקנ׳טע בלוט־דורשטיקע קריסטלעכע פעל־קער, וועלכע זיינען פאַר׳שיכור׳ט און דורכגעדרונגען מיט די נידעריקע בעסטיאַלישע געפילן פון האַס און נקמה, איבערהויפּט די פאַרשקלאַפּ־טע מאַסן אין די דיקטאַטאָרישע לענדער, וועמען זייערע פירער האָבן פאַרבלענדט די אויגן מיט פאַלשע סלאָגאַנס.

מיר וועלן דעריבער מוזן זיך באַנוגענען מיט אונזערע אויסגע־פּרובירטע מיטלען אומדירעקט אויף אונזער אייגנאַרטיקן אופן.

מיר זיינען אפשר דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס שליסט נישט איין די באַגייסטערונג און פאַרערונג צו מלחמה און האַס צו אַנדערע פעלקער אין אונזער דערציאונגס־פּראָגראַם. מיר שטרעבן צו דעם, אַז אידישע קינדער, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבער דער וועלט, זאָלן דערצויגן ווערן ניט נאָר אַלס שטאָלצע און איבערגעגע־בענע אידן, נאָר אויך אַלס גוטע, ערנהאַפטע מענטשן, טריי צו דער לערע פון אונזערע נביאים.

אונזער פּראָגראַם פון חינוך איז אַ נאָבעלער: דער תנ״ך, אין וועלכן די נביאים האָבן געפּריידיקט די העכסטע מדרגה פון שלום; די אידישע ימים־טובים, אין וועלכע מיר דריקן אויס דאַנקבאַרקייט צום באַשעפער און אין וועלכע טראַדיציאָנעלע אידן פרייען זיך מיט די טראַדיציעס פון פרייהייט און געזעצלעכקייט און אויך מיט דער שיינער נאַטור, דער הימל און די ערד, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר אַלע מענטשן־קינדער.

אויך ווערן אין די אידישע חינוך־אינסטיטוציעס געלערנט אַ הויך, מאָראַליש, מענטשלעך לעבן, אָנשטענדיקע באַציאונג צווישן מענטש און מענטשן און רעספּעקט פאַר די ניט־אידישע פעלקער אין דער וועלט.

מיר האָפן, אַז אין מיטן פון דעם וויסטן מדבר, וואָס ברענט מיט פייער, האַס און נקמה פון מענטשן צו מענטש, פון פאָלק צו פאָלק, זאָל אַרויסקומען אַ אידישער דור, וועלכער וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מעכטיקער אַרמיי פאַר שלום, ליבע און גערעכטיקייט.

פּונקט ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען אונזערע נביאים האָבן מיט זייער דונערנדיקער שטימע געשטורעמט און געוועקט דעם גע־וויסן פון דער וועלט קעגן בלוט־פאַרגיסונג, רויב און אומגערעכטי־קייט — אַזוי, האָפן מיר, וועלן די אייניקלעך פון די נביאים אויך אין איצטיקן דור אויפהויבן זייער שטימע אין דעם גיהנום פון אַכזריות און נקמה און אויפהויבן דאָס געוויסן פון דער וועלט און די נאַטירלעכע מענטשלעכע געפילן פון ליבע, שלום און אַחדות אין דער גאַנצער מענטשהייט.

לאָמיר האָפן, אַז אונזער אַרמיי פון שלום וועט גובר זיין די מעכטיקע פינסטערע כוחות פון נקמה און קריג.

26־טער מאַרטש, 1937.

צוריק צו נאָרמאַלן לעבן

דאָס ערשטע מאָל פאַר לאַנגע דורות זיינען מיר איצט אידן אָנער־קענט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט ביי די פעלקער פון דער וועלט ווי אַ נאָרמאַל פאָלק, וואָס דאַרף באַזיצן אַן אייגן לאַנד, מיט די אַלע פריידן און ליידן פון אַ זעלבסטשטענדיקער מדינה.

במשך אַ לאַנגער צייט האָבן ניט נאָר ניט־אידן, נאָר אַפילו אַ צאָל אידן גלייבט, אַז אידן זיינען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער מיט ספּעציפישע, איינהייטלעכע אינטערעסן. אַ גרויסער טייל אידן האָבן

מיט אַלע זייערע חושים פאַרטריבן פון זיך דעם געדאַנק פון באַזיצן אַ זעלבסטשטענדיק לאַנד און אַלץ וואָס טראָגט מיט זיך די כאַראַקטעריסטיק פון אַ נאַציע.

האָט איצט פּאַסירט וואָס עס האָט לאָגישערוויז געדאַרפט פּאַסירן. אַדאַנק דער עקשנות פון סתם־אידן בכלל און פון די ציוניסטישע טרוימער און בויער בפרט, האָט די וועלט אָנערקענט אונזער רעכט אויף אַ פּלאַץ אין דער וועלט אַלס אַ היימלאַנד פאַר אידן.

ס׳איז אמת, אַז אין אַלע צייטן זיינען מיר געווען באַצייכנט ווי אַן איינהייטלעכע גרופּע. דער כלל פון „כל ישראל ערבים זה בזה" האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג אין אַלע דורות און אין אַלע לענדער.

דאָס איז אָבער געווען בלויז לגנאי — צו שעדיקן דעם אידישן כבוד. ווען איין איד האָט זיך פאַרזינדיקט און אָפּגעטאָן אַ ניט־שיינע זאַך, איז דאָס בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן ווייט און ברייט אין דער עפנטלעכקייט, און דער גאַנצער כלל־ישראל איז פאַר׳משפט געוואָרן אַלס פאַרברעכער.

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען אידן חשוד ווי קאָמוניסטן און אין די קאָמוניסטישע לענדער — ווי קאַפּיטאַליסטן. אַזעלכע באַשולדיקונגען ווערן געמאַכט אויף אידן אַפילו ווען די באַשולדיקטע זיינען מיילן אַוועק פון אידן און אידישקייט.

מאַסליאַנסקי, דער באַרימטער פאָלקס־רעדנער, האָט דערויף געהאַט אַ בפירושן פּסוק: „לא יעקב יאָמר עוד שמך כי אם ישראל". ווען יעקב האָט זיך אַ באַלעווע געטאָן מיט דעם מלאך, געוואָרן לייכטזיניק, האָט ער געזאָגט צו יעקב׳ן — איצט, אַז דו האָסט זיך פאַרזינדיקט, וועסטו מער ניט הייסן יעקב, אַ פּריוואַטער מענטש, נאָר ישראל, דער גאַנצער אידישער פאָלק וועט דורכדעם ליידן.

אַזוי האָט זיך געפירט אין אַלע צייטן איבעראַל. אַלע שלעכטע מעשים וואָס אַ איד האָט געטאָן, זיינען אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן חשבון פון אַלע אידן.

צום באַדויערן אָבער, אַלע שיינע טאַטן, אַלע גרויסע און נאָבעלע אויפטוען אין אַלע צווייגן פון דער מענטשליכער קולטור, וועלכע

זיינען מיט אַ ברייטער האַנט געשאַפן געוואָרן דורך איינצלנע אידישע גדולים, זיינען קיינמאָל ניט אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן חשבון פון אידן. אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן געקראָגן קרעדיט פאַר די נאָבעלע מעשים און גרויסע אויפטוען פון אידישע יחידים.

פאַרשידענע פעלקער האָבן זיך באַרימט און שטאָלצירט מיט אי־דישע קינסטלער, דיכטער, שרייבער, פילאָזאָפן, מוזיקער, דיפּלאָמאַטן, העלדן און באַרימטע גדולים אויף יעדן געביט — ניט דערמאָנענדיק דעם אידישן אָפּשטאַם פון די באַרימטע פערזענלעכקייטן.

די סיבה פאַר דעם דאָזיקן אומרעכט איז דאָס וואָס אידן זיינען אַ וואַנדער־פאָלק; דער ביטערער גורל פון מענטשן וואָס האָבן ניט קיין אייגענעם באָדן אונטער זייערע פיס, אַזעלכע וואָס זיינען בלויז אורחים אין פרעמדע לענדער.

די צייט איז ענדלעך געקומען, ווען מיר אידן וועלן זיין ווי אַלע אַנדערע נאָרמאַלע פעלקער. ס׳איז שוין צייט, אַז דער כלל זאָל ניט ליידן פאַר די זינד פון דעם יחיד, פּונקט ווי וועלכער ס׳איז פאָלק ליידט ניט פאַר דעם וואָס עמעצער פון זיין גרופּע האָט געזינדיקט; אָבער פּונקט ווי אַנדערע נאַציעס ווערן קרעדיטירט מיט זייערע באַ־רימטע פערזענלעכקייטן, וועלן אויך אידן קריגן פולן קרעדיט פאַר די נאָבעלע זין און טעכטער פון זייער פאָלק.

מיר לעבן איצט אין אַ צייט ווען דאָס גאַנצע אידישע לעבן ענ־דערט זיך. ס׳איז אַן איבערגאַנגס־צייט פון עבדים צו בני־חורין. די פּסיכאָלאָגיע פון דערנידערונג דאַרף געבן פּלאַץ פאַר דעם געדאַנק פון פרייהייט און שטאָלץ.

ס׳איז אַ שווערע אויפגאַבע אַרויסצורייסן מיט דעם וואָרצל די פּסיכאָלאָגיע פון פאַרשקלאַפונג, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן ביי אידן דורך די לאַנגע דורות פון געטאָ־לעבן אין די גלות־לענדער. ס׳וועט ניט לייכט זיין צו ענדערן דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַלטן דור. מיר מוזן אָבער מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען צו דערציען דעם נייעם דור אַלס גוטע, פרייע, שטאָלצע אידן און נאָרמאַלע מענטשן.

די ציוניסטישע פירער איבערהויפּט דאַרפן זיך פאַרטראַכטן איבער דער פראַגע פון דער צוקונפט פון אידישן פאָלק.

ס׳איז ניט גענוג בלויז צו גרינדן אַ אידישע מדינה. ווייל אַ איד

לאַנד אָן אַ אידיש פאָלק — איז ווערטלאָז. די אידן וועלכע וועלן זוכה זיין צוריקצוגיין צו זייער היימלאַנד דאַרפן זיין גאָרמאַלע, פרייע און שטאָלצע מענטשן.

אַ גרויסע און ברייטע טעטיקייט פאַר חינוך הבנים מוז איצט אָנגעפאַנגען ווערן. דער פּראָגראַם דאַרף איינשליסן די רייכע אוצרות פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און באַאיינפלוסן אונזערע קינדער צוריק־צוקומען צו זייער פאָלק.

דערציאונג איז דער פונדאַמענט פון יעדן פאָלק. אָבער פיל מער איז דאָס נויטיק פאַר אידן. אידישער חינוך איז אין אַלע צייטן געווען דער יסוד כל היסודות, פיל מער באַדייטונג האָט עס אין דער איצ־טיקער היסטאָרישער צייט פון אונזער פאָלק.

3־טער סעפּטעמבער, 1937.

די שרעקלעכע אָרעמקייט אין אונזערע רייען

די אידישע לאַגע אין דער גאַנצער וועלט איז זייער טרויעריק און אין די אייראָפּעאישע לענדער איז זי אומדערטרעגלעך. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך נייע פּורעניות׳ן. דער סם פון שנאת ישראל פאַרשפּרייט זיך ווי אַ וואַלד־פייער. לאַנד נאָך לאַנד שליסט זיך אָן אין די רייען פון די צוררי ישראל און די סכנה פאַר דער עקזיסטענץ פון אידן ווערט מיט יעדן טאָג מורא׳דיקער.

מיר, די אַמעריקאַנער אידן, וועלן זיצן ביים סדר אָנגעלענט און זאָגן די הגדה פון באַפרייאונג, אָבער טיף אין אונזער האַרץ וועט פון אונז אַרויסשרייען: „עת צרה היא ליעקב״.

ס׳איז דאָך אייגענטלעך קיין נייעס ניט אַז אידן זאָלן ליידן. מיר זאָגן דאָך דאָס אין דער הגדה: „בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו״. אונזער לאַגע געשיכטע איז דאָך אָנגעפילט מיט בלוט און פיין. איז אָבער אַ פאַקט, אַז די איצטיקע תקופה איז די שווערסטע און ביטערסטע פאַר אונזער פאָלק. אונזערע שונאים זיינען שטאַרק און מעכטיק און וואַרפן אָן אַ שרעק אויף דער גאַנצער ליבעראַלער וועלט.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ שפּאָגל־נייע צרה וואָס הענגט איבער אונזערע קעפּ, וועלכע וועגט אַריבער אַלע עינויים און גזירות רעות. דאָס איז די צעריסנקייט און צעשפּליטערונג פון אונזערע איי־גענע כוחות.

אין יעדער צייט אין אַן עת צרה און שפּעטער איז די שארית הפּליטה אַרויסגעקומען געשטאַרקט פון אינעווייניק. אידישע צרות זיינען שטענדיק געווען אויך דער באַלזאַם און סם החיים פאַר די אי־בערגעבליבענע. געפינענדיק זיך אין אַן עת צרה און ליידנדיק צרות און עינויים האָבן אידן זיך דערנענטערט צווישן זיך און דער געפיל פון אַחדות און צוגעבונדקייט, ווי אַ פאַראייניקטע עדה אידן, האָט געשטאַרקט זייער גייסט, זייער ווילן צום לעבן און זייערע האָפענונגען אויף בעסערע צייטן.

אין אָנהויב פון דער שרעקלעכער המן־היטלער מגיפה האָט זיך באַמערקט אויף דער אידישער גאַס אַ דערנענטערונג צווישן אַלע קלאַסן אידן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז די רעפאָרמירטע אידן פון איין זייט און די ראַדיקאַלע אידן פון דער צווייטער זייט זיינען צוריק־געקומען צו אונז.

דאָס איז אָבער געווען בלויז אויף אַ קליינער ווײַלע. אונזערע אָפּגעפרעמדטע ברידער האָבן זיך באַלד געכאַפּט און זיך צוריקגעצויגן צו זייערע אַלטע פּאָזיציעס און פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די וואַרעמע אידישע געפילן, וועלכע האָבן זיך אין זייערע הערצער פאַר אַ מאָמענט דערוועקט און מיר זיינען ווידער פאַרבליבן אַליין, עלנט אין אונזער פּיין.

דער רוב פון די יאַהודים און די ראַדיקאַלן האָבן זיך צוריק־געקערט צו זייערע אַלטע פאַלשע וועגן פון מבטל זיין די אידישע צרות און אָפּלייקענען אַז די אידן אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער ליידן ווי אידן און ווי קינדער פון דער אידישער אומה.

ערגער פון אַלץ איז דאָס וואָס מיר האָבן מיט אונזערע אייגענע הענט פאַרשטויסן אונזערע קינדער פון זיך און ווײַ איז צו אַ פאָלק, וואָס פאַרלירט זיין יוגנט. טויזנטער מאָל ערגער איז עס פאַר דעם אידישן פאָלק.

די שולד פאַר דעם דאָזיקן מורא׳דיקן פאַרברעכן פאַלט ניט אויף

די אומשולדיקע אידישע קינדער, נאָר אויף זייערע עלטערן וועלכע האָבן — אין געיעג נאָך מאַטעריעלע געווינסן — פאַרלוירן דאָס שענסטע און בעסטע און באַרויבט זייער פאָלק פון זיינע אייגענע קינדער.

די שיינע מיסטעריעזע פּאָעמע „חד גדיא", מיט וועלכער מיר פאַרענדיקן דעם פסח־סדר, איז אַרומגערינגלט מיט אָן אַ שיעור פּירושים און באַלייכטונגען, טיפזיניקע, סודות׳דיקע און פול מיט רמזים.

איינע פון די אומקלאָרקייטן איז די האַרבע קשיא: לויט דעם חשבון אָנהויבנדיק מיט דער קאַץ וואָס האָט אויפגעגעסן דאָס ציגעלע, וואָס איז אַ פאַרברעכן; דאַן דער הונט וואָס האָט באַשטראָפט די קאַץ און איז געווען גערעכט; און לויט דער גאַנצער קייט וואָס איינער האָט דעם צווייטן באַשטראָפט, וועט אויסקומען אַז דער מלאך המות איז גערעכט און הקדוש־ברוך־הוא איז גאָר אומגערעכט... ווי איז דען דאָס מעגלעך — „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?"

איז פאַראַן אויף דעם אַ וויציקער ענטפער: דאָס ציגעלע איז ניט געווען קיין לעבעדיקע נאָר אַ געשאָכטענע און איינגעזאַלצענע; אָבער די באַלעבאָסטע האָט זיך פאַררעכט מיט די שכנות — איז געקומען די קאַץ און האָט, מיט רעכט, באַשטראָפט די באַלעבאָסטע און אויפגעגעסן דאָס פליש.

לויט אָט־דער אויסטייטשונג איז דער חשבון אַ גאַנץ אַנדערער און — הקדוש־ברוך־הוא איז גערעכט.

דער תירוץ איז אַ וויציקער, אָבער דער מוסר השכל פון אים איז אַן ערנסטער. ווען עלטערן לאָזן איבער זייערע קינדער אויף הפקר, אָן אַ אידישער דערציאונג, קומט די קאַץ און כאַפּט אַוועק, מיט אירע שאַרפע נעגל פון אַסימילאַציע, אַ גרויסן טייל פון אונזער יוגנט.

די מערסטע אידן פון מערב־אייראָפּע זיינען שוין לאַנג אַוועק־גענומען געוואָרן פון זייער פאָלק. זיי זיינען געוואָרן עכטע דייטשן, פראַנצויזן אאַז"וו. זיי האָבן אַ קליינע שייכות מיט כלל־ישראל.

איצט, ווען זיי ליידן ווי אידן, איז זייער פּיין און ווייטיק אַ טאָפּל־

טער: מ׳באַשטראָפּט זיי ווײַל זיי זיינען אידן אין דער צייט ווען טיף אין זייער האַרץ פילן זיי ניט קיין פאַרבינדונג מיט אידישקייט.

דאָ אין אַמעריקע זיינען אַפילו די אָרטאָדאָקסישע אידן שולדיק אין נאַכלעסיקייט. זיי האָבן זיך פאַררעדט און זיך געקריגט איבער עליות און כיבודים אין שול; זיי האָבן זיך געאַמפּערט איבער בשר כשר, הכשרים און נאָך אַזעלכע ענינים און האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן אין זייער אייגן פלייש און בלוט, זייערע אייגענע קינדער.

אַ גרויסער טייל פון אונזער יוגנט, וועלכע זיינען געוואָרן אַנ־טוישט אין דער אָפּגעלאָזנקייט און ביליקייט פון דער אָרטאָדאָקסישער פירערשאַפט, זיינען אַוועק אין די רעפאָרמירטע טעמפּלען, און גאָר אַ גרויסע צאָל זיינען פאַרבליבן אינגאַנצן אָן תורה, אָן ידיעות און אָן דעם עול פון מצוות און אידישע טראַדיציעס.

ווי באַקאַנט, ביי אַ פדיון הבן, פרעגט דער כהן דעם פאָטער פון זיין ערשט־געבוירענעם זון אין דער אַראַמעאישער שפּראַך: „מאי בעית טפי?״ — וואָס ווילסטו בעסער, דיין זון וואָס איז אַ בכור און באַלאַנגט צום באַשעפער, אָדער די פינף שקלים אויסלייז־געלט?

עס האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז אַ פאָטער זאָל זאָגן אַז ער וויל בעסער די פינף שקלים.

און דאָך, שפּעטער אין לעבן, באַגייט דער זעלבער פאָטער די גרויסע נאַרישקייט און די שווערע זינד, ווען ער פאַרקויפט די צו־קונפט פון זיין קינד פאַר לומפּיקע עטלעכע דאָלאַר וואָס ער שפּאָרט איין מיט דעם וואָס ער האַלט צוריק די אידישע לימודים און ידיעות פון זיין אייגן קינד.

גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז צוליב דעם וואָס ער קען איינשפּאָרן שכר לימוד אין אַ אידישער חינוך־אינסטיטוציע, וועט אַ פאָטער צוריק־האַלטן זיין קינד פון די ידיעות וועגן די גרויסע אוצרות פון אידישן פאָלק.

אויך פּאַסירט: אַ פאָטער מאַכט אַ חשבון, אַז זיין זון וועט מאַכן מער געלט ווען ער וועט אַוועקגעבן זיין גאַנצע צייט פאַר אַלגעמיינע לימודים אַנשטאָט ער זאָל אָפּגעבן צייט פאַר לערנען אידישע ענינים.

און אַזוי באַרויבט ער זיין קינד פון דעם גליק צו זיין שטאָלץ ווי אַ איד.

צום גליק, איז טראָץ דעם וואָס אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט איז אַוועק פון אונז, מערקט זיך אַ שטראַל פון האָפענונג אַז אַ אידישע יוגנט וועט דערוואַכן און ראַטעווען די לאַגע.

אייניקע פון אונז ווייסן וועגן דער שיינעם מדרש, אַז ווען די אידן זיינען געשטאַנען ביים ים סוף נאָך יציאת מצרים, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט געפאַרן, האָבן זיך די שבטים געקריגט צווישן זיך — יעדער האָט מכלומרשט געוואָלט שפּרינגען אין ים דער ערשטער. ביז דער שבט בנימין — דער אינגסטער — האָט אָן ליאַרעם, שטילער־הייט אַריינגעשפּרונגען. ערשט דאַן האָבן שוין נאָכגעפאָלגט די אַנדערע שבטים.

אין אַלע צייטן פּאַסירט אַז די עלטערן פירן וויכוחים צווישן זיך, אָבער די יוגנט איז ערנסט און אויפּריכטיק.

דער עלטערער דור, אויך אין אונזערע צייטן, האָבן פּערזענלעכע אינטערעסן. זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די שוואַכקייטן פון דעם געטאָ־לעבן און צו דעם זיך אויסגעלערנט די ניט־זויבערע מעטאָדן פון אָט־דעם לאַנד. דערפאַר איז זייער אַרבעט ניט געקרוינט מיט דערפאָלג.

מיר האָפן אַז די היגע אידישע יוגנט, וועלכע האָט גליקלעכער־ווייז אויסגעקליבן דעם וועג פון שיינע אידישע און וועלטלעכע מידות, וועלן זיין ראוי איבערצונעמען די אַרבעט פון כלל־ישראל.

מיט אַ געפיל פון באַדויערן פון איין זייט און די באַפרידיקונג פון דער צווייטער זייט, מוזן מיר ענדערן דעם אַלטן כלל פון פירער־שאַפט מיט דעם נייעם סלאָגאַן:

אַוועקנעמען פון די זקני ישראל און איבערגעבן צו די צעירי ישראל.

15־טער אַפּריל, 1938.

אונזער ענטפער צו די שונאי ישראל

דאָס יאָר תרצ״ח, וואָס מיר באַגלייטן איצט, האָט זיך אויסגעצייכנט מער ווי די ביטערסטע צייטן אין דער לאַנגער, טרויעריקער אידישער געשיכטע, מיט גרויזאַמע ליידן, שרעקלעכע יסורים, אַכזריות׳דיקע געזעצן און שמערצלעכע דערנידערונגען פאַר מיליאָנען פון אונזערע ברידער און שוועסטער פון יענער זייט ים.

מיר אידן שטייען מיט געפילן פון ביטערער אַנטוישונג און אַ קלאָפּעדיק האַרץ, מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט בייזע וועלף וואָס ווילן אונז פאַרשלינגען אָן רחמנות. אונזערע שונאים, וואָס מערן זיך פון טאָג צו טאָג, לויערן אויף אונז ווי ווילדע חיות אין וואַלד; זיי האָבן ממש פאַרלוירן דעם צלם אלקים און מיט זייערע מענטשנפרע־סערישע, פינסטערע, קראַנקע מוחות טראַכטן זיי אויס אַלץ נייע,שמערצ־לעכע, טיף־באַליידקנדיקע גזירות רעות, וואָס דערנידעריקן ביז צום תהום אונזער אידישע און מענטשלעכע נשמה און טרעטן מיט זייערע פיס אונזערע הייליקסטע געפילן.

מיט יעדן טאָג ווערט די לאַגע פון די אומגליקלעכע פאַרפאָלגטע אידן אין די לענדער פון די דיקטאַטאָרס — שווערער און אומדער־טרעגלעכער. דאָס לעצטע שטיקל ברויט ווערט אַרויסגעריסן פון דעם מויל פון אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער.

אַ גרויסע צאָל פון זיי זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע איינגעפונדעוועטע היימען, ניט דערלויבנדיק זיי מיטצונעמען אַפילו אַ קליינעם טייל פון זייער פאַרהאַרעוועטער פאַרמעגן.

די געפּלאָגטע און פאַריאָגטע, אומשולדיקע קרבנות וואַלגערן זיך אַרום אָן אַ באַדן אונטער זייערע פיס און אָן אַ דאַך איבער זייער מידן, אַרעמען קאָפּ.

די שרעקלעכע מגפה פון שנאת ישראל שפּרייט זיך אויס מיט יעדן טאָג; דער אַנטיסעמיטיזם פאַרכאַפּט אַלץ נייע לענדער און נייע פעלקער. איין פאָלק זוכט איבערשטייגן דעם צווייטן מיט רשעות קעגן אידן. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געמאַכט יד אחת, איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק אָן

רחמנות און מאַכן אַ סוף צו דעם גלויבן אַז אידן זיינען אַן אייביק פאָלק.

די דיקטאַטאָרס און זייערע אַנהענגער גייען אַן אין אַ געיעג פון אַ פּראָגראַם פון טיפע באַליידיקונגען, גזירות רעות און פאַרניכטונג.

די אידישע שונאים האָבן זיך אַפילו אַריינגעריסן אין דעם אייג־ציקן לאַנד פון אונזערע האָפענונגען, דער איינציקער פלאַץ אין דער גאַנצער וועלט, וואוהין די אויגן פון די אומגליקלעכע אידן זיינען געווענדעט אַלס דער איינציקער שטראַל פון האָפענונג.

די רשעים האָבן אויסגעברייטערט זייערע טייוולאַנישע פּלענער און רשעות׳דיקע מעשים אויך דאָרט און זיי פאַרשפּרייטן האַס און גיפט בכדי חרוב צו מאַכן דעם בנין וואָס איז מיט גרויס מי און מסירת נפש געבויט געוואָרן.

די אידישע פירער פון דער וועלט, די יעניקע וואָס האָבן דעם גליק צו לעבן אין דעמאָקראַטישע לענדער, זיינען באַזאָרגט איבער דעם גורל פון מיליאָנען אידן, וועמענס לעבנס זיינען אין געפאַר און פּרובירן אַלע מיטלען אָפּצושטעלן די מגפה פון שנאת ישראל.

די אַמעריקאַנער אידישע קהילה — וועלכע איז דער שטאַרקסטער און איינפלוסרייכסטער אידישער קיבוץ אין דער וועלט — איז זייער אַקטיוו און זוכט מיטלען איינצושטילן דעם מורא׳דיקן פייער פון שנאת ישראל וואָס פלאַקערט אין די לענדער פון יענער זייט ים.

די אַמעריקאַנער אידן באַנוצן זיך מיט די אַלטע, אויספּרובירטע 3 מיטלען, די זעלבע וואָס אונזער פאָטער יעקב האָט באַנוצט קעגן עשו הרשע — ווען ער האָט זיך צוגעגרייט אים צו באַגעגענען: דורון, תפילה און מלחמה.

דער ערשטער מיטל, „דורון", האָט היינט באַקומען אַ מאָדערנעם נאָמען: שתדלנות. די יעניקע אידישע פירער, וואָס האָבן אַ צוטריט אין די הויכע פענסטער און האָבן השפעה אויף די ניט־אידישע גדולים וועלכע האָבן די מאַכט, פּרובירן מיט אַלע כוחות און מיטלען זיי באַ־איינפלוסן צו העלפן אונז. צום באַדויערן איז דערווײַלע קיין ממשות׳־דיקע הילף נאָך ניט געקומען.

דער צווייטער מיטל, „תפילה", וועלכער איז אין אונזער פאַל

אַן אָפּענער אַפּיל צום געוויסן פון דער וועלט, צו יעניקע פעלקער וואָס האָבן נאָך ניט פאַרלוירן דעם געפיל פון יושר און גערעכטיקייט.

דער דאָזיקער מיטל איז אַ זיכערער דורכפאַל, פּשוט דערפאַר, וואָס די עלעמענטן וועלכע האָבן נאָך אין זיך אַ מענטשלעך געפיל זיינען אין דער איצטיקער פינסטערער צייט מאַכטלאָז און דערשראָקן; און די טיראַנישע הערשער, וועלכע פילן זיך איצט שטאַרק און מעכטיק, זיינען טויב צו דער שטים פון מענטשלעכקייט.

אויך דער דריטער מיטל פון אַמעריקאַנער אידן, „מלחמה“, האָט ניט געבראַכט קיין גוטע רעזולטאַטן. דער באָיקאָט אויף נאַצי־סחורות האָט אומגליקלעכערווייז ניט אָפּגעשראָקן די טיוולאַנישע דיקטאַטאָרס און האָט נאָך מער אויפגעהעצט זייער בייזן גייסט און נאָך ערגער געמאַכט די לאַגע פון די אומגליקלעכע אידן, וועלכע זיינען געכאַפּט אין דער נעץ פון די ווילדע חיות.

דאָס אידישע האַרץ איז צעבראָכן. די כמאַרע און וואָלקנס ווערן געדיכטער, דער הימל איז פינסטער אַן אַ שטראַל ליכט און דער איד, אַ צעבראָכענער, אַ דערשראָקענער און אַ דערנידערטער, שטייט אויף דער שוועל פון נייעם יאָר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און צעבראָכן געמיט און פרעגט: „מאין יבוא עזרי?“

אַן אַנדער פאָלק פון די אומות העולם, אונטער ענלעכע אומשטענדן ווי די אידן געפינען זיך איצט, וואָלט אָנגעשטרענגט אַלע פיזישע כוחות ביז צום העכסטן פונקט צו קעמפן קעגן די שונאים ביז צום סוף.

בלוטיק וואָלט געווען דער קאַמף און וואָלט געבראַכט פאַרניכ־טונג און צעשטערונג איבעראַל און דאָס וואָלט וואַרשיינלעך געווען דער סוף פונעם אונטערדריקטן פאָלק, וואָס וואָלט פאַרשלונגען גע־וואָרן און אַראָפּ פון דער ערד, פּונקט ווי אַ סך אַזעלכע פעלקער וואָס האָבן פּאַסירט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

אַנדערש זיינען אָבער די וועגן פון דעם אייביקן אידישן פאָלק. פון דעם גאַנץ פריען עבר, פון דעם געבורט פון דער אידישער אומה מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ביז צום היינטיקן טאָג, זיינען אידן אַנ־דערש פון אַנדערע.

די שטאַרקייט פון אידן איז ניט אין זיין פיזישן כוח, נאָר אין זיין גייסט, אין די הייליקע אידעאַלן פון תורה און טראַדיציע.

אָנהויבנדיק מיט אַברהם אָבינו, דער פאָטער פון אידישן פאָלק, וועלכער האָט אַליין געקעמפט גייסטיק קעגן אַ גאַנצער פאַרווילדעוועטער וועלט און האָט מיט מסירת נפש געפּריידיקט און דורכגעפירט זיין הויכן אידעאַל פון גלויבן אין אַחדות הבורא.

די גאַנצע 4 טויזנט-יעריקע אידישע געשיכטע איז דורכגעדרונגען מיט אַן עקשנות׳דיקן קאַמף פאַר הויכע אידעאַלן קעגן דער גאַנצער וועלט.

שטענדיק און איבעראַל אַ קליינע מינאָריטעט און אַרומגערינגלט מיט מעכטיקע שונאים — דאָך שטייט דער איד און איז מבטל זיינע פייניקער.

ס׳איז מערקווירדיק, אַז נאָך יעדער צרה און בהלה קומט דאָס אידישע פאָלק אַרויס שטאַרקער טראָץ זיינע גרויסע פאַרלוסטן.

אויך אין דער איצטיקער שטורעמדיקער צייט, ווען אַלע מיטלען פון קאַמף קעגן דער רשעות׳דיקער וועלט זיינען דורכגעפאַלן, זעען מיר דעם פינגער פון דער השגחה, וואָס רופט אונז זיך צוריק-צונעמען צו די אַלטע כלי-זיין: איגנאָרירן אונזערע שונאים און שטאַרקן דעם אינערלעכן גייסט.

אונזער גאַנצע ענערגיע דאַרף אָנגעווענדעט ווערן צו שטאַרקן די רייען פון אינעווייניק און דערצו איז פאַראַן בלויז איין וועג: דער צוריקקער צו די אַלטע מקורות פון תורה און טראַדיציע.

צו-וויט זיינען מיר אַוועק פון אונזער מקור אין די לעצטע עטלעכע דורות. מיר האָבן פאַרלאָרן דעם אידישן פּרצוף און אָפּגעהאַקט די קייט וואָס פאַרבינדט אונז מיט דעם גרויסן עבר, און דערפאַר פילן מיר די דערנידעריקונגען און באַליידיקונגען פיל טיפער און שמערצלעכער ווי אין די פריערדיקע דורות. אַלס שוואַכע אידן, איז דער ווייטיק וואָס מיר ליידן ווי אידן שאַרפער ווי ווען אידן זיינען געווען שטאַרקער.

דער ערשטער שריט דאַרף זיין אַ קערנדיקע, ברייטע אידישע דערציאונג פאַר אידישע קינדער. און דער חינוך דאַרף זיך אויסשפּרייטן און פאַרטיפן פאַר דער יוגנט און אויך פאַר עלטערע.

דער פּראָגראַם פון לערנען דאַרף אויסגעברייטערט ווערן און איינשליסן אַלע נויטיקע לימודים וואָס ווען עפענען די קוואַלן פון אונזערע אוצרות פאַר אידן און זיי באַקענען מיט די שאַפונגען פון אונזער תורה, נביאים, גאונים, חכמים און דענקער פון אַלע צייטן.

אונזער איינציקער און בעסטער ענטפער צו די שונאי ישראל איז — אַ מעכטיק־גייסטיקער אידיש פאָלק. „נצח ישראל לא ישקר". אונזער שטאַרקייט ליגט אין דער אידישער תורה און טראַדיציע, איינגעפלאַנצט אין די קינדער פון אידישן פאָלק.

23־טער סעפּטעמבער, 1938.

די פּראָבלעמען פון אידישער דערציאונג און זייער תיקון

עס איז קודם־נויטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן די אידישע מאַסן אויף אַ קאַרדינאַלן טעות אין דעם ענין פון אידישן חינוך.

די יעניקע וואָס זיינען ניט באַהאַוונט אין דער פראַגע פון דערציאונג זיינען אונטער דעם איינדרוק אַז אַלץ וואָס איז נויטיק פאַר אַט־דעם צוועק איז: 1) פּאַסיקע חינוך־אינסטיטוציעס, 2) קאָמפּעטענטע, אויפריכטיקע לערער, 3) אַ גוטער לערן־פּראָגראַם אונטער דער אויפזיכט פון פעאיקע און ערלעכע פירער. און ווען דאָס אַלץ איז דערגרייכט, דאַן איז די אַרבעט אָפּגעטאָן.

קיינער קען ניט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז די אַלע אויבנדערמאָנטע זאַכן זיינען פון דער גרעסטער וויכטיקייט און אַז אָן דעם קען קיין רייד ניט זיין וועגן אַ דערפאָלגרייכער אידישער דערציאונג. מען דאַרף אָבער אויך וויסן, אַז דאָס איז נאָך ווייט ניט גענוג צו פאַרזיכערן דערפאָלג.

בכדי צו מאַכן פּראָגרעס איז צו דעם אַלעמען פּאָזיטיוו נויטיק די הילף און קאָאָפּעראַציע פון יעדן אידישן פאָטער און מוטער צום אַלעם ערשטן אין דעם וויכטיקן שריט פון אַנשליסן די תלמידים.

עס איז ניט קיין סוד, אַז דער שווערסטער פּראָבלעם איז אַריינ־צוקריגן די טויזנטער אידישע קינדער וועלכע גייען אַרום אָן אַ ברעקל אידישן חינוך. און פאַר דעם איז נויטיק דער אינטערעס און פאַר־שטענדעניש פון די עלטערן, ווייל קיין צוואַנג פאַר דעם איז דאָך ניטאָ און עס הענגט אָפּ אינגאַנצן אין דעם רצון פון די עלטערן.

אידישע עלטערן דאַרפן פאַרשטיין די גרויסע וויכטיקייט פון אידישער דערציאונג און זאָרגן אַז זייערע קינדער זאָלן באַזוכן די חינוך־אַנשטאַלטן.

זיי מוזן באַגרייפן אַז דער חינוך איז אַ לעבנס־פראַגע און אַ נויט־ווענדיקייט סיי פון אַ פּערזענלעכן און סיי פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנד־פּונקט.

פּונקט ווי עלטערן זאָרגן פאַר זייערע קינדער׳ס פיזישע באַ־דערפעונישן ווי עסן, טרינקען און קליידונג, דאַרפן זיי אויך זיך פאַרטראַכטן וועגן דער שפּייז פאַר זייער נשמה.

די ליידן וואָס אידן לעבן אַדורך אין די איצטיקע צייטן איבער דער וועלט האָבן צעבראָכן אַפילו די יעניקע וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין אַ רעליגיעזן און טראַדיציאָנעלן וועג.

צען־פאַך ביטערער און ערגער פילן די ליידן און דעם ווייטיק די יעניקע אידן וועלכע האָבן קיין אידישע דערציאונג נישט געקראָגן. ווייל די באַוואוסטזיניקע אידן קענען איבערטראָגן די צרות מיט אַ געפיל פון כל־ישראל, מיט מסירת־נפש פאַר דעם אידישן גלויבן און טראַדיציעס; ביטער איז אָבער פאַר דעם יעניקן וואָס ליידט און ווייסט נעבעך ניט פאַרוואָס און פאַר וועלכן צוועק ער ווערט באַשטראָפט.

מיר, אַמעריקאַנער אידן, לעבן, ברוך השם, איצט אין אַ גוטן פרייען לאַנד און מיר ווייסן כמעט ניט פון קיין באַשרענקונגען. אָבער ווער קען דאָס מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אונזערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן האָבן דעם זעלביקן גליק וואָס מיר האָבן.

מיר מוזן דעריבער שטאַרקן דעם גייסט און די נשמה פון אידישע קינדער אַפילו אין אַמעריקע.

די טרייע און איבערגעגעבענע עלטערן פאַרשטייען די לאַגע און באַמיען זיך איינצופלאַנצן אין די הערצער פון זייערע קינדער צוגע־

בונדקייט צו דעם עבר פון דעם אידישן פאָלק און אין זייערע מוחות די אידישע טראַדיציעס, וועלכע זיינען אַ סם החיים פאַר דער צוקונפט פונעם וואַקסנדיקן דור.

אָן אומפאַרצייַלעכע זינד באַגייען די דאָזיקע עלטערן וועלכע פאַרנאַכלעסיקן זייערע קינדער׳ס אידישע דערציאונג, ווייל פיל ערגער איז אין די איצטיקע שטורעמדיקע צייטן צו דערציען אַ אידיש קינד אָן אַ אידישער נשמה און אָן אידישע ידיעות, פונקט ווי ס׳איז שעדלעך אָן פיזישע און קערפערלעכע באַקוועמלעכקייטן.

עס איז אומגעהויער נויטיק פון אַ פשוט׳ן, פראַקטישן און פער־זענלעכן שטאַנדפונקט פאַר יעדן געטרייען פאָטער און מוטער אָנצו־שליסן זייערע קינדער אין דער אַרמיי פון אידישע קינדערלעך וועלכע קריגן זייער אידישער דערציאונג אין אידישע חינוך־אינסטיטוציעס.

אויסער די פערזענלעכע מאָטיוון איז נאָך פאַראַן אַ טיפע פליכט פון אַ איד צו זיין פאָלק צו דערציען זיינע קינדער אין אידישן גייסט בכדי זיי צוצובינדן צו דעם אידישן פאָלק. עס איז אויך די פליכט פון די עסקנים און פירער צו טאָן אַלץ מעגליכעס צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן דעם חינוך פון אידישע קינדער.

אַלע פעלקער אין דער וועלט האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייער צוקונפט ליגט אין די הענט פונעם יונגן דור און זיי האָבן זייער גאַנצע מי און ענערגיע אַריינגעלייגט אין דערציאונגס־אַרבעט. זיי האָבן אַלע, אָן אויסנאַם פאַרמירט מחנות פון זייער יוגנט, וועלכע זיינען גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר דעם וואוילזיין פון זייער פאָלק.

אויב דאָס איז נויטיק פאַר די פעלקער, וועלכע לעבן אין זייערע לענדער אונטערן שוץ פון זייערע רעגירונגען און אַרמייען, דאַן איז דאָס טויזנט מאָל מער וויכטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק, ווייל אונזער גאַנצער כוח און צוקונפט הענגט־אָפּ פון דער איבערגעבנקייט פון די קומענדיקע דורות.

די אידישע יוגנט ווי אַ גאַראַנטיע פאַר דעם עתיד מוז דערצויגן ווערן צו ליבן און אַכטן זייער פאָלק און ווען נויטיק אויך צו זיין גרייט צו ברענגען קרבנות פאַר דער זיכערקייט פון דער אידישער אומה.

מען דאַרף אויך געדענקען און שטאָלץ זיין דערויף וואָס אידן

זיינען געווען די גאָר־ערשטע וועלכע האָבן איינגעפירט אַ סיסטעם פון חינוך־אינסטיטוציעס און עס געמאַכט אַ פליכט פאַר יעדן בירגער צו שיקן זיינע קינדער לערנען אין באַשטימטע אָרגאַניזירטע חינוך־אַנשטאַלטן נאָך מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק.

2

אַן אַגדה דערציילט אונז, אַז אין דער נאַכט ווען שלמה המלך האָט באַנייט דעם בית המקדש און אין דער זעלביקער צייט געהייראַט פרעה׳ס טאָכטער, האָט אַ מלאך אַריינגעשטעלט אַ שטעקעלע אין מיטן ים און צוזאַמענגעבראַכט זאַמד און פון דעם איז שפּעטער אויסגעבויט געוואָרן די גרויסע שטאָט רוים, וועלכע האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער חרוב־געמאַכט דעם צווייטן בית המקדש.

אידן זיינען פאַרנומען מיטן בויען און עפענען שולן, עסקנ׳ען זיך מיט אויפהאַלטן קאָנגרעגיישאָנס. אָבער די זעלבע אידן, אין דער זעלבער צייט, פאַרנאַכלעסיקן זייערע קינדער און פאַרפרעמדן זיי פון דעם אידישן קוואַל פון די הייליקע טראַדיציעס.

דער רעזולטאַט איז, אַז די קינדער פון די בויער פון שולן, ווען זיי קריגן ניט קיין אידישע דערציאונג, זיינען די יעניקע וועלכע צעברעכן און פאַרניכטן אַלץ וואָס זייערע עלטערן האָבן געבויט.

די שולד פון דעם פאַלט, נאַטירלעך, אויף זייערע עלטערן, וועלכע האָבן זייער ענערגיע אָוועקגעגעבן אויף בויען מוסדות פאַר אידן, אָבער זיי האָבן פאַרגעסן דעם עיקר — צוצוגרייטן אידן וואָס זאָלן זיך באַנוצן מיט די שולן און אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס.

אידן וואָס באַזוכן אָרטאָדאָקסישע שולן זעען פאַר זיך אַן אויפ־שריפט אויפן עמוד, דאָרט וואו דער שליח־ציבור טרעט־אויף: „דע לפני מי אתה עומד״. פאַראַן אויך אַן ענליכער אויסדרוק: „לפני מי אתם מתפללים״.

אין געוויינטלעכן זין מיינט עס, אַז מען דאַרף שטיין מיט יראת הכבוד פאַר דעם בורא עולם.

די דאָזיקע אויסדרוקן קענען אָבער אויך דערקלערט ווערן אויף אַ גאַנץ אַנדערן וועג, נעמלעך, ווי אַ פראַגע און אַ וואָרענונג צו אידישע עלטערן און אידישע עסקנים וועלכע באַזוכן די שולן און

דאַוונען אין זיי: בעפאָר ווענמען דאַוונט איר? ווער וועט דאַוונען נאָך אייך? איז דאָס חלילה דער לעצטער דור פון מתפללים?

אַ פּאָזיטיווער ענטפער קען און דאַרף געגעבן ווערען דורך אָנפילן אונזערע תלמוד־תורה׳ס און ישיבות מיט אידישע קינדער.

די אַמעריקאַנער אידישע קינדערלעך זיינען פון דער נאַטור געבענטשט מיט פעאיקייטן, איידלקייט, ערלעכקייט און מיט אַ תמימות׳־דיקער ליבע צו אַלץ וואָס איז שיין און גוט. די שולד פאַר זייער אומוויסנקייט פון די אידישע ענינים פאַלט ניט אויף זיי, נאָר אויף זייערע עלטערן, וועלכע האָבן זיי פאַרנאַכלעסיקט.

אַ וואָרט דאַרף נאָך געזאָגט ווערן איבער דער דערציאונג פון אידישע מיידלעך. אידן האָבן שרעקלעך געזינדיקט אין אַלע צייטן קעגן דעם פרויען־געשלעכט מיט דעם וואָס זיי האָבן זיי פאַרנאַכלעסיקט אין דעם ענין פון חינוך. אַפילו אין די צייטן ווען תורה־לערנען איז געווען פאַרשפּרייט, זיינען די מיידלעך געווען אויסגעשלאָסן מיט דעם פאַלשן באַגריף, אַז פרויען זיינען פטור פון די מערסטע מצוות און אַז פאַר זיי איז גענוג געווען צו וויסן אַביסל אידישקייט פון דעם וואָס זיי האָבן געזען און געהערט אין זייער היים און אויף דער אידישער גאַס. די פרויען פון יענער צייט, פון לאָיאַליטעט צו אידישע טראַדיציעס, האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט דעם און זיינען געווען לאָיאַלע פרויען און מוטערס.

עס איז מערקווירדיק, אַז אויך איצט, אין די מאָדערנע צייטן פון גלייכע רעכט פאַר פרויען, עקזיסטירט נאָך ביי אידן דער אַלטער באַגריף, אַז מיידלעך זיינען ניט באַרעכטיקט צו אַ פאַסיקן חינוך.

ווי אַ ביישפּיל קען דינען דער פאַקט, אַז פון בערך טויזנט אידישע קינדער וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין די סט. לואיסער תלמוד־תורה׳ס, זיינען בלויז אַרום צוויי הונדערט מיידלעך.

דער דאָזיקער פאַקט דאַרף אויפרעגן און באַאומרואיקן יעדן באַוואוסטזיניקן אידישן פירער. עס איז מורא׳דיק צו טראַכטן, אַז אַלע אידישע מיידלעך, מיטן אויסנאַם פון דער אויבנדערמאָנטער צאָל, וועלן ניט האָבן קיין שום באַגריף וועגן דעם עבר פון אידישן פאָלק

און זייערע ידיעות בנוגע אידישע טראַדיציעס זיינען באַגרענעצט צו אַ פּאָר מעשה׳לעך און לידלעך אין אַ זונטיק־שולע.

לויט אונזער דערפאַרונג מוז געזאָגט ווערן, אַז די אידישע מייד־לעך ווייזן אַרויס גרויסע פעאיקייטן. זיי זיינען די בעסטע שילערינס און זיינען איבערגעגעבן צו די אידישע לימודים מער ווי די אינגלעך.

זייער ראָלע ווי צוקונפטיקע מוטערס מאַכט עס נאָך וויכטיקער אַז זיי זאָלן דערצויגן ווערן אין אידישן גייסט.

עס איז די האָפענונג פון די יעניקע וועלכע זיינען פאַראינטע־רעסירט אין חינוך, אַז אידישע עלטערן וועלן מאַכן אַ חשבון הנפש אין די הייליקע טעג און זיך אַריינטראַכטן אין דער לעבנסוויכטיקייט פון דער דערציאונג פון זייערע קינדער — די אינגלעך און די מייד־לעך — אָנפילן די תלמוד־תורה׳ס און ישיבות מיט אידישע קינדער און דערמיט פאַרזיכערן די צוקונפט פון זייערע קינדער און אויך ברענגען שטאַרקייט און זיכערקייט פאַר דעם אידישן פאָלק.

13־טער סעפטעמבער, 1939.

די נייע ראָלע פון אַמעריקאַנער אידן

אַמעריקאַנער אידן אַלס אַ כלל האָבן דורכגעמאַכט דריי וויכטיקע תקופות דורך דער צייט וואָס זיי האָבן זיך איינגעפונדעוועט אין אַמעריקע אין גרויסע צאָלן, אין באַצוג צו זייער דינסט און התחייבות צום אידישן פאָלק.

אין דער גאַנץ ערשטער צייט האָבן אַמעריקאַנער אידן זיך נוצלעך געמאַכט דורך דער מאַטעריעלער הילף וואָס זיי האָבן געשאַפן פאַר זייערע אָרעמע, ליידנדיקע ברידער און שוועסטער אין איירָאָפּע.

מען האָט דאַן אויף דעם אַמעריקאַנער אידן געקוקט ווי אויף אַ רייכן פעטער, אַ פּראָסטער אָלרייטניק, אָן תורה און אָן דרך־ארץ, אָבער אַ וואוילער אין כאַראַקטער און די הויפּט־זאַך — אַ פאַרמעג־לעכער.

אַט־דער בליק אויף אַמעריקאַנער אידן איז ביז אַ געוויסן גראַד געווען אַ באַרעכטיקטער. ווייל אין די ערשטע יאָרן זיינען קיין אַמע־ריקע געפאָרן אידן פון ניט אַ זייער געהויבענעם סאָרט, נאָר אַזעלכע וועגן וועמען די היימישע בעלי־בתים פלעגן זאָגן: „אַ מצוה אויף זיי“. אַמעריקע איז דער ריכטיקער אָרט פאַר זיי און דאָס שטעטל האָט נישט זייער שטאַרק געפילט זייער פאַרלוסט.

פון צייט צו צייט האָט פּאַסירט, אַז צוליב אויסערגעוויינטלעכע סיבות האָט אַ בכבודיקער איד „נעבעך“ געמוזט אַוועק קיין אַמעריקע. די דאָזיקע געשעעניש האָט אַרויסגערופן גרויס באַדויערן און די איינוואוינער פון שטעטל האָבן באַמערקט מיט פאַרדרוס און ווייטיק: „אַן עבירה, אַז אַזאַ פיינער איד זאָל דאַרפן פאַרוואָרפן ווערן אין דער גוי׳אישער אַמעריקע“.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער קלאַס אימיגראַנטן האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט צוגרייטן אַ פעסטן באָדן פאַר ישיבות אָדער זיך פאַרנעמען מיט אַנדערע קולטורעלע טעטיקייטן.

עס האָט דאַן עקזיסטירט אַן אומאָפיציעלער אָפּמאַך, אַז די איי־ראָפּעאישע אידן זאָלן זיי די „יששכר׳ס“, צו לערנען תורה און דער־ציען דורות פון רבנים, לומדים און אינטעליגענטע אידישע פירער און אַמעריקאַנער אידן זאָלן זיין די „זבולונ׳ס“: שווער אַרבעטן אָדער האַנדלען און שטיצן די אייראָפּעאישע אידן מיט פינאַנציעלער הילף. מען מוז צוגעבן, אַז ביידע שותפים האָבן דורכגעפירט זייער חלק פון דער שותפות באמונה.

2

יאָרן זיינען אַוועק און די אומשטענדן האָבן זיך געביטן. די אַמעריקאַנער אידן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זייער ראָלע אין כלל־ישראל אַרבעט איז ניט קיין געהויבענע און זיי האָבן געמאַכט אַן ערנסטן פאַרזוך זיך ריינצווואַשן פון דער ניט־בכבוד׳יקער ראָלע.

צו דעם האָבן געהאָלפן די נייע, פול־באַוואוסטזיניקע אַריבער־געקומענע אין דעם נייעם לאַנד. דאָס איז געווען אַ בעסערער עלעמענט וואָס איז באַשטאַנען פון אײדעלע און אינטעליגענטערע ווי די פריי־ערדיקע אימיגראַנטן.

דער ערשטער שריט איז געווען צו באַפעסטיקן דעם אידישן חינוך און צו דעם צוועק זיינען געעפנט געוואָרן תלמוד־תורה׳ס און ישיבות אין אַ צאָל שטעט אין אַמעריקע.

די פירערשאַפט פון די לאַדזשעס, שולן, תלמוד־תורה׳ס און אַנ־דערע אַנשטאַלטן, פאַר זקנים און קראַנקע, איז ביסלעכווייז איבער־געגאַנגען פון דעם עם־האַרצישן אַלרייטניק, מיט דער גראָבער גאָל־דענער קייט אויף זיין ברוסט און זיין גראָבען קאָפּ, וועלכער האָט גע־שאַלטעוועט אין די אידישע אָרגאַניזאַציעס, צו דעם אינטעליגענטן און באַוואוסטזיניקן פירער.

דאָס איז ניט געווען לייכט דורכצומאַכן, ווייל די פּראָסטע עם־האַרצישע פירער האָבן ניט געוואָלט אויפגעבן זייערע פּאָזיציעס און די בעסערע עלעמענטן האָבן קיין חשק ניט געהאַט זיך צו מישן אין די קהל׳שע ענינים.

אַמעריקאַנער אידן, די בעסערע, מיט זייער חוש פאַר שיינקייט און אָרדענונג, האָבן גראַדנווייז איבערגעבויט זייערע אַנשטאַלטן און איבערגעגעבן די פירערשאַפט אין פאַסיקע הענט.

עס האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַמעריקאַנער אידישער גאַס רב־נים, עסקנים און פירער, געבוירענע און דערצויגענע אין לאַנד, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן תורה און אידישע מידות.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די אַמעריקאַנער אידן האָבן זיך באַ־פרייט פון דער אַפּוטרופּסות פון אייראָפּעאישע אידן און באַשלאָסן, אַז דער אַמעריקאַנער באָדן איז בכוח אַרויסצוברענגען אייגענע אי־דישע גייסטיקע, קולטורעלע און פּראַקטישע פירער, אָן דער הילף פון אייראָפּעאישע אידן.

דאָס איז געווען דער צווייטער פּעריאָד פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום.

3

מיט דעם שרעקלעכן חורבן פון אַלע באַרימטע תורה־צענטערן, גרויסע אידישע ישובים און קהילות אין אייראָפּע, הויבט זיך איצט אָן די דריטע תקופה פאַר אַמעריקאַנער אידן.

ביים היינטיקן טאָג איז ניט מער די פראַגע פון דער עקזיסטענץ

פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום. עס איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער פּראָבלעם פון דעם קיום פון דער גאַנצער אידישער אומה.

עס איז דער גורל פון אַמעריקאַנער אידן צו ראַטעווען ניט נאָר אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן זין, נאָר אויך גייסטיק צו אויסהיטן דאָס אידישע פאָלק — די שארית הפליטה — פון אונטערגאַנג. אַן אויפגאַבע, וואָס איז אומגעהויער גרויס און וויכטיק.

געוויס לייגן אידן גרויס האָפענונג אויף דעם ישוב אין ארץ־ישראל אַלס דעם גייסטיקן צענטער פאַר אידן. צום באַדויערן, איז אין דעם איצטיקן מאָמענט דער קליינער ישוב אין ארץ־ישראל נאָענט צו די בלוטיקע שלאַכטן און איז אין גרויס סכנה און דאַרף גרויס רחמים אַרויסצוקומען בשלום פון דער איצטיקער שרעקלעכער מלחמה.

אַמעריקע איז כמעט דאָס איינציקע לאַנד וואָס איז נאָך פריי און אידן האָבן די מעגלעכקייט אומגעשטערט אויפצוהאַלטן די אידישע טראַדיציעס און שמידן די קייט פון דער אידישער געשיכטע דורך תורה און מעשים טובים.

צום באַדויערן, צוליב די ספּעציעלע אומשטענדן, איז ניט פאַראַן די מעגלעכקייט פאַר אידן צו פאַרטיפן זיך אין אידישע לימודים. דער באַגריף פון לומדות האָט זיך דאָ געענדערט. זייער אַ באַגרע־נעצטע צאָל האָט די מעגלעכקייט און דעם רצון זיך איינצושליסן אין די ד׳ אַמות של הלכה מיט ערנסט. אַפילו די גרויסע, באַרימטע ישיבות דאָ אין לאַנד האָבן ניט די מעגלעכקייטן זיך אַריינצווואַרפן אין דעם „ים התלמוד“ און אַנדערע טיפע רעליגיעזע לימודים מיט דעם שוואונג פון די פריערדיקע יאָרן אין די אייראָפּעאישע לענדער.

עס איז אויך אַפילו שווער, צוליב דער ספּעציפיש־אַמעריקאַנער אַטמאָספערע, צו שאַפן פילע חינוך־אַנשטאַלטן, אין וועלכע אידישע קינדער זאָלן קענען קריגן אַ פונדאַמענטאַלע אידישע דערציאונג, וואָס זאָל באַרייכערן די אידישע קינדער מיט די אידישע לימודים וועלכע זיינען די מינימאַלע נויטיקייט זיך צו באַקענען מיט די דינים, מנה־גים און טראַדיציעס.

ווי געזאָגט האָט די אידישע געשיכטע אַרויפגעלייגט אויף אַמע־ריקאַנער אידן אַן אומגעהויער־גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זיין

די רעטער פון אידנטום און צו טאָן די אַרבעט פון יוסף הצדיק לויט זיין אויסדרוק: „כי למחיה שלחני״.

עס איז אָבער פאַראַן אַ גרויסע געפאַר, אַז אַמעריקאַנער אידן זאָלן אין די דאָזיקע שטורעמדיקע צייטן פאַרנאַכלעסיקן זייער הייליקע היסטאָרישע פליכט צו זייער פאָלק און דער איצטיקער היסטאָרישער צייט, צוליב די פאָלגנדיקע וויכטיקע סיבות:

די גאַנצע וועלט און באַזונדערס דאָס אַמעריקאַנער פאָלק און צווישן זיי אויך די אידישע באַפעלקערונג פילן די שווערע לאַסט פון דער וועלט־מלחמה און מוזן אָנווענדן זייער גאַנצע ענערגיע צו באַזיגן די פינסטערע כוחות פון די דיקטאַטאָרס און רשעים וואָס ווילן פאַרשקלאַפן אַלע לענדער און אַלע פעלקער.

די דאָזיקע אומשטענדן זיינען אַ שטערונג צו קאָנצענטרירן זיך אין די ספּעציפיש־אידישע אינטערעסן.

אידן מוזן אָבער אין דער זעלבער צייט האַלטן זייערע אויגן אָפן און אויסמיידן די מורא׳דיקע סכנה פון פאַרנאַכלעסיקן די אינטערעסן פון פאָלק ישראל אַפילו אין די איצטיקע צייטן פון דער סכנה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ווייל עס איז פאַראַן די געפאַר צו פאַרלירן די אידישע צוקונפט אַפילו ווען די ליבעראַלע כוחות פון דער וועלט זאָלן באַזיגן די שוואַרצע כוחות און געווינען דעם קריג.

עס איז צו האָפן, אַז אין יעדער אידישער קהילה אין אַמעריקע געפינען זיך די ווייטזעענדיקע אידישע פירער — די איינציקלעך פון ר׳ יוחנן בן זכאי — וועלכע האָבן אָפענע אויגן און וועלן אויף קיין איין רגע ניט פאַרנאַכלעסיקן די אידישע אינטערעסן.

די הויפּט־זאַך איז: צוגרייטן די יוגנט, דעם נייעם דור, צו טראָגן דעם עול פון דעם עתיד פון דעם אידישן פאָלק.

11־טער סעפּטעמבער, 1942.

Dedicated to My Dear Wife

GITEL

on the occasion of our

GOLDEN ANNIVERSARY

Library of Congress Catalog Number: 64-22351

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

JEWISH LIFE IN AMERICA

A Review and Impressions of Jewish Life in the United States

By

Leon Lander

New York

1964